STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10267

VEGN SHRAYBER UN VERK

Kh. Dunets

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כ. דונעץ

וועגן שרײַבער און ווערק

מעלוכע-פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
נאצסעקטער — מינסק — 1933

רעדאקטער—אָ ש ע ר אָ ו ו י ט ש
טעכרעדאקטער—ק א ר פ י נ אָ ו ו י ט ש

אָפּגעגעבנ אינ זאצ—19/III 1933 י.
אונטערגעשריבנ צומ דרוק—33. 25/V 1933 י.
פאראנט קאָרעקטער פונ דרוקערײַ—ש ט ר י ק מ א נ

דרוקערײַ א. ב. סטאלינ.
באשטעלונג 829.
טיראזש 3000.
גלאווליטבעל 1309.

פיר טעזיסן וועגן „קײַלעכדיקע וואָכן“.

I

1. „קײַלעכדיקע וואָכן“ הייבט אופ צו א נײַער הייך כאריקס קינסטלערישן גײַסט. כאריקס וועג גייט אזוי: פונ אלגעמיינ־באגײַסטערטע לידער, געווונגענע צו דער פראָ־לעטארישער רעוואָליוציע (די גאָר ערשטע לידער), צו באזינגען די קאָנקרעטע רע־וואָליוציאָנערע פראָצעסן, ווי זיי ברעכן זיך איבער אינ דער נאציאָנאלער סוויווע. וועגן דאָס לעצטע רעדט שוינ אויסגעשפּראָכן די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס“. נאָכ־דעם גייט דער עטאפּ, וואָס איז ניט פרײַ פונ וואקלונגען—די צערייצטע שורעס פונ „ש עטעלע, פארשווינד“, דעזאָריענטירטע, צעשויבערטע געדאנקען פונ „קאטערינקע“ — ביז די לידער וועגן „ייִדן אפ ערד“—ביז דער פּאָעמע „ברויט“. די לעצטע איז דער קער צו א ווײַטערדיקן עטאפּ, ווען כאריק דערנענטערט זיך שוינ צו קינסטלע־רישן אויספורעמען די קאָנקרעטע פראָצעסן פונ דער רעוואָליוציע, אינ דער אומ־געבונג פונ אופשטעלונג אונ בויונג. אָבער זי, די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, איז נאָכ פאר אים דאנ ניט אופגעדעקט אינ איר גאנצער אלזײַטיקײַט: אינ דער פּאָעמע „ברויט“ ווערט געשילדערט, ווי די רעוואָליוציע לייזט אויס ניט אזוי א ה אָ ר ע־פּ א ש נ ע ם ייִד, ווי א ג ע ל י ט ע נ ע ם ייִד.

כאריקס פּאָעמע, וואָס גיט די שילדערונג פונ שטעטל אינ דעם ערשטן פּעריאָד פונ רעקאָנסטרוקציע פונ אונדזער לאנד, — „מיט לײַב אונ לעבן“ — אנטפּלעקט זײַנ ווײַטערדיקע נײַע שטופּע. אינ „מיט לײַב אונ לעבן“ לייקנט דער דיכטער אָפּ דעם טעזיס „שטעטעלע. פארשווינד“, די פּאָעמע לייקנט אויכ אָפּ דעם באגרענעצטן שטריכ פונ „ברויט“—סײַ די ניטדיפערענצירטע ליניע פונ שטעטל, אזוי דעם קוק אפ דער איבערוואנדערונג, ווי דעם איינציקן וועג פונ נאציאָנאלער באפרײַונג פאר די ייִדישע האָרעפּאשנע מאסן. „מיט לײַב אונ לעבן“ באשטעטיקט שוינ עקזיסטענצ־בארעכטי־קונג פונ שטעטל אינ די באדינגונגען פונ סאָציאַליסטישער בויונג. עס גלאנצט שוינ אופּ דער אָנזאָג פונ „שטאָלענער“ רעקאָנסטרוקטיווער פּערספּעקטיוו. די ווייטיקן אינ אָט דער פּאָעמע קומען פונ שטעטלס אָפּשטײַג, פונ ארבעטלאָזיקײַט אונ קאָנסערוואַ־טיזם, וואָס דארפן נאָכ אויסגעוואָרצלט ווערן. די ליכטיקע פײַערן אינ איר אונ דער גלויבן קומען פונ די קאָלווירטן אונ סעליפאקטערס, פונ די אויסזיכטן אפ אָנטאָג דאָס שטעטל אינ „שטיינ אונ שטאָל“.

דידאָזיקע עטאפנ האָבנ צוגעגרייט דעמ נײַעמ העכערנ עטאפ פונ „קײַלעכדיקע וואָכנ". כאריק האָט אינ ווײַטערדיקנ שאפנ זײַנ קינסטלערישע אידייע פארטיפט, ער האָט זײַנע קאָנקרעטע נאציאָנאלע סיטואציעס שוינ מער פולקאָמ דערזענ אינ די פארבינדונגענ אונ אינ דער אנטשפרעכנדיקער אָפהענגיקײַט פונ די אלגעמײַנע רעוואָלוציאָנערע פראָצעסנ אינ אונדזער לאנד אונ אפ דער צווישנפעלקערלעכער ארענע. ער האָט דערזענ די ייִדישע האָרעפאשניקעס אונ פראָלעטאריער אײַנגעשלאָסנע אינ דעמ גרויסנ אינטערנאציאָנאלנ פראָנט פונ פ.ס.ס.ר. אינ, ווידער, די ייִדישע גאָמבינערס (בורזשואזיע) אונ שעדיקער,— אינ זייער „סמיטשקע" מיט דעמ „ניט־ייִדישנ" קלאסנ־סוינע; ער האָט ריכטיק דערזענ די וואָרצלענ פונ לענינישער נאציאָנאלער פאָליטיק—אונ דאָס לעצטע איז בא אימ נאטירלעכ געוואָרנ א פונקציע פונ דער גאנצער סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקטיווער ארבעט אינ אונדזער לאנד.

אויכ אפ די פריִערדיקע עטאפנ האָט כאריק געזונגענ א הימנ דער נאציאָנאלער פאָליטיק פונ אונדזער פארטיי. אָבער אינ „קײַלעכדיקע וואָכנ" איז עס געגעבנ מיט גרעסערער אויסשעפנדיקער קלאָרקײַט. „קײַלעכדיקע וואָכנ" איז אנ אלגעמײַנע ווערק וועגנ רעקאָנסטרוקציע, געגעבנ אפ א נאציאָנאלער סיטואציע, אונ איז אינ דערזעלבער מאָס א דאָקומענט פונ נאציאָנאלער באפרײַונג, ניט נאָר ניט געקוקט אפ דעמ אלגעמײַנעמ פאָנ פונ רעקאָנסטרוקציע, נאָר טאקע צוליב דעמ. די דיאלעקטישע פאָרמול איז געפונענ געוואָרנ, אונ כאריק האָט זיכ אופגעהויבנ אפ א נײַעמ העכערנ עטאפ.

בא א פראָלעטארישנ דיכטער, וואָס האָט געדארפט שטיינ אינ קאמפ מיט א שטארקנ נאציאָנאליסטישנ שטראָמ אינ דער ביז־אָקטאָבער־ליטעראטור אונ אויכ נאָכ איר, בא א דיכטער, וואָס האָט זיכ „אָפגעשטויסנ" פונ נאציאָנאלנ מאָמענט, דארפ מענ צווישנ אנדערס זוכנ פעלערנ לויט דער נאציאָנאלער ליניע אונ זענ זײַנ וווּקס אויכ לויט דעמ ווידערשטאנד, וואָס ער ווײַזט ארויס אפ דערדאָזיקער ליניע. כאריקס „סאָציאלע נאטור" דארפ מענ אויספרוווּנ כוצ אלצ לויט דעמדאָזיקנ סימענ. וועט מענ דאָס טאָנ, וועט מענ דערזענ, אז אָנשטאָט די פלעקנ פונ באשרענקטקײַט אינ באזונדערע ערטער פונ כאריקס פריִערדיקע ווערק זײַנענ אינ „קײַלעכדיקע וואָכנ" אופגעקומענ נײַע העלע שטריכנ, וואָס באווײַזנ די באָלשעוויסטישע גרונטנ פונ נאציאָנאלער באפרײַונג.

מיט דאָס אלצ געזאָגטע דערקלערט זיכ אויכ די געזעצמעסיקײַט דערפונ, וואָס כאריק מאָביליזירט א גרויסנ נאציאָנאל־היסטאָרישנ מאטעריאל אינ „קײַלעכדיקע וואָכנ", וואָס ער קערט זיכ דאָ שטענדיק צומ „נעכטנ". אנדערע ווילנ אינ דעמ אײַנזענ א געוויסנ דרוק פונ דער „נאציאָנאלער יערושע" אפנ דיכטער. דאָס איז ניט ריכטיק. גראָד פארקערט. דאָס איז א באווײַז, אז כאריק האָט באקומענ אזויפיל אידייִש־קינסטלערישע רעסורסנ, אז ער פארנעמט זיכ, אונ מיט גרויס דערפאָלג, צו געבנ א שלאכט דעמ נאציאָנאליזמ פונ נעכטנ (וואָס לעבט נאָכ הײַנט), צי מאכנ א „ווילאזקע" אינ דער יערושע אונ דאָרטנ אנידערוואלגערנ די שלוימע־נאָגידישע ראָמאנטיק. אויב כאריק ווענדעט זיכ אינ „קײַלעכדיקע וואָכנ" צו דעמ נעכטנ, איז עס מיט דער באָלשעוויסטישער אײַנשטעלונג זי צו מאכנ פאר א וואָפנ פונ דעמ הײַנט. פונקט

אזוי קערט זיך כאריק צו דעם מאָרגן, וועלכער דערמוטיקט די ענערגישע שטרעבונגען פון אונדזער הײַנט. דאָס איז ניט כאריקס שוואכקײַט, נאָר זײַן גרויסער זיג.

דערבײַ דארף מען אונטערשטרײַכן, אז דער ווענדן זיך צום נעכטן איז, ווי אַלץ אין דעם בוך, א פונקציע פון כאריקס הויפּט־אויפגאבע — צו ווײַזן די קאָנקרעטע קלאסן־שלאכטן, אין וועלכע עס זיגט דער פּראָלעטאריאט.

2

די ווירקונג־קראפט פון „קײַלעכדיקע וואָכן" ווערט אין דער ערשטער ריי דערקלערט דערמיט, וואָס מיט דער הילף פון מעכטיקע העכסט־קינסטלערישע מיטלען און מיט א גרויסער פאקטישער ארגומענטאציע איז אינעם ווערק אויפגעדעקט געוואָרן די רעוואָליוציאָנער־פּאָרמירנדיקע, באנײַענדיקע, גראנדיעזע קראפט פון דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע. עס ווערט אויפגעדעקט דער דראמאטיזם פון אקטועלע אנטשיידנע סאָציאַלע שלאכטן. דאָס פארוואנדלען די „מאָכן" און „בלאָטעס" אין א הייץ־באזע פאר דער עלעקטריפיצירטער ווײַסרוסלאנד, געגומען אפן פּאָן פון דער רעקאָנסטרוקציע אין מאסשטאב פון גאנצן פ.ס.ס.ר., ווערט אין די „וואָכן" דערהייבן צו א העלן סימבאָל פונעם סאָציאַליסטישן איבערגעשטאלטן די עקאָנאָמיק פון אונדזער לאנד, אונדזערע קאמפן ווערן גענומען ווי פאקטאָרן פון איבערפאָרמירן דעם מענטשן־מאטעריאל, פון אויסוואָרצלען דעם באלעגוף און פאראזיט, וואָס, אף זײַן אָרט — דעם אָרט פון כעזקל גאָמבינער און „טכוירענעם ראָוו", — קומט א נײַער זיגערישער און שעפערישער קלאס — דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאריאט, קומען „די גאו בארעס, די מוליארעס, מאָטאָריסטן, טראקטעריסטן, און די שטרענגע מעטאליסטן".

דעם גאנג פאָרויס אין דער קולטור און אין די געזעלשאפטלעכע באציִונגען זעט כאריק ניט ווי א אינטעליגענטישער „מענטשן־פרײַנט", נאָר ווי א רעזולטאט פון זיג פון ארבעטער־קלאס און זײַן פּלאנאָווער ווירטשאפט.

דעריבער איז אזא שארפער קלאסן־שטעמפּל אוועקגעלייגט אף כאריקס באציִונג צו מענטשן: גרויסע ליבע צו ארבעטער, קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן; סינע, סארקאזם, שפּאָט צו די גאָמבינער, ראבאָנים און גאלאָכים, שעדיקער.

זוכנדיק די דערהייבנקײַט פון דעם מענטשן אין אונדזער עפּאָכע, געפינט עס כאריק אין דעם באראק פון טאָרפיאניקעס; ער רײַסט אופ גראפישע, פּאטריארכאלפּריציש־פעאָדאל־קלעריקאלע ראָמאנטיק, און באשטעטיקט, פירט ארויס, די רעאלע ראָמאנטיק פונעם איצטיקן פּראָלעטארישן רעוואָליוציאָנערן דאָר; ער קאָמפּראָמעטירט נאציאָנאלן „אידעאל", נאציאָנאלן קאָנסערוואטיזם, און שטעלט אוועק אָנשטאָט דעם — קויען פון אינטערנאציאָנאלער ברידערונג.

עקואָלטירט פאר דער גראנדיעזער קולטור־שאפונג, וואָס גייט אין אונדזער לאנד, ווארפט כאריק אָפּ „די קולטור צוליב קולטור" — פּאָזיציע פון קולטור־טרעגערישע אינטעליגענטן — א בורזשואזע פּאָזיציע אין איר טאָך — און באווײַזט די קלאסן־סטימולן פון אונדזער סאָציאַליסטישער קולטור.

זײַנע אָרנאמענט־ארטיקע, מוזיקאליש־דערהייבענע אָנהייב־און שלוס־קאפּיטלען פון „קײַלעכדיקע וואָכן" האָט כאריק געזעצלעך געשענקט די העכסטע פאָרמען פון דער מענטשלעכער רעוואָליוציאָנערער קולטור, באשאפן אין אונדזער לאנד לויט דער געניאלער אידייע פון לענין: די אוווערטיורע צו „וואָכן" דעקט אופ די שעפערישע

קראַפט פון דעם סאָציאַליסטישן געוועט, דער שלוס־קאַפּיטל, ווידער, גיט דעם סאַכאַקל פון דעם שעפערישן ענטוזיאַזם,— דעם אויסגעבויטן סטאַלינסטאַן. אַזוי באַווײַזט כאַריק די רעוואָליוציאָנערע שאַפונג פון דעם „פאַרמורזועטן שטומען פלעביי״, פון דעם פראָלעטאַריאַט.

3

וואָס איז אַזוינס כאַריקס „קײַלעכדיקע וואָכן״ לויט דער קינסטלערישער פאָרם— אַ פּאָעמע? אַ סעריע פּאָעמעס? אַ סימביאָז פון סאַטירע און אָדע? אַ צוזאַמענגעזעצטקייט פון עפּיטאָפּיע און פײַערלעכער סימפאָניע? אָט די אַלע פאָרמעס זײַנען פאַראַן אין „קײַלעכדיקע וואָכן״ און קיין איינע פון זיי פאַלט ניט אַרויס פון דעם פּלאַן, אַלע זיי פּאַסן זיך אײַן אין דער דיכטערישער געבײַדע. די סאַטירע, געווענדעט קעגן קלאַסן־פײַנט און אָפּאָרטוניסט, האָט איר בײַסיקן ציל. די אָדע־אַרטיקע ליד דערהייבט דעם ליבגעזאַנג צום סאָציאַליזם, די עפּיטאָפּיע פאַרצייכנט מיט סאַטירישן אויסשפּאָטן דעם אומקום פון אַלטע קלאַסן, און דאָס אַלץ צוזאַמען איז איין גרויסע פּאָעמע וועגן דעם ערעוו פון דער אָנקלאַסאָווער געזעלשאַפט. כאַריק האָט אַסימילירט די אויסגערעכנטע פאָרמעס און דורך זיי באַשאַפן אַ ריטמישע ווערק פון סאָציאַליזם, וואָס איז רײַך מיט קלאַנג און פאַרב, פּלאַסטישער און מאָלערישער בוילעטקײַט און אויסדריקלעכקײַט, וואָס באַזירט אַף מאַקסימאַלער קאָנדענסאַציע, אידייִשער יאָדערדיקײַט און אַלגעמיינקײַט, היסטאָרישער געזאַפּטקײַט און אַקטועלער ווערטיקײַט, סאָציאַלן טעמפּעראַמענט און פּראָלעטאַרישן דראַנג.

אַ קינסטלערישע רײַך־אינסטרומענטירטע ווערק פון אונדזער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג!

אין „קײַלעכדיקע וואָכן״ האָבן זיך איבערגעוועבט מעכטיקסטע קינסטלערישע מיטלען מיטן הויכן רעוואָליוציאָנערן דראַנג. כאַריקס שילדערונג־קראַפט האָט זיך אויפגעהויבן און איז אויסגעוואַקסן אין אַלע „אויסמעסטונגען״: אין דער פאַרביקײַט, מוזיקאַלישקײַט, בוילעטקײַט, וואָגיקײַט, עמאָציאָנעלער לירישקײַט, סאָציאַלער קלאַסן־אײַפעדיקײַט, אידייִשער באַזיניקטקײַט, היסטאָרישער פאַרשטאַנדיקײַט, געפיל פאַרן פּאָליטישן הײַנט, זי איז דערהייבן און איז פאַרטיפט געוואָרן, עס איז ברייטער געוואָרן איר דיאַפּאַזאָן, עס איז שאַרפער געוואָרן איר מאָטיוו און אַרגומענט, עס איז בוילעטער געוואָרן די אינעווייניקסטע אידייִשע האַרמאָניע פון אירע טיילן, עס איז אויסגעשליַיפט געוואָרן די אַרכיטעקטאָרישע געבײַ.

מיט וווּרכאַרנישער פיזיאָלאָגיש־רעאַליסטישער בוילעטקײַט ווערט אָנגעזאַפּט כאַריקס ליד („גאָלדענע לעווײַע״, די צייכענונג פון כעזקל גאָמבינערס ווילטאָג), דערבײַ איז דער ריטמישער געמעל דורכגעוועבט מיט קלאַסן־אורטייל—מיט האַס צום פײַנט און ליבע צום פּראָלעטאַרישן האָרעפּאַשניק. דער געמעל איז אָנגעזעטיקט מיט סאָציאַלן באַטײַט, ער אַפּעלירט צום סאָציאַליסטישן אינטערעס, אין אים שוימט קאָכיקער בלוט.

אין „קײַלעכדיקע וואָכן״ איז קאָנדענסירט אַן אויצער פון פּראָלעטאַרישער פרייד־דיקײַט. זעלטן וועלכע ווערק אין אונדזער ליטעראַטור דעקן אויף אַזאַ טיפן קוואַל פון גלויבן, וואָס לעבט אין דעם אַרבעטער־קלאַס פון אונדזער סאָציאַליסטישער לאַנד. כאַריק האָט באַוויזן די פרייד פון דעם פּראָלעטאַריאַט מיטן רעאַלן מאָרגן— דערזען דידאָזיקע פרייד שוין אַ דורכגעפילטע אַפילע פון דעם אָפּגעשטאַנענעם

טאָרפּ־ארבעטער, דערזען אזא פרייד, ווי זי וואקסט אויס אין די קלאסן־קאמפן מיטן קולאק, אין די זיגן איבער די גרויסע שוועריקייטן, אין די גרויסע שטרײַטן פון דעם סאָציאַליסטיש־אָרגאניזירטן פראָלעטאריאט מיט די ווילדע „טאָרפן" און „מאָכן" פון ווײַסרוסלאנד.

דראנג, רויש, לעבן, ארבעט אין פארשיידענע סיטואציעס, פארטייקאמף, קלאסן־שיכטונגען (ארבעטער, פויערים, באַלעגופים, נעגידים־מאיאָפּעסניקעס, קלעריקאַלן, שעדיקער), איבערברוך אין שטייגער—דאָס אלץ ווערט ארויסגעבראכט אין קרעפּטיקע בילדער, מיט איבערראשנדיקער נײַקײַט פון קאָמפּאנירן און קאָמבינירן דעם מאטעריאל, מיט א מאסע דראמאטישע עטיודן, מיניאַטיורישע סיוזשעטן, דערציילערישע עפּיזאָדן, אלע—ציל־געווענדעטע, ציל־באוווסטע, דורכגעדרונגענע מיטן שטרעבן פון קאָמוניסט־דיכטער צו געבן א קינסטלערישע פּאָרמול פון איצטיקע אנטשליסנדיקע שלאכטן פארן סאָציאַליזם.

כאריק פירט ארויס אין „קײַלעכדיקע וואָכן" א ריי געשטאלטן. זיי זײַנען קארג געצייכנט. זיי זײַנען בלויז אינערלעך באלויכטן. אזא צייכענונג איז כאריקס אייגנטימלעכקײַט. עס זײַנען בלויז באצייכנט די עמאָציאָנעל־אידייִשע פּראָפילן פונעם פּאָזיטיוון טיפּאוש—פּיניע, מיקאָלע און אנד. אָבער בא אָט דער עסקיזארטיקײַט איז פּאָרט פאראן די געשטאלט, עס איז דאָ דער סאָציאַלער פּראָפיל פון די טיפּן.

באם צייכענען טיפּאוש האָט כאריק מיט לירישער אָפּווענדונג זיך אונטערגענומען ווײַזן דעם דיאַלעקטישן וועג פון די העלדן אין זײַנע פּאָריקע ווערק: פּיניע, די לערערקע פון „מיט לײַב און לעבן". זײַן האָרעפּאשנער פּערסאָנאזש, וואָס איז ביז איצט א פארבינדעטער געווען פון דער רעוואָליוציע, ווערט שוין אין „קײַלעכדיקע וואָכן" אן אומיטלבארער סוביעקט פון דער סאָצבויונג, שטעלט זיך אין איר אוואנגארד, דער איזאנגארדישער קאָמוניסט און פּראָלעטאריער ווערט שוין כאריקס העלד, זײַן האָרעפּאשניק־פארבינדעטער ווערט אײַנגעשלאָסן אין פּראָלעטארישן פּראָנט.

מיט קראפט פון מאָלעריש־מוזיקאלישער צייכענונג גיט כאריק א בילד פון דעם סאָציאַליסטישן „זעט", וואָס איז דאָ און וואָס וועט אלץ מער שטײַגן אין לאנד. כאריקן האָט זיך אײַנגעגעבן בינדן דעם הײַנט און די גרויסע פּערספּעקטיוון פון לאנד מיט דעם געוויינטלעכן שטייגער, אנטפּלעקן די גרויסע פּערספּעקטיוון אפּ דעם „פּראָזאַישן" בילד פון „פּוכקע מאסיוון" און „קרוכקע צעוואקסענע קײַלעכן קרויט", אפּ דער וואָיל־אײַנאָרדענונג פון א קיכ פאר טאָרפּיאניקעס. דאָס גראנדיעזע, וואָס ליגט פארבאָרגן אין אונדזער שאפן, איז מיט אזא מעטאָד געוואָרן דערנעענטערט, דאָס „קלייִנלעכע" אין אונדזער לעבן איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך דעם. אָט איז א צייכן פון גליקלעכ צענויפפאסן די הויפּט־פּרינציפּן פון רעקאָנסטרוקציע מיט די „קלייִנינקע" „זעט"־באדערפענישן פון אונדזערע ארבעטנדיקע מאסן.

רעזיומירנדיק דעם טעזיס וועגן די קונסט־מיטלען פון „קײַלעכדיקע וואָכן", דארפּ מען אונטערשטרײַכן, אז די פּאָרמעלע הויפּט־עלעמענטן אין דעם בוך זײַנען—מוזיקאלישקײַט און מאָלערישקײַט. פארן אויג און אויער האָט כאריק געשאפן אין „קײַלעכדיקע וואָכן" א שלאל עסטעטישן גענוס, אין באזונדערע ערטער פילט זיך שוין אפילע אן אָנוואלגערונג פון ווילקלינגעוודיקײַט און מאָלערישער דעטאל (ארײַנפיר—„צווייטע וואכטע", „פּאָקסטראָט"). אויך דעם בארײַכערטן וואָרט־מאטעריאל האָט

כאריק פילטרירט אינ זײַנ מוזיקאליש־מאָלערישער לאבאָראטאָריע. דעם נײַעם פאָלקגעזאנג, אָרגאניש פארוועבט אינ די שלאכטנ פאר פראָמפינפלאנ, האָט זיכ אים אײַנגעגעבנ פארפאסנ אינ קאָלאָריטפולע אונ פײַנ־קלינגענדיקע שורעס (היי מאטוליע, „היי מאמוליע”).

4

די פילפלאניקײַט פונ „קײַלעכדיקע וואָכנ” אונ די גרויסע אידייע, קאָנדענסירט אינ 120 זײַטלעכ געמאָסטענע שורעס, האָט געבראכט צו א גרויסנ אלגעמײנעם בילד, אינ וועלכע ניט אלע טײלנ זײַנענ גלײַכווערטיק. אינ אנדערע פונ זײ זײַנענ פאראנ בלויזנ. די בלויזנ דארפ מענ דעריקער זוכנ אינ די געמעלנ פונ קאָנקרעטע, דעטאלע, אָרטיקע סיטואציעס פונ קלאסנ־צוזאמענשטויסנ. עס ווארפט זיכ אינ די אויגנ, אז דער קראפט פונ די נאטור־רײַכקײַטנ אונ דעם קויעכ פונ מענטשלעכער פיזישער ארבעט האָט כאריק אוועקגעשענקט פיל ליבע אונ עס געגעבנ מיט גרויסער אויסשעפנדיקײַט, מיט באזונדערע דעטאלע בילדער אונ ווענדונגענ, אָבער דערבײַ געקארגט באמ באווײַזנ די קאָנקרעטע, מער דעטאלע, „אָרטיקע” צוזאמענשטויסנ אינ דעם קלאסנ־קאמפ. אזוי איז, לעמאָשל, דער קאמפ מיט באלעגופים אפ די טאָרפ־פעלדער, וואָס ווערט פארקערפערט אינ דעם איניענ קאָרנײטשיק, ניט באוויזנ געוואָרנ ווי אנ אָנגריפ פונ קלאס: קאָרנײטשיקס טויט איז געגעבנ געוואָרנ ווי א צופעליקער פאל (ער ווערט געהארגעט באמ איבערשנײַדנ עלעקטרישנ דראָט).

דער נײַער ארבעט־מענטש אפנ טאָרפ־פעלד האָט צוגעצויגנ כאריקס אופמערקזאמקײַט, אָבער די גאליעווס אונ פיניעס — דער אוואנגארד — זײַנענ ניט גענוג קאָנקרעט אינ זײער פארטײיִשער פראקטיק, ווי טוער אונ פירער פונ א פארטײ־קאָלעקטיוו. פיניע איז נאָכ ניט געוויזנ ווי א קאָמוניסט אינ די אנטשפרעכנדיקע פארשײדנארטיקע באדינגונגענ. ער איז אפילע באוויזנ סײַ אינ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, סײַ אינ פארטײ־לעבנ (זיצונג), סײַ אינ שטײגער אונ דענקענ (די נאכט אינ באראק), אָבער איז ניט געגעבנ מיט דער מאסע, ווי א געבונדענער מיט איר.

אזוי איז אויכ מיט די אנדערע קאָמוניסטנ. כאריק גיט די דורכויסיקע מאסע אונ גלײַכצײַטיק דעם אײנצלנעם קאָמוניסט, אָבער דער גאנצער פלאסט פונ דער ארבעטער־מאסע, געבונדנ אונ דיפערענצירט, וואָס ווערט אָנגעפירט דורכ א פארטײ־קאָלעקטיוו, איז נאָכ אינ „קײַלעכדיקע וואָכנ” ניט באוויזנ מיט דער קראפט, וועלכע מיר ווילנ זענ בא כאריקנ.

ווייניק סיטואציעס זײַנענ אויסגעטײלט פאר דער שילדערונג פונ דער פארטײ־אָנפירנדיקער ראָל אינ דער גאנצער סאָציאליסטישער בויונג. דאווקע אפ די טאָרפ־פעלדער, נעכטנ פארוויסטיקטע אונ הײַנט אָנגעזאפטע מיט מענטשנ אונ טעכניק האָט געקענט בוילעט אונ עפעקטפול באוויזנ ווערנ די פארטײ!

גלענצנדיק באווײַזנדיק אינ סאטירישע שורעס דעם גאנצנ טאָכ פונ די נאצדעמאָקראטנ, — ייִדנ אונ ניט ייִדנ — אונ פונ די שעדיקער־קלעריקאלנ, מיט פרעכטיקע פאָליטישע כאראקטעריסטיקעס פונ זײערע הויפט־גרופנ, גיט כאריק זײער פארלאָרנקײַט, די שרעק פאר גע. פע. או. ער ווײַזט זײער „טויטנ שאלעסודעס”, ווי זײ „פארלאָזנ שווײַגנדיק די בימע”. דאָס איז אלצ גוט, אָבער דאָ איז גענומענ דער „ווײַטער ציל” אונ עס איז ווייניק באוויזנ געוואָרנ דער הײַנט, אינ וועלכע די ראמזינס־אועפס גײענ נאָכ אינדערעמעסנ ארומ מיט „קעצישקײַט אינ טריט”.

★

„קײַלעכדיקע װאָכנ“ טראָגט דעמ שטעמפּל פונ אונדזער װאקסנדיקער סאָװעטישער ליטעראטור, װאָס אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטײ װערט זי אלצ מער אָנגעזאפּט מיט פארטײיִשקײַט אונ קלאסנ-אקטיװקײַט, פארכאפּט זי אלצ מערער באצירקנ פונ דער סאָציִאליסטישער בױונג, בארײַכערט זי איר טעמאטיק, באהערשט זי אלצ מער די קינסטלערישע טעכניק, װערט זי אלצ מערער אײַנגעשלאָסנ אונ נעמט אקטיװ דינענ אינ די דירעקטע קאמפנ פארנ סאָציִאליזמ. כאריקס נײַע װערק איז אנ ענטפער אפ דער פאָדערונג פונ דער פארטײ צו באװײַזנ דעמ אופשטײַג פונ סאָציִאליסטישנ לאנד אונ זײַנע העלדנ. „קײַלעכדיקע װאָכנ“ איז א נײַער געלונגענער „װאָרט“ אינ קינסטלעריש פארקערפּערנ די לענינישע נאצפּאָליטיק אונ איז א באָמבע אינ דעמ ייִדישנ נאציִאָנאליזמ, מיט װעלכנ די פארטײ האָט שטענדיק אונ באזונדערס פארנ לעצטנ פעריִאָד געפירט אזא אײַנגעשפּארטנ קאמפ, א קאמפ, װאָס װערט פאָרגעזעצט אינ די שארפע אונ זיכ אלצ פארשארפנדיקע שלאכטנ פאר דער אָנקלאסאָװער געזעלשאפט...

סענטיאבער 1932.

דאָוויד בערגעלסאָנס נײַער דערפאָלג.

1

אינ די לעצטע נומערנ פונ וואַרשעווער „מאָמענט" האָט זיכ באַוויזנ די פאָלגנ־דיקע קאַריקאַטור: אפנ מיטנ גאַס, אונטערנ שײַנ פונ דער לעווּאָנע, שטייט אַנ אָנגעפּילטער וואָגנ מיט ייִדישע ביכער, אַרום איז פּוסט. מענ זעט ניט קיינ לעבעדיקנ מענטשנ. אונטער דער קאַריקאַטור האָט די רעדאַקציע געגעבנ איר דערקלערונג: „דער וואָגנ סכוירע, וואָס קאָנ דרייסט בלײַבנ אינ דרויסנ אַ גאַנצע נאַכט אונ קיינער זאָל ניט גאַנווענענ".

ס'איז אַ ביטערער וויצ. עס פּאַסט דאָ דערמאָנענ די רעפּליק פונ גאָגאָלס אַ העלד: „איבער וועמענ לאַכט איר, איבער זיכ אַליינ". די ייִדישע בורזשואַזע פּרעסע פונ פּוילנ מאָלט אינ ניט פריילעכע פאַרבנ דעמ צושטאַנד דאָרטנ פונ דער ייִדישער קולטור, פונ דעמ בוכ. הונגער אונ נויט, פּערספּעקטיוולאָזיקײַט. פּאָליטישער דרוק, פאַראָרעמונג, דערשלאָגנקײַט,—דאָס כאַראַקטעריזירט די לאַגע פונ די מאַסנ בכלל אונ ביפּראַט פונ די ברייטע ייִדישע האָרעפּאַשנע שיכטנ אינ פּוילנ. דאָס שפּיגלט זיכ אָפּ אויכ אפנ ייִדישנ בוכ. עס איז אָבער אַ געמיינע רעכילעס אָפּ די רעוואָליר־ציאָנערע אַרבעטער, אַז זיי קערנ זיכ אָפּ ביכלאַל פונ בוכ — דער „וואָגנ" טרײַבט אָפּ פונ זיכ די מאַסנ ניט מיט זײַנ מ י נ סכוירע, נאָר מיט דעמ א י נ ה א ל ט פונ דעמ, וואָס די בורזשואַזע פאַרלאַגנ טראָגנ אַרויס אפנ מאַרק. אינ דער טיפער אונטערערד, אינעמ פלאַמ פונ רעוואָליוציאָנערע שטרײַטנ, ווערט געשאַפנ די נ ײַ ע רעוואָליוציאָנערע קולטור, וואָס וועט קומענ אָנשטאָט דעמ עלנטנ „וואָגנ".

איצט איז דער באַראָמעטער פונ עכטנ קולטור־וווּקס אינ מענטשלעכנ מאַסשטאַב בלויז דאָס לאַנד פונ סאָציאַליזמ, די פעסטונג פונ צווישנפעלקערלעכנ פּראָלעטאַריאַט, ווײַל בלויז דער אַרבעטער־קלאַס אונ דאָס לאַנד פונ פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור זײַ־נענ אָפּ דעמ פּייַיק. אונ כאַראַקטעריסטיש פאַרנ דאָזיקנ וווּקס איז אויכ די ייִדישע קולטור — אינ אַלע אירע אָפּצווײַגונגענ, אינ דעמ אויכ אינ בוכ. דאָס איז אַזאַ געשיכטלעכער פאַקטער, פונ וועלכנ מענ קענ זיכ ניט אָפּווענדנ. די בעסטע, ליכטיקסטע מויכעס פונ דער ייִדישער פאָרגעשריטענער אינטעליגענצ אינ אַלע לענדער זעענ

דאָס און באַגרײַפֿן דעם אינהאַלט דערפֿון. און אויב דער „עלנטער וואָגן" פֿון דער בוך־פּראָדוקציע „דאָרטן" העלפֿט מיט דער אויסגעליידיקטקייט פֿון דער בורזשואַזער און קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ, איז אונדזער קולטור־וווּקס אַ מעכטיקער הייבער פֿאַר רעוואָליוציאָנערער, האָפֿערדיקער שאַפֿונג פֿון די טאַלאַנטפֿולע רעוואָליוציאָנערע קינסטלער. דער צייכן פֿון אונדזער וווּקס ליגט אויף נײַעם ווערק פֿון דאָוויד בערגעלסאָן.

דאָוויד בערגעלסאָן איז איינער פֿון די, וואָס האָט זיך אַ קער געטאָן מיט זײַן גאַנצן גײַסט און שאַפֿן צום סאָוועטנפֿאַרבאַנד און האָט דערזען דעם פּאַרצוג פֿון סאָציאַליזם. שוין אין מעשעך פֿון יאָרן איז בערגעלסאָן אַ מיטשעפֿער פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, און אָנטיילנעמער פֿון דער קאָמוניסטישער פּרעסע אין אויסלאַנד און אין פֿסס"ר, אַ גרויסער פֿרײַנט פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד, אַן אַקטיווער קעמפֿער קעגן דער יִידישער אינטערווענטישער קאָנטר־רעוואָליוציע. זײַן נײַע ווערק „באַם דניעפּער" — דער ערשטער טייל פֿון אַ גרויסער ווערק — איז דערשינען בײַ אונדז, אין פֿאַרלאַג „עמעס" (מאָסקווע).

דאָוויד בערגעלסאָנס נײַער בוך „באַם דניעפּער" איז אַרויס אין אַ טיראַזש פֿון 7000 עקזעמפּליאַרן. אַזאַ ציפֿער קען מען געפֿינען בלויז אויף אַ בוך, וואָס איז אַרויס אין אַ סאָוועטישער אויסגאַבע. אָט אין די פֿיר ציפֿער־צאָלן איז באַהאַלטן אַ מעכטיקער סאַכאַקל פֿון די דערפֿאָלגן, וואָס עס האָט דאָס לאַנד פֿון סאָציאַליזם אין איר נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. וואָס שײַך דעם פּרינציפּיעלן טאָכ פֿונעם דאָזיקן בוך, דאַרף מען פֿריער פֿון אַלץ זאָגן, אַז אין אים איז דאָקומענטירט דער זיג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט'ס אידייען צווישן דער פֿאָרגעשריטענער אַלטער אינטעליגענץ, אין אים איז פֿאַרקערפּערט די גרויסע לעקציע פֿון די יאָרן אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און אירע דערפֿאָלגן אין דעם פֿאָרגעשריטענעם שפּעריש שיכט פֿון דער אַלטער אינטעליגענץ: עס איז אין אָט דעם אינהאַלט פֿאַרקערפּערט דער פּראָצעס פֿון אָפּשיכטן און אָפּשפּאַלטן פֿון דער בורזשואַזער און קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ אַלדאָס בעסטע און רעוואָליוציאָנערע, וואָס באַזיצט נאָר די פֿײַיקייט דערזען אין ריכטיקן שײַן דעם היסטאָרישן פּראָצעס וואָס האָט קויעך אויסצולעבן און אַרויסצושלײַדערן פֿון דעם אייגענעם באַגאַזש „אויסערקלאַסאָווע" אוטאָפּיעס און בורזשואַזע איליוזיעס, וואָס שטעלט זיך פֿעסט אויף וועג פֿון באַטייליקן זיך אין דעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט.

2

בערגעלסאָן זוכט ריכטיק זײַן וועג. די ליניע פֿון זוכענישן גייט בײַ אים פֿאַרן גאַנצן פּעריאָד פֿון די יאָרן אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַלץ העכער און העכער. בערגעלסאָן איז פֿון די פֿרוכטבאַרסטע שרײַבער פֿון אונדזער סאָוועטישער און רעוואָליוציאָנערער פּלעיאַדע. און די גרונט ווערק, וואָס ער האָט געשריבן פֿאַר די 15 יאָר, זײַנען געווען געווענדעט צו באַגרײַפֿן די רעוואָליוציאָנערע עפּאָכע, די רעוואָליוציאָנערע ברוכן, ער איז געגאַנגען פֿון זײַנע „אָפּגאַנג"־העלדן אַלץ העכער צו באַווײַזן אונדזער העלד. מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן וועגן בערגעלסאָנס באַזונדערע דורכפֿאַלן און אָפּווענדונגען אויף דעם דאָזיקן וועג — דער קאַמף מיט בורזשואַזע אײַנ־

פלוסן איז א שווערער, ווייטיקדיקער און דויערנדיקער. לאָמיר א קוק טאָן אפן גאנצן בילד: בערגעלסאָן פון פאר דער רעוואָליוציע—„נאָך אלעמען", „פארטונקלטע ציַיטן", „דער טויבער" א. אנד. די קלאַסן־דיפערענצירטע יידישע סוויווע, וועלכע בערגעלסאָן האָט שוין דאן פאר זיך, געפינט נאָך ניט אין אים דעם אקטיוון קעגנער פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, כאָטש ער זעט שוין דאן די פראָצעסן פון צעלייגונג אין א שיכט פון דער בורזשואזיע... די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אין בערגעלסאָנען, נאָכן ערשטן מאָמענט פון מיספארשטייין און קעגנערשאפט, אופגעוועקט דעם רעוואָליוציאָנער־קריטישן צוגאנג צו דער בורזשואזער געזעלשאפט. בערגעלסאָן גיט זיַין בוך „שטורעם־טעג", דעם ראָמאן „מידאס האדין", א בוך דערציילונגען וועגן „פרידלעכן" שטייגער אין אונדזער לאנד. אין אָט די ביכער הערשט איבער אלע טענער דער טאָן פון אָנוואקסנדיקער האַפערדיקער לעבנסנייַגעריקייַט, וואָס די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט דערוועקט. פון יאָרדישער דעפרעסיע איז בערגעלסאָן ארויסגעגאנגען אפן ליכט־קן וועג פון הויכער דערמוטיקונג, וואָס ווערט געשפּייַזט מיט דעם גייַסט פון דער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע.

נאָך די עטלעכע בענדער, וואָס גיבן א סאָוועטישע טעמאטיק, האָט איצט בערגעלסאָן געגעבן זיַין בוך „באם דנעפּער", וועלכער איז לויט דער טעמע א קער צו די פאָריקע עפּאָכעס, אָבער וועלכער איז לויט דער קינסטלעריש־רעוואָליוציאָנערער קראפט א גרויסער וויַיטערדיקער שריט פאָרויס, א דאָקומענט פון טיפן שטרעבן צו באזיניקן די פאָריקע עפּאָכעס באם ליכט פון אידייען, וואָס האָבן העל אופגעשייַנט פאר דער צייַט פון אָקטיאבער.

3

אין „באם דנעפּער" נעמט זיך בערגעלסאָן אופדעקן די לינקע זייַט פון דער ראָמאנטיזירטער, פארפייַנטער אין דער יידישער קליינבירגערלעכער און בורזשואזער ליטעראטור, סוויווע פון שלוימע נאָגיד. מיכל לעווין, דער ניַיער גווירישער „העלד" בערגעלסאָנס, איז אזוי באוויזן, אז דורך אים לייקנט דער שרייַבער אָפּ און קאָמפּראָמעטירט גרינטלעך די גדאליע הורוויטשעס. בערגעלסאָן פראלט אוף די טירן פון די קאבינעטן און שלאָפּ־צימערן בא די רייַכע לעווינס און באוויַיזט זייער עקלהאפטיקייַט, באגרענעצטקייַט, צוויעס, רויבערישקייַט, די הערשאפט פון דעם רובל. דאָ איז פארקערפערט די קריטישע איבערשאצונג פון דעם פאָריקן סאָציאַלן פערסאָנאזש, וואָס האָט געהערשט אין בערגעלסאָנס ווערק.

אין „באם דנעפּער" בייַט זיך בערגעלסאָנס סאָציאַלער פאָדערגרונט אפּ א רעוואָליוציאָנערן אופן. די בורזשואזיע ווערט קאָמפּראָמעטירט, די האָרעפּאשנע מענטשן ווערן רעאביליטירט. צו די לעצטע קומט בערגעלסאָן מיט גרויס ליבשאפט. די פרעכטיקע לירישע צייכענונגען פון פארשטויסענעם „פענעק", די סצענעס, וואָס באוויַיזן די שנייַדער, פארבערס און באלמעלאָכעס און וועלכע לויכטן דורך די קלאסןדיפערענציאציע, די אָנגעשטרענגטע שריט־נאָך־שריט מאָלנדיקע קראפט פון דידאָזיקע בילדער, באוויַיזט מיט גרויסער בוילעטקייַט די ניַיע קלאסן־אידיי, וואָס האָט אָנגערעגט בא בערגעלסאָנען אזא צוגאנג. עס איז אָן קיין שום סאָפעק בא יעדערן, וואָס

לייענט דעם בוכ, אז בערגעלסאָנ האָט דאָ באשטימט דיכטעריש שלאָגנ די בורזשואזיע אונ אופהייבנ די האָרעפּאשניקעס. אונ ער האָט דאָס דערגרייכט אינ א היפּשער מאָס. דער בוכ פארמאָגט א גוואלדיקע רײַכקײַט פונ בילדער, אינ אים איז דאָ די אויסשעפּנדיקע קענטשאפט פונ דער ייִדיש-גווירישער צעפוילטער סוויווע, טרעפלעכע כאראקטער־שטריכנ, אקטיווער אויסדרוק פּ״נ סינע צום עקספּלואטאטערישנ קלאס: א קלאפּ נאָכ א קלאפּ באקומענ די גווירים, אײַנגעאקשנט דעקט בערגעלסאָנ אופ די סיבעס פונ אזעלכע קלעפּ: געננג דערבײַ צו דערמאָנענ די בילדער, וועלכע בערגעלסאָנ מאָלט בײַסנ טויט פונ מיכל לעווינ—גלענצנדיקע צייכענונגענ פונ גווירישער ברוטאלקײַט, צוויִעס, געלט־גײַציקײַט, פאלשקײַט, נידעריקײַט, צעלייגונג. דאָס, וואָס בא אזעלכע בילדער שטרעבט בערגעלסאָנ ארויספירנ אפ דער ארענע די האָרעפּאשניקעס אונ אופדעקנ זייער סינע צום גוויר אונ די סימכע מיט זײַנ אומקום, באווײַזט, ווי אינ בערגעלסאָנס דיכטערישער לאבאָראטאָריע וואקסנ אָנ די שטאָפּנ פאר שילדערנ אקטיווג קלאסנ־קאמפּ פונעמ פּראָלעטאריאט, וואקסט אָנ א געזונטע „אָנזאמלונג“, וואָס איר סטימול איז—די פּראָלעטארישע לערע אונ פּראקטיק פונ סאָציִאלע פּראָצעסנ.

„אנידערלייגנ די לעווינס“, „מיטנ געזיכט צו די הינטערגעסלעכ“—דאָס איז די איצטיקע קינסטלערישע ציל־געווענדטקײַט פונ בערגעלסאָנענ, אויסגעדריקט אינ דעמ בוכ „באמ דנעפּער“. זײַנ לירישנ „הומאניזמ“ שענקט אוועק בערגעלסאָנ די פארבערס, שוסטערס אונ שנײַדערס, די פארשטויסענע פּענעקס, די קעכנס אונ פורמאנעס, די אָרעמע קינדער פונ הינטערגאס. עס איז נאָכ דאָ פאראנ א גרויסע דאָזע פונ פאָלקיסטיש־מיטפילנדיקער באפארבונג, פונ ביִאלאָגישנ אײַנטײַטשנ די קלאסנ־קעגנזאצנ (פּענעק), אָבער איבער אלצ הערשט—הייסע שטרעבונג צו באזיניקנ ריכטיק די קלאסנ־שטרײַטנ אונ אופדעקנ די אָנוואקסנדיקע קרעפטנ פונ רעוואָליוציִאָנערנ קלאס, וואָס גייט מיט קאמפּלוסט באגראָבנ דעמ צעפוילטנ פּאראזיטישנ קלאס.

4

בערגעלסאָנ האָט דערזענ דעמ אונטערגאנג פונ דער ייִדישער בורזשואזיע. ער האָט ניט אויסגעקליבנ דעמ וועג פונ שאָלעמ אש: פונ ראָמאנטיזירנ דעמ ייִדישנ קולאק, א וועג, איבער וועלכנ שאָלעמ אש איז געקומענ פונ קאנאָניזירנ דעמ גוויר ביז זיכ בוקנ פארנ פאשיזמ. בערגעלסאָנ האָט דערזענ די פוילונג פונ דער ייִדישער בורזשואזיע. פונ ראָמאנטישנ צייכענענ דידאָזיקע סוויווע אפ דער קאנווע פונ פאטאלער פאָרורטיילונג, איז ער געקומענ צו קריטיש אָפּפרעגנ די בורזשואזיע; פונ פּעסימיסטישער פארליבטקײַט אינ מירעלענ פונ „נאָכ אלעמענ“, איז ער געקומענ צו צאָרענענ אונ בייזערנ זיכ אפ די טעכטער פונ מיכל לעווינ. דערוועקטער סאָציִאלער טעמפּעראמענט האָט אימ נאָענט געשטעלט צומ פּראָלעטאריאט אונ אינ אימ ארויסגערופנ א גרויסנ דראנג צו בײַטנ די אָביעקטנ, בײַטנ די סאָציִאלע טיפּנ־באזע, זיכ אידייִש נײַ־באוואָפענענ, גרינטלעכ זיכ שטעלנ אפנ וועג צומ פּראָלעטאריאט. דאָס לעצטע קוקט בוילעט ארויס אינ „באמ דנעפּער“. דאָס איז ניט געקוקט אפ פיל אידייִשע אונ קינסטלערישע שוואכקײַט.

די שוואכקייטנ קומענ, דוכט זיכ, פונ קנאפּער דערפאַרנקייט אינ דער פּראָלעטאַרישער סוויווע אונ אינ קלאַסנ־צוזאַמענשטויסנ. לעניג האָט געפאָדערט פונ קינסטלער גוט קענענ די סוויווע, ווו ער נעמט זייַנ מאַטעריאַל. דער גרויסער פראַנצויזישער קינסטלער פלאָבער האָט אזוי געשריבנ צו זייַנעם א פרייַנט: „שוינ 2 טעג, ווי איכ טאָרע זיכ באַגרייַפנ, וואָס איז אזוינס מיידלשער טרוימ; עס קומט אויס צוליב דעמ וועלנדנ די שיפּ אינ די מילכ־אָקעאַנען פונ דער ליטעראַטור וועגנ שלעסער אונ טרובאַדורנ אינ פליושענע באַרעטקעס מיט ווייַסע פעדערנ: דערמאָנ מיר—האָט ער ווייטער געשריבנ—אז איכ זאָל וועגנ דעמ מיט דיר ריידנ; עס קאָנ זייַנ, אז דו וועסט מיר פּינקטלעכ דערציילנ די אייַנצלהייַטנ, וועלכע פעלנ מיר“ [1]). פלאָבער האָט געזוכט דעמ בילדערישנ אויסדרוק פאַר מיידלשע טרוימענ, בערגעלסאָנ זוכט דעמ קינסטלערישנ לעוווש פאַר א פיל קאָמפּליצירטערער סאָציאַלער דערשייַנונג, וואָס הייסט—קאַמפּ פונ ארבעטנדיקע קעגנ בורזשואַזער אָרדענונג. די „שיפּ“ דאַרפ דאָ געקערעוועט ווערנ ניט אינ די מילכ־יאַמענ פונ ליטעראַטור, נאָר אינ די לעבעדיקע כוואַליעס פונ שטראָמיקער רעוואָלוציע—אינ די שלאַכטנ פונ 1905, אינ די אָקטיאַבער־שטורעמס אונ רויטע וועדינגס...

בערגעלסאָנ דיכטעט אויס אינ „באַמ דנעפּער“ נייַע העלדנ פונ זייַנ ראָמאַנ. פּענעק, דער „מאַמזער“ אינ דער גווירישער מישפּאָכע, ווערט זייַנ ליבלינג; פּענעק, וועלכער צעשטערט די גווירישע אידיליע, פּענעק, וועלכער, כאַווערט זיכ מיט די הינטערגעסלעכ, מיט דעמ אוקראַיִנישנ פאַרהאָרעוועטנ פּראָלעטאַרישנ יִינגל פונ גוראַלניע. איז שוינ אינ פּענעקנ אופגערעקט פולקאָמ דאָס נייַדערוואַרטעטע? קומט שוינ דאָ אופ די צייכענונג פונ א ווידערשפּעניגנדיקנ קעגנ דער גווירישער סוויווע? צי איז אומבאַדינגט געווענ אופרייַסנ די יִדישע בורזשואַזיע מיט אזא אופדעקנ מישפּאָכע־ווידערשפּרוכ? די ארגומענטאַציע איז דאָ נאָכ ניט אינ אזא פּראָפּאָרצ, ווי דער ארויסגעוויזענער דראַנג צו אופרייַסנ די גווירישע היימ—א קראַפט מיט וועלכער עס איז דורכגעזאַפּט דער גאַנצער בוכ אָבער אפילע בא אזא היפּערבאָליזירטער לאַסט, וואָס בערגעלסאָנ לייגט ארופ אפנ יִינגל פּענעק ווערט ניט פאַרווישט בערגעלסאָנס שנייַדנדיקע קריטיק פונ דער בורזשואַזער סוויווע. די שטיקער אינ בוכ, וואָס מאָלנ בורזשואַזע צוויִעס בא די טאַטעס אונ טעכטער, וואָס ווייַזנ די פּאַראַזיטיש־באַטלאָנישע עלעמענטנ אינ גווירס „הויז“, די עקספּלואַטאַציע פונ די באַלעגופיש־אופגעקומענע באַלעבאַטימ—דאָס אלצ איז געגעבנ מיט דיכטערישער קראַפט, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס דער „צווייטער צאַד“—ווי שוינ געזאָגט—איז ניט ארויסגעפירט מיט זייַנ סאָציאַלער גרויסקייט, נאָר באַשייַנט מיט בערגעלסאָנס פּאָלקיסטיש־מיטפילנדיקער סוביעקטיווער פאַרליבטקייט אינ דעמ נייַעמ געראַכטנ קלאַס.

דאָס זייַנענ א פּאָר געדאַנקענ וועגנ דעמ טאָכ פונ „באַמ דנעפּער“. עס ווילט זיכ נאָכ באַצייכענענ, אז אנטקעגנ זייַנ פריערדיקנ שאַפנ האָט דאָ בערגעלסאָנ מיט נייַעמ דערפאָלג באַהערשט די פאָרמ פונ ראָמאַנ. פונ א גאָר גרויסנ צעוויקלטנ ווערק. דאָ איז ארויסגעוויזנ געוואָרנ א גרויסער קינסטלערישער קויעכ פאַר געבייַ אונ דיסציפּלינ. דערמיט שטעלט זיכ „באַמ דנעפּער“ אינ דער ריי פונ די ווערק פונ די בעסטע שרייַ-

---

1) Журнал „Новый Мир“, 1931.

בער־ראָמאנטיסטן כאָטש עס איז נאָך שטארק צו פילן די לאקאָנישקייַט און אָפגעריסנקייַט, דער רעפלעקטירנדיקער אימפרעסיע־עלעמענט אינעם בוך. פון דער אימפרעסיווער צייכענונג אין „באם דנעפער“ איז פארשטארקט געוואָרן די פארביקייַט פון בוך, דאָס ברענגט ערטערווייַז צו גוואלדיקער פארשטייַפטקייַט, לאקאָנישער קארגשאפט, קימאט ביז געמאָסטענע ריטמישע שורעס, אָנשטאָט דעטאלער באשרייַבונג. דער סוביעקטיווער לירישער אָרנאמענט באצירט אסאך קאפיטלען, שאפט זייערע געמיט־מוזיק, וואָס שוועבט איבער די סאָציאלע בילדער, וועלכע בערגעלסאָן וויל ארויסברענגען... ניט שטענדיק קען מען שוין דורך פענעקס געמיט, וועלכן בערגעלסאָן דעקט אוף, שארף דערזען יענע קלאסן־שילדערונגען, וועלכע בערגעלסאָן וויל געבן. די בולטע, רעאליסטישע, מער דעטאליזירטע צייכענונג, וואָס שפיגלט אָפ אָביעקטיוו די סיטואציע, וועט געוויס באקומען א גרעסערע ראכוועס אין דעם צעוויקלטן בילד פון „באם דנעפער“, וואָס דארף קומען אין די ווייַטערדיקע טיילן פון בוך.

5

אין דער ליטעראטור־קריטיק איז געווען ארויסגעזאָגט דער געדאנק, אז דאָס, וואָס בא בערגעלסאָנען פון פאר דער רעוואָליוציע טרעט ארויס דער בורזשואזער קלאס, איז א באפרידיקטער ענטפער פון דער ליטעראטור אף די פאָדערונגען צו באווייַזן ביכלאל דעם „דיפערענצירטן קלאל“, און אז דאָס איז דער וועג „אייַנצושליסן דעם גאנצן יידישן קלאל, אפילע זייַנע העכסטע שיכטן, אין איר דיכטונג־קרייַז“. עס איז קלאָר, אז ניט דאָס פאָדערן מיר פון דער קינסטלערישער ליטעראטור און ניט אזוי קענען מיר באשטימען בערגעלסאָנס אָרט אין דער ליטעראטור ארויספירן סטאם דעם „נאציאָנאלן קלאל“ אף דער ארענע — דאָס איז א ציל פאר דער בורזשואזער ליטעראטור; מיר לויבן נישט בערגעלסאָנען פאר באווייַזן סטאם גווירים און אָפגאנג־מענטשן, נאָר פאר דעם, וואָס ביי אים אנטפלעקט זיך דער געזונטער יאָדער פון קריטישער באציונג און האס צום פאראזיטישן קלאס, און די פרוכטבארע קראפט פון בערגעלסאָנס רעוואָלירציאָנערן שאפן פארן לעצטן פעריאָד באשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אין „באם דנעפער“ דידאָזיקע קעגנערישקייַט צו דער בורזשואזיע ארויסגעבראכט פארשפיצט, זי מאָטיווירט מיט אסאך שטאָף, זי פארפילפאכט, מיט דעם, וואָס ער האָט גענומען ארויספירן דעם קלאס האָרעפאשניקעס, ווי דעם קעגנערישן קלאס פון דער בורזשואזיע; בערגעלסאָנס קריטיק פון דער בורזשואזער געזעלשאפט ווערט אין „באם דנעפער“ דערהייבן צו אקטיווקייַט. אין אים ווערט אונטערגענומען צו דערווייַזן קינסטלעריש ניט בלויז דעם טעמפן ווינקל און אָפגאנג פון בורזשואזן קלאס, נאָר דעם אויסגאנג צו א נייַער געזעלשאפטלעכער פאָרמאציע, וואָס איז פרייַ פון די אומגעהויערע ווידערשפרוכן, ווייטיקן און אומרעכטן, מיט וועלכע עס איז איבערפולט די בורזשואזע אָרדענונג. צו דעם פירט די גאנצע אנטוויקלונג פון בערגעלסאָנס שאפן נאָך דער רעוואָליוציע: אויב אין „נאָך אלעמען“ און „אָפגאנג“ ווערט אין געבראָכן יערידישע טענער געצייכנט די טונקעלע פערספעקטיוו פון דער בור־

זשואַזיע, דער ערעוו־אונטערגאַנג אירער, אָבער אָנ די קרעפטנ, וואָס שטייענ קעגנ איר, אָנ דעמ אורטייל איבער דער בורזשואַזיע, אָפּט מיט מיטגעפיל צו איר, איז אינ „מידאַס האַדינ" אונ „שטורעמ־טעג" אָנגעצייכנט דעמ שרײַבערס מיטשטימונג צו די אַקטיווע קרעפטנ, וואָס שטירצנ דעמ קאַפּיטאַליזמ, אונ אינ „באַמ דנעפּער" איז פאַראַנ די שטרעבונג צו שילדערנ דעמ היסטאָרישנ אַרגומענט פאַר די קלאַסנ־שלאַכטנ פונ פּראָלעטאַריאַט, צו אַרויסווײַזנ אומיטלבאַרע אַקטיווע באַהעפטונג פונ שרײַבער צו אָט די גראַנדיעזע שלאַכטנ.

מיר האָבנ אינ בערגעלסאָנס פּאָריקע ווערק פונ נאָכ דער רעוואָליוציע שוינ דערפילט סאָציאַלנ טעמפּעראַמענט, דורשט פאַר לעבנפאַקטנ, פאַרשטאַנד פאַר סאָציאַלע קאַמפנ—אַלצ זאַכנ, וועלכע קאָנטראַסטירנ מיטנ גײַסט פונ „נאָכ אַלעמענ" אונ „אָפּגאַנג". אינ „באַמ דנעפּער" האָבנ מיר נאָכ מער געוווּנענ אינ דעמ זינ, ווײַל אינ „באַמ דנעפּער" איז קינסטלעריש אויכ געדריקט דער באַדײַטנדיקער אָנוווּקס פונ אונדזעריקער סאָציאַלער קריגערישקײַט—דאָס, וואָס מיר פילנ אַזוי שטאַרק אינ בערגעלסאָנס לעצטע פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגענ, אינ וועלכע ער פאַרטיידיקט אַזוי הייס דאָס פאָטערלאַנד פונ פּראָלעטאַריאַט.

מע דאַרפ אָפּוואַרפנ די איבערפלעכלעכע „לינקיסטישע" טײַנעס, וואָס האָבנ געהאַט אַנ אָרט אינ דער קריטיק וועגנ בערגעלסאָנענ אונ וועלכע האָבנ בלויז געדינט צו פאַרטושירנ פאַרנ לייענער די ריכטיקע שטײַגנדיקע ליניע פונ בערגעלסאָנס שאַפנ. מענ דאַרפ אָפּוואַרפנ די פאַלשע אײַנשטעלונג אינ דער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס טיילט בערגעלסאָנס „דיכטנ" אונ „דענקענ" אינ צוויי באַזונדערע קעסטעלעכ—אַזאַ פעלער איז דערלאָזנ געוואָרנ אויכ אינ מײַנער אַ נאָטיצ וועגנ „מידאַס האַדינ". „באַמ דנעפּער" איז יענער „ליטעראַרישער פאַקט", וועלכער שלאָגט אַזעלכע „טעאָריעס", וועלכער באַווײַזט גראָד, אַז דער אידייִש־קינסטלערישער גײַסט פונ דעמ שרײַבער איז ניט צערײַסבאַר אונ קומט אינ זײַנ דיאַלעקטישער אייניקײַט סײַ אידייִש, סײַ קינסטלעריש צומ אויסדרוק בייסנ פורעמענ די ווערק.

בערגעלסאָנס נײַער בוכ איז אַ פאַקטישע, אַזוי צו זאָגנ—עקספּערימענטאַלע, אָפּלייקענונג פונ דער אינטויִטיוויסטיש־פּאַטאַליסטישער טעאָריע וועגנ זײַנ סטיל. בערגעלסאָנס דערפאָלגנ ריידנ דאַווקע וועגנ אַ טיפערער באַזיניקונג פונ די סאָציאַלע פּראָצעסנ, וועגנ פאַרגרעסערטער אַקטיווער באַציִונג צומ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ. דערמיט ווערט אַנ איבעריקנ מאָל אָפּגעוואָרפנ די טעאָריע וועגנ בערגעלסאָנס קינסטלערישנ „רואַכ האַקוידעש", וועגנ זײַנ קעגנערישקײַט צו „מויעכ" אונ „מיינ", וועגנ דעמ, אַז ער „פאַרכאַפּט דעמ פאַרבאָרגענעמ העקעפּ פונ נעשאָמע־באַוועגונגענ".

בערגעלסאָנ האָט מיט קינסטלערישנ מעזומענ געוויזנ די פאַלשקײַט פונ אַזאַ פּילפּל. פאַרשטייט זיכ—דאָס באַדײַט ניט, אַז מיר האָבנ ניט קיינ פאָדערונגענ צו בערגעלסאָנענ אינ זינ פונ פאַראַלגעמיינערונג אונ בוילעטער אויספורעמונג פונ זײַנע קינסטלערישע אידייענ, דאַווקע אונ נאָר אָפּ דער באַזע פונ דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישנ באַגרײַפנ די וועלט. ניט נאָר מיר זעצנ ניט אַראָפּ אונדזערע פאָדערונגענ, נאָר פאַרקערט—מיר זעענ בײַ בערגעלסאָנענ נײַע פּאָטענצנ, אונ מיר שטעלנ אימ אַרויס נאָכ גרעסערע פּרעטענזיעס...

... וואָס איז דער ווונדער, ווענ די שמירער פונ דער אויסלענדישער נאַציאָנאַל־סטישער אונ סאָציאַל־פאַשיסטישער פּרעסע קומענ איצט זידלענ בערגעלסאָנענ פאַר זײַנ נײַעמ בוכ! פאַר „זײ“ איז שוינ בערגעלסאָנ געוואָרנ אויס שרײַבער, נאָכדעמ, ווי ער האָט זיכ פאַרנומענ אופרײַסנ די אידיליע פונ דער „יידישער גאס“. „ער איז געוואָרנ האַרט, קאַלט, ניכטער אונ ערטערווײַז—אויכ בייז“—שרײַבט נאַכמענ מײַזל וועגנ בערגעלסאָנענ. „שלעכטע געפילנ“, „אָנגעצויגענע סינע“, „געקינצלטקײַט“—דאָס אַלצ געפינט אויס מײַזל בא בערגעלסאָנענ אינ ווײַנ נײַעמ בוכ „באמ דנעפּער„: „בעקיווונדיקע באַטאָנונג“ אונ „באַוווּסטזיניקע אונטערשטרײַכונג“—דאָס געפינענ זײ אינ „באמ דנעפּר“. נאַכמענ מײַזל קלאָגט, אַז „צוליב טענדענצ האָט ער (בערגעלסאָנ—כ. ד.) געפעלשט אונ פאַרדרייגנ אינ פיל שטעלנ זײַנ קינסטלערישע אופריכטיקײַט“. ער גייט ווײַטער אונ זאָגט אינ שלומ־אבזאַצ פונ זײַנ רעצענזיע: „אָט די אַלע ערטער, וואָס בערגעלסאָנ ברענגט „לעקאַיעמ מאַ שענעמאַר“ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, פּאַטערנ אוועק דאָס ווונדער־באַרע, פּראַכטפולע, וואָס דאָס ווערק פאַרמאָגט“ (זע דעמ „הײַנט“ פונ 16־טנ סענטיאַ־בער 1932 יאָר.). „באמ דנעפּר“ האָט אופגעבראַכט די מײַזלס מיט זײַנע שאַרפע בילדער, וואָס דעמאַסקירנ די בורזשואַזע סוויווע!

אונדזער אָרדנטלעכער אופנעמענ בערגעלסאָנענ פאַלט צונויפ מיט די יובילײ־טעג פונ דעמ גרעסטנ קינסטלער פונ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט, מאַקסימ גאָרקי. מיר מישנ איצט איבער נאָכאַמאָל די פּלאַמיקע בלעטער פונ גאָרקיס „מוטער“, עס גייענ דורכ פאַר אונדזערע אויגנ די גראַנדיעזע קונסט־לײַוונטנ פונ „אָקוראָוו“, „פאָמאַ גאָרדייעוו“, „די אַרטאַמאַנאָווס“ אונ „קלימ סאַמגינ“—בילדער אומפאַרגעס־לעכע צוליב זייער גוואַלדיקער רעוואָליוציאָנערער טעמפּעראַטור, הויכקײַט פונ אידײ, לײַדנשאַפטלעכער אַקטיווער שטרעבונג צו אויסבויענ די נײַע קולטור, דערהייבענע ליבע צומ נײַעמ מענטשנ אונ גרויסער סינע צומ עקספּלואַטאַטערישנ קלאַס־פּאַראַזיט. עס שטייט איצט אופ פאַר אונדז אינ דער גאַנצער גרייס דער קינסטלער גאָרקי וואָס איז געווענ לענינס כאַווער אונ איז געבליבנ אונ געשטיגנ ווי אַ קינסטלער אונ טריבונ פונ פּראָלעטאַריאַט.

אונ עס ווילט זיכ אונדז אויסדריקנ די זיכערקײַט, אַז דער גרויסער קינסטלער בערגעלסאָנ וועט אינ זײַנע ווײַטערדיקע ביכער אַלצ מערער אַנטפּלעקנ אינ אונדזער גײַסט די קראַפט פונ רעוואָליוציאָנערנ אופרײַס אונ איבערבוי־אופבוי—לויטנ מוסטער פונ גאָרקי אונ ווי דאָס באַדאַרפ קענענ יעדער דיכטער, וואָס שליסט זיכ אָנ צומ קאַמפּ פונ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט.

סענטיאַבער 1932.

„פלאקאטן אפ בראָנזע.“[1])

(אייניקע באמערקונגען צו דער פראגע וועגן לירּיק אין דעם שעפערישן מעטאָד פון דער פּראָלעטארישער ליטעראטור).

דער לעצטער בוך, וואָס כ׳ פעפער האָט אונדז געגעבן ביז די „פלאקאטן“, איז — „געוועטן“. דאָרטן האָט שוין פעפער געגעבן מוסטערן פון א „פּאָליטישער ליד“, זיך פארוואָטן צו אונטערוואַרפן די לירּיק דער סאָציאַליסטישער בויונג און קינסטלעריש דעקלארירט זײַנע נײַע פּאָעטישע זוכענישן, באַם שײַן פון די פּאָדערונגען פון פּארטיי צו דער ליטעראטור. דער אלגעמיינער בילד פון די „געוועטן“ איז פארשטאַנט געוואָרן דורך דער פּאָעמע „גרוזיע“, וואָס איז אין יענעם בוך אָפגעדרוקט. דידאָזיקע פּאָעמע איז אן אָפּשפּיגלונג פון נאציאָנאַל־אָפגעגרענעצטן, ניט בוילעט־קלאסאָווע אופנעמען די רעוואָליוציע און איז אן אויסדרוק פון ניטריכטיקן לייזן די פראָבלעם פון מעטאָד און טיפּאזש פאר דער שילדערונג פון סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע־פּראָצעסן. אָבער גלײַכצײַטיק זײַנען שוין דאַרטן אין בוך אָנגעצייכנט געוואָרן א ריי שעפערישע פראָבלעמען, וועלכע פעפער האָט אין א מער שארפערער מאָס אוועקגעשטעלט אין די „פלאקאטן“. דידאָזיקע פּראָבלעמען קען מען פאָרמולירן אזוי:

1, די ראָל פון לירּיק אין דער דיכטונג פון רעקאָנסטרוקטיוון פּעריָאָד.

2. דער אָרט פון דער טאָג־פּאָליטיק און פון דעם פאקט אין דער פּראָלעטארישער דיכטונג.

3. די פּראָבלעם פון נאציָאָנאלער פאָרם און פּראָלעטארישן אינהאלט („גרוזיע“ „נעקראָלאָג“).

די פראגעס זײַנען ברענענדיקע. ניט די דיכטונג גופע, ניט די קריטיק ארבעטן פאנאנדער דידאָזיקע אקטועלע צענטראלע פּראָבלעמען, ווי עס באדארף צו זײַן און אין דער געהעריקער מאָס. פעפער האָט זיי געשטעלט. דאָס איז וויכטיק. עס איז נייטיק זיך גוט פאנאנדערקלײַבן אין דעם עטאפ, וועלכן דער כ׳ פעפער—איינער פון אונדזערע בעסטע דיכטער־פארטייער,—מאכט איצט דורך, און ווי ער לייזט

---

[1]) איציק פעפער. „פלאקאטן אפ בראָנזע“ צענטרפארלאג, 1931.

אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמע. ריידנדיק וועגנ פעפערס „פלאקאטנ“ קענ מענ דעריבער ניט אָפּקומענ מיט א סטאנדארטנער ליב־נאָטיצ אונ מיט פאטעטישע אויסרופ־צייכנס. פעפערס שאפנ איז א טייל פונ אונדזער פּראָלעטארישנ קונסט־פאָנד, פונ אונדזער פּארטייִש־געזעלשאפטלעכנ אידעאָלאָגישנ באלאנס, אונ מיר קענענ זיכ ניט דערלויבנ דעמ לוקסוס צו מאכנ עס צו קלייִנגעלט; מיר קענענ זיכ אויכ ניט דערלויבנ באמ אנאליזירנ דעמדאָזיקנ שאפנ לאָזנ אָנ א זײַט דעמ געווער פונ באָלשעוויסטישער כאוורישער קריטיק אונ זעלבסטקריטיק.

דער כ׳ פעפער שטעלט די פּראָבלעמ פונ ליריק. איז ליריק בא אונדז אינ סאָוועטנ־פארבאנד אנ עלעמענט פארנ רעוואָליוציאָנערנ שאפנ? מיר דערמאָנענ זיכ פעפערס קאָמיוגישע לידער, לידער פונ בירגער־קריג, שטיקער פונ „געפונענע פונקענ“, ווערק פונ אנדערע אונדזערע פּראָלעטארישע שרײַבער אונ מיר ענטפערנ: יאָ, די ליריק קענ זײַנ אנ עלעמענט פונ פּראָלעטארישנ שאפנ. וואָס זשע דענ? מע דארפ אויסראמענ די אלטע אונ פרעמדע „ליריק“. מע דארפ איבערשמעלצנ דידאָזיקע קונסט־עלעמענטנ אינעמ פלאמ פונ אונדזער פּראָלעטארישער וועלט־אָנשויונג, אָנלאָדנ דעמ ליריזמ מיט פּראָלעטארישנ קאָלעקטיוויסטישנ פאטאָס, מיט פּראָלעטאריש־קלאַ־סאָווער קרעפטיקײַט. פרייליגראט איז געווענ א ליריקער אונ איז געווענ א „טרי־בונ פונ דער רעוואָליוציע“. אונ מאיאקאָווסקי איז אינ זײַנע בעסטע ווערק ניט קיינ ליריקער? הייסט עס, אז ניט נאָר יעסענינס עלעגישע שורע קענ אסימילירנ דעמ ליריזמ פונעמ דיכטער. ליריזמ איז—געלאָדענע עמאָציאָנעלקײַט, הויכער אויסדרוק פונ דעמ דיכטער געפילנ־גאמע; צי איז דאָס פרעמד דעמ פּראָלעטאריאט? איינער פונ די באשליסנדיקסטע קוואלנ פונ ענערגעטיק פאר אונדזער סאָציאַליסטישער בויונג, בא די אָביעקטיווע, רעאלע מעגלעכקײַטנ, איז בא אונדז אינ לאנד דער ענטוזיאזמ פונ די מאסנ, וואָס פליסט דורכ די קאנאלנ פונ סאָצגעוועט אונ שלאָג־לערײַ. דער הויכער געמיט־צושטאנד פונ ארבעטער־קלאס, וואָס איז אנ אויסדריק פונ דעמ אָפּטימיזמ פונ א פאָרגעשריטענעמ קלאס אונ א רעזולטאט פונ דער סאָציאַ־ליסטישער בויונג אינ לאנד — איז דענ אינ דעמ ניטאָ דער עלעמענט פונ דעמ פּראָלעטאריאטס קלאסנ־ליריק, פונ א טיפנ עמאָציאָנעלנ געפיל, וואָס ווערט רעאליזירט שוינ אינעמ באוווּסטזיניקנ קאמפ קעגנ קלאסנ־סוינע, פאר סאָציאַליזמ!!

מע קענ ניט אָפּרײַסנ די געפילנ־וועלט פונעמ קלאסנ־באוווּסטזײַנ, פונ דעמ קלאסנ־קאמפ אינ דער גאנצער געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט פונ די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע. די פּראָלעטארישע לירישע דיכטונג איז אויכ אזא פּראָדוקט אונ עלע־מענט פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג, ווי דער גאנצער קלאסנ־ליריזמ פונעמ ענטו־זיאַסטישנ פּראָלעטאריאט. צי קענ מענ ארויסוואַרפנ דעמדאָזיקנ וויכטיקנ עלעמענט פונ דער שאפונג? ניינ. בעשומויפנ ניט.

טאָ וואָס זשע פאר א טײַנעס קענ מענ האָבנ צו דער ליריק? זי, די ליריק, איז געווענ שלעכט, זי איז געווענ באהויכט מיט ראָמאנטיק, אינדיווידואליזמ אונ יערידע? ריכטיק, ווײַל די ליטעראטור איז געווענ א בורזשואזע אונ קליינבירגערלעכע; אפ וויפל זי איז געווענ אזא—א בורזשואזע אונ א קליינבירגערלעכע, אפ אזויפיל איז די ליטעראטור געווענ יערידיש אונ אינדיווידואליסטיש. אויכ פאר אָקטיאבער זײַנענ געווענ עלעמענטנ פונ פּראָלעט־ליריק. דאָס וועט קיינער ניט לייקענענ, נו, אונ אינ

דער עפישער ליטעראטור איז עס ניט געווענ?—דאָסטאָיעווסקי איז דאָכ ניט געווענ קיינ ליריקער, אונ פערעצ קימאט אויכ ניט—וואָס זשע איז דערפונ געדרונגענ? אז זייערע שאפונגענ זײַנענ שוינ דערפאר אליינ אָנעמבאר? איז בלויז די ליריק געווענ אינדיווידואליסטיש אונ ראָמאנטיש? נייִנ.

נאָכאמאָל—מע קענ ניט נעמענ די עמאָציע־וועלט אונ אָפטיילנ פונ דער וועלט־אָנשויונג פונעם דיכטער. מיר ריידנ וועגנ איבערמאכנ דעם מענטשנ, דער מארקסיזמ לערנט אונדז, אז מיר דארפנ אקטיוו איבערמאכנ די וועלט, דעריב אויכ די געזעלשאפטלעכע וועלט, אויכ די מענטשלעכע פערזענלעכקײַט. צי הייסט עס ניט, אז מיר קענענ דורכזאפנ די לירישע קוואלנ פונ שאפנ מיט דער שפרודלדיקײַט פונעם סאָציִאליסטישנ בויענ? אויכ אונדזער ליריק באקומט אנ אנדער קוואליטעט, ווענ זי ווערט א שאפונג־עלעמענט פונ דער נײַער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט. אסאכ לידער פונ „פלאקאטנ" זאָגנ אפ דעם איידעס.

אלזאָ—פונ ליריזמ וועלנ מיר זיכ ניט אָפזאָגנ, כאָטש מיר וועלנ שלאָגנ איבער אלע סוביעקטיוויסטנ אונ אינטעליגענטישע „כליופיקעס", איבער אלע סקאוויִענדיקע יונגעלײַט, ווי מיר שלאָגנ ביכלאל דעם פראָנט פונ קלאסנ־פײַנט. מיר וועלנ אָבער דידאָזיקע לײַט ניט אָפשענקענ אונדזער רײַכע געפילנ־וועלט. דאָס וואָלט זײַנ די גרעסטע זינד קעגנ מאטעריִאליסטיש־דיִאלעקטי׳נ מעטאָד, וועלכער רײַסט ניט אָפ די „וועלט פונ געפילנ" פונ דער „וועלט פ׳נ דענקענ".

אונ דאָ באגייט פעפער א טאָעס. ער שרײַבט אינ זײַנע „פלאקאטנ" (אנ ענטפער קושניראָוונ).

מיר בויענ
די ליד,
ווי מע בויט איצט א שטאָק,
ווי עס בויט
די פארטיי אירע טעזיסנ:
יעדער אָס, יעדער קלאנג אפ הייסנ געוועט!
אפ הייצונג—
דעמ כלאמ פונ די לירעס!
מיר דארפנ א פריש טאָנ
מיט גיפט פונ פאמפלעט,
א שטאָכ טאָנ
מיט שפיז פונ סאטירע!

אינ דידאָזיקע שורעס איז א גאנצע פראָגראמ.

„מיר בויענ די ליד, ווי מע בויט איצט א שטאָק, ווי עס בויט די פארטיי אירע טעזיסנ"—דאָס זײַנענ גוטע שורעס, אינגאנצנ אונדזעריקע שורעס. איכ נעמ דידאָזיקע שורעס אופ ווי א בילדערישע פארקערפערונג פונ דער ראָל פונעם פראָלעטארישנ ליד אינעמ איצטיקנ פעריִאָד. אָבער די ווײַטערדיקע שורעס ווארפנ א שאָטנ אפ די פאָרגייענדיקע. „אפ הייצונג—דער כלאמ פונ די לירעס": פארוואָס אפ הייצונג? פארוואָס איז די ליריק ניט מער ווי כלאמ? ניט שוינ זשע זאָגט זיכ פעפער אָפ פונ זײַנ דורכגעמאכטנ וועג? נאָר וואָס זשע? פעפער זוכט אנ אנדער וועג, ער האָט א ראדיקאלנ מיטל קעגנ פאָריקנ „כלאמ", ער האלט, אז נאָר א נײַער

זשאנד וועט דאָ העלפנ. „מיר דארפנ א פריש טאָנ מיט גיפט פונ פאמפלעט. א שטאָכ טאָנ מיט שפיז פונ סאטירע“. גוט! פאמפלעט אונ סאטירע איז אונדז אומ־באדינגט נייטיק, אָבער פארוואָס דאָס אנטקעגנשטעלנ דער ליריק?

פעפער באגייט אנ ערנסטנ פעלער, אונ ניט דערפאר, וואָס ער ווענדעט זיכ צומ פאמפלעט. פאראנ אינ פעפערס זאמלונג גלענצנדיקע ערטער. עכט־פאמפלעטישע. דערמאָנט זיכ פעפערס „נעקראָלאָג“, אפ דער „וואכ“, אָדער „אינ א מוזיי“, אָדער „רעפליקעס“ (צומ יידישנ קאמער־טעאטער). אָבער בלויז פאמפלעטנ? ניינ. אנטקע־גנשטעלנ פאמפלעט, אנטקעגנשטעלנ „גיפט“ דער „ווייכער לירע“—דאָס איז ניט ריכטיק.

וואָס הייסט „גיפט“ פונ פאמפלעט“ אונ „שפיז“ פונ סאטירע“ אָנשטאָט ליריק? דאָס דערמאָנט אונדז אָנ זייער א שעדלעכנ אויסטייַטשנ די פאָרמולירונג „אראָפּ־רייַסנ אלע מאסקעס“. מיטנ „גיפט פונ פאמפלעט“ אונ „שפיז פונ סאטירע“ וועלנ מיר אומבאדינגט ארויספירנ אפ דער ליכטיקער שייַנ די סאָנימ פונעמ ארבעטער־קלאס, מיר וועלנ מיט זייער הילפ ראמענ די וואנצנ פונ דער געזעלשאפטלעכער צוזאמענ־ווינונג, אָבער מיר האָבנ א פארזאָג פונ דער פארטיי צו באווייַזנ דעמ העלד פונ פינפ־אָר, דעמ בויער, דעמ פארטייער, דעמ פארט־קאָלעקטיוו, וואָס באקרוינט די העראָיק פונ אונדזער צייַט. איז דער גיפט פונ „פאמפלעט“ אונ „שפיז פונ סאטירע“ גענוג צו באווייַזנ דעמ העלד? איז פאמפלעט אונ סאטירע דער איינונייִנציקער מיטל באמ שילדערנ די גרויסע עפּאָכע פונ דער סאָציִאל־סטישער רעקאָנסטרוקציע? געבנ אונדזער העלד דארפ מענ אינ דער אומגעבונג. דער דיכטער דארפ שטענדיק האָבנ בא זיכ דעמ „גיפט“ אונ „שפיז“, מיט וועלכע ער קומט אופדעקנ אונ אויסראמענ די קליינבירגערלעכע, בורזשואזע אטמאָספער, וואָס שטייט אינ וועג פונעמ שלאָגלער; אָבער צי קענ מענ ווייַזנ דעמ שלאָגלער בלויז אינ ארומרינגלונג פונ עקדעשנ אונ שלאנגעג, אונ אימ, דעמ העלד פונ פינפיאָר, מאָלנ בלויז מיט „גיפט“ אונ מיט „שפיז“?

לאָמיר זענ, ווי בויט אונדזער פארטיי אירע טעזיסנ? זי בויט זיי ווי א שפיגל פונ דער גאנצער אָביעקטיווער ווירקלעכקייַט, מיט אלע אירע פאָטענצנ, מיט אלע אירע ליכטיקע אונ שאָטנדיקע זייַטנ; די פארטיי זאפט דורכ אירע טעזיסנ מיט ענער־גישער באוווסטזיניקער איבערצייַגונג, מיט אָפטימיזמ, מיט שמייַסיקער אונ שלאָגי־קער ארגומענטאציע קעגנ קלאסנ־סוינע אונ מיט פעסטער זיכערקייַט אינ זיג פונ פראָלעטאריאט. מיט צילבאוווסטנ קאמפ פאר נייַע הויכנ אינ דער סאָציִאליסטישער בליִונג. מיר וועלנ מעכאניש ניט אריבערטראָגנ די „טעזיסנ“ אינ דיכטונג, אָבער דעמ מעטאָד פונ בויענ די ליד אונ פונ בויענ די טעזיסנ בלייַבט דערזעלבער: דער באנעמ פונ דיִאלעקטישנ מאטעריִאליזמ בלייַבט דערזעלבער סיי אינ דער פאָליטיק, אזוי אינ דעמ ספעציפיקומ פונ קונסט!

טאָ צו וואָס זשע אזא מעלדונג:

מע דארפ ניט קיינ צארטינקע פארבנ,
מע דארפ מיט קיינ בוימל ניט שרייַבנ,
די זיפצנ די לירישע שטארבנ—
פלאקאטנ אפ בראָנזע פארבלייַבנ!

און פריִער אין דערזועלבער ליד:

די בראָנזע אהער אפ פלאקאטן!
די בראָנזע אהער קעגן סאָנים!

ריכטיק, די „בראָנזע אפ פלאקאטן" דארפן מיר, די „בראָנזע קעגן סאָנים" מוזן מיר האָבן. אָבער ניט שוין זשע דארף מען צוליב דעם פארלייקענען די „ווייכע מעטאלן", די „צארטע פארבן" — צו וואָס ארויסשליידערן עס, ווען דאָס איז נייטיק דעם פּראָלעטא־ריִאט! ניט שוין פּילט ניט פּעפער, אז אין דיזעלבע שורעס זיינען איז דאָ צארטער לירעזם, אָדער ווערט עמעצער קענען ארויסבאפרייען פון לירעזם די פאָלגנדיקע שורעס!

איר דער דיכטונג פעלט מעטאל נאָך,
אין דער דיכטונג שמעקט מיט טאלגע
און מיט פּולן צוויט.
ווינציק יאטן פון זאויאָרנ
קומען מיט מעטאל באלאָרג
און מיט אנטראציט...

דאָ איז פאראן פארטיפונג, פאראלגעמיינערונג, בילדערישקייט. די דאָזיקע ציטירטע שורעס זיינען לירישע, זיי זיינען אפילע צופיל צארטע, אָבער לויט פעפערס מיינ דארפן זיי ריידן קעגן דער לִיריק, וואָס שטעלט זיך אנטקעגן דעם רוף פון סאָציאַלי־סטישער בויונג. הייסט עס, אז פעפער אליין האָט פּראַקטיש ניט אָפּגעלייקנט די לִיריק. פארוואָס האָט ער דעקלאראטיוו עס וויפל מאָל אין די „פלאקאטן" געפּרווט פארלייקענען, „פארברענען", הייסן „שטארבן"?

פעפער פארשטייט אין גרונט ווי א פארטייער אונדזערע פאָדערונגען צו דער קונסט. ער האָט דיזאָזיקע לאָזונגען פון פארטיי פאר זיך, ער מעלדעט:

אָט די טעג די טאָגטעגלעכע הודיעג
צו דענקמאָלס, בולווארן, פּאלאצן,
אהערצו די בראָנזענע הרורעס
אפ לאָזונג, אפ דופּ און אפ טאצן!

פעפער ווייס, וואָס צו מאָנען בא דער קונסט. וועגן דעם רעדט זייער גוט זיין פּאמפלעט „אין א מוזיי".

כיהאָב ליב די מוזייען,
נאָך טויזנט מאָל ליבער
אין גאנג אין די רייען
איז פעלדרישער פיבער.
און ווידער און נאָכעט
מיר מאָנען און מאָנען
פון אונדזער עפּאָכע
די שטאָלצע סימאָנים.

„פון אונדזער עפּאָכע די שטאָלצע סימאָנים" — פעפער פאָדערט, אלזאָ, ניט נאָר „גיפּס" פאר די פליִער און קריכער, נאָר אויך פארבן פאר „שטאָלצע סימאָנים" פאר העראָישקייט פון אונדזער צייט.

קומט ער אָבער צו דערלייזן דיזאָזיקע פּראָבלעם, נעמט ער א צו הויכע נאָטע און עס באקומט זיך אן אָפּווייכונג.

* * *

באַרייכערטער מיט נייע פאָרם־מעגלעכקייטן דעקלארירט פעפער אין זיין ביכל „פלאקאטן" די באדערפעניש אין קינסטלערישע ווערק, וואָס גיבן אונדזער „מעטא־לענע צייט". דאָ איז פאראן דער אויסדרוק פון פארשטאנד פאר די מאגניטבויען פון דער ליטעראטור. זיי קענען געשאפן ווערן נאָר אפ דעם וועג, אפ וועלכן עס גייט פעפער: אפן וועג פון פארטייישקייט, פון אקטיוון אָנטייל אין דער פּאָליטיק פון אונדזער פארטיי, פון אקטיווער באציונג צו די געשעענישן אין דער קאפיטאליסטישער וועלט. פעפער האָט אונדז אין די „פלאקאטן" געגעבן צו פילן זיין באהעפטיקייט מיט די שלאכטן אפ דער צווישנפעלקערלעכע ארענע (קאפיטל „פולווער אפ די גאסן") און אין דער יידישער ארבעטנדיקער סוויווע (קאפיטל „שווארץ אפ ווייס"); וועגן דער הויכער ליד פון סאָציאַליסטישער בויונג האָט ער אונדז אָנגעזאָגט אין די „פלאקאטן" און גייט דערפאָלגרייך צו ווייזן עס אין „פלאסטן"; פעפער שלייפט זיין מעטאָד, און געפינט דעם וועג צו געבן די סאָציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע.

עפשער איז פעפערס ווענדונג קעגן דער ליריק א דראנג צו אָפּשטויסן זיך פון עלעמענטן פון ראָמאנטיזם — צו דארף מען אָבער צוליב דעם „פארברענען די לירע"? ניין!

א שטאָפּ האָט פעפער ארומגעכאפט א גרויסן אין זיין ביכל „פלאקאטן". דאָ פארנעמט א גרויסן אָרט סאָוועטישער שטייגער און די טאָג־פּאָליטיק. מיט עכט־דיכטערישן מיטל רעדט פעפער וועגן די „געפארן" פון מילכאָמע און דאָ טאקע וועגן דער ראָל פונעם דיכטער, דעם „טרובאטש פון דער רעוואָליוציע", אין איר:

פון די גאָרע לענדער יאָגן ווילדע רייטער—
וואָלקנס אפ דער זון,
טויזנטער געפארן, ווי די שווארצע שייטערס
לויערן ארום...
שרייען די געפארן, שרייט דער טויט פונוויטנס:
ב׳קום!

— — — — — — — — —

וויקלען זיך געפארן, שווארצע, שווערע רינגען
ארום אונדזער לאנד.
שטייען אום די אלטע, שטייען אום די יונגע,
ווי א הויכע וואנט,
ניט קיין שטילע לידער, שארפע שווערדן קלינגען
אינעם דיכטערס האנט.
ס׳שטייען אום די אלטע, ס׳שטייען אום די יונגע
פונעם גאנצן לאנד" (ז. 88—89)

דידאַקטיק שורעס זאָגן אונדז, אז פעפער האָט אין זיין „פראָסטן וואָרט" ניט, וואָס צו רעווידירן, אז ער האָט בלויז די אופגאבע צוזאמען מיטן גאנצן לאנד זיך אופהייבן אפ דער נייער גרויסער שטופע פון אונדזער רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד. אין אזעלכע לידער דארף אויך דאָס לאנד געגומען ווערן אין דעם שניט פון פאר

שאַרפֿטן קלאַסן־קאַמף. זײַן וואָרט אין דידאַזיקע לידער קלינגט אין אַלגעמיין אידיייש־רײַף. דערדאָזיקער וואָרט שטעלט זיך אַנטקעגן די הײַלע שורעס פֿון דער ליד „סילאָס":

אונדזער מוזע, אונדזער טעמע
וועט הײַנט זײַן די פֿלייש־פּראָבלעמע;

געוויס איז פֿלייש, סילאָס און סאַנמינימום אונדזער הײַנטיקע טעמע. נאָר מיר ווילן, אַז דידאָזיקע טעמע זאָל קלינגען מיט אַזאַ קראַפֿט, ווי פּעפֿערס לידער וועגן מילכאָמע־געפֿאַר און „שרײַענדיקע הענט", זי זאָל זײַן אָנגעזאַפּט מיט גרויסער אָ נ ש ט ע ק נ ד י ק ע ר קינסטלערישער קראַפֿט.

* * *

פּעפֿער האָט באַרײַכערט זײַן שאַפֿונג־אינסטרומענטאַרי. אים איז צוגעקומען דער שפּיז פֿון סאַטירע און איראָניע.

פּעפֿער בויט זיך איבער. ער טוט דאָס ניט באַהאַלטענערהייט. ער ווייס, אַז איבערבויען זיך אין גײַסט פֿונעם איצטיקן פּעריאָד קען מען ניט „אונטערן קאָלדרע"—מע מוז עס טאָן אין פּראָצעס פֿון דער אַרבעט, דאָס קען קומען אין דער פּראַקטיק. כאָטש פּעפֿער האָט דערלאָזן פֿעלערן אין זײַנע „פּלאַקאַטן", וועגן וועלכע מיר מוזן וואָרענען, האָט דאָך פּעפֿער אונדז געוויזן זײַן דערפֿאַרונג אין דורכמאַכן דעמדאָזיקן וועג. אַנדערע שרײַבער זײַערן זיך אײַנערגעץ אונטער דער ערד און ברענגען ניט קיין שום פּראָדוקציע. זיי פֿאַרגעסן דערבײַ, אַז די צײַט מאַכט גיגאַנטישע שריט. פּעפֿער אָבער האָט דיראָזיקע שווערלײַביקײַט אויסגעמיטן און דורך די פֿעלערן אַפֿילו, וואָס ער האָט דערלאָזן, קוקט דורך די קראַפֿט פֿון פּראָלעטאַרישער קונסט. די גאַראַנטיע פֿאַר פּעפֿערס ווײַטערדיקע זיגן איז דאָס, וואָס ער קעמפֿט אָקשאָנעסדיק פֿאַר דער אידיי פֿון מאַרקס, אַז „דער דיכטער זאָל פֿאַרנעמען אַ פּאָזיציע אַ פּאַרטייישע, אין ברייטן היסטאָרישן זין פֿונעם וואָרט".

פּ. ס. שרײַבנדיק וועגן פּעפֿערס בוך „געפֿונענע פֿונקען" (זע מײַן בוך „אין שלאַכטן", אַרטיקל „די ליד פֿון שרײַענדיקע הענט") האָב איך פֿאָרמולירט דעם פֿאָלגנדיקן טעזיס: „פֿון לירריק צו עפּיק. וואָרעם לירריק קען שוין איצט ניט זײַן מער ווי אַ פֿערמענט, ווי אַן עמאָציאָנעלע באַפֿאַרבונג, ווי אַ באַצירונג־מיטל צום ברייטערן פֿאָן, צו דער ברייטערער שילדערונג, צו דער מער אָביעקטיוויזירטער און מער אַלגעמיינער דיכטערישער אַנטפֿלעקונג". דערדאָזיקער טעזיס לייקנט פּאַקטיש אָפּ לירריק. אין די ווײַטערדיקע שורעס ווערט געזאָגט: „דאָס הייסט ניט, אַז לירריק דאַרף אַנולירט ווערן". דער אָנהייב, ווי עס איז צוזען, גייט זיך ניט צונויף מיטן סאָף. דער גאַנצער טעזיס איז אַן עקלעקטישער, ניט קיין ריכטיקער. די לירריק ווערט גענומען אין דעמדאָזיקן טעזיס אָפּגעריסן, ווי אַ ריינער פֿאָרם־עלעמענט, ווי אַ מעכאַנישער צוגאָב, אַ „באַפֿאַרבונג" צו דער „ברייטער שילדערונג". אַזאַ פֿאָרמולירונג באַווײַזט, אַז דאַן איז פֿאַר מיר אַליין ניט קלאָר געווען די גאַנצע פּראָבלעם מיטן געגעבענעם אַרטיקל ווערט שוין בעמיילע געגעבן די קריטיק פֿון דעמדאָזיקן פֿאַריקן ניטריכטיקן טעזיס אין דערזעלבער פֿראַגע.

וועגן מ. קולבאקס שאפן.

1

מ. קולבאק איז צוריק געקומען אין סאָוועטן־פארבאנד אָנגעלאָדן מיט א יערושע ניט קיין אונדזעריקע. זיין אינטעלעקטועלע קולטור האָט קולבאק אין גרונט געשעפּט פון דער יידישער קאבאָלע־פילאָסאָפיע, פון דער יידישער מיסטיק און סכאָלאסטיק, און, פון דער צווייטער זייט, פון דעם רוסישן און יידישן ליטעראַרישן סימבאָליזם. דערמיט איז כ׳ קולבאק צוריק געקומען צו אונדז, ווען ער האָט דערפילט, אז די אטמאָספער פון דער אויסלענדישער בורזשואזער און קליינבירגערלעכער ליטעראטור שטיקט אים.

קומענדיק צו אונדז, האָט ער דעריבער געדארפט דורכמאכן א גאנצע רעוואָליוציע אין דעם שאפונג־מעטאָד זיינעם און ער האָט באדארפט אסאך ארבעטן איבער זיך, קעדיי זיך אויסלערנען באנעמען פון אונדזער שטאנדפּונקט די עפּאָכע, ווען עס ווערט געבויט דער סאָציאַליזם.

קולבאקס שאפונג־מעטאָד ביז קומען צו אונדז איז געווען א מעטאָד א סימבאָליסטישער, א בורזשואז־מעטאפיזישער, ניט געקוקט אפ דעם וואָס צייטנווייז איז זיין שאפונג געווען באהויכט מיט בונטארישן פּראָטעסט („שטאָט“). די „בונטארישע“ אָנלאָדונגען אין די דעמלדיקע ווערק זיינען ניט געקומען פון א קלאס, וואָס האָט קלאָר באשטימטע רעוואָליוציאָנערע צילן און פּערספּעקטיוון — פון פּראָלעטאריאט, — די דאָזיקע אָנלאָדונג איז געווען אין בעסטן פאל א קליינבירגערלעך־ראדיקאל, און אָפּטמאָל א קליינבירגערלעך־רעאקציאָנערע.

אויב נעמען קולבאקס ווערק „מאָשיעך בען עפראָים“, אין וועלכן עס איז קלוימערשט אָפּגעמאָלט בונט קעגן רעליגיע, איז עס א רעפלעקס אפ קאבאליסטיש־מיסטישער דערלייזונג פון דעם מענטשן, א קלוימערשטער בונט, א קלוימערשטער פּאמפלעט קעגן רעליגיע, אָבער פאקטיש איז עס דרעפּאָרמירטע „פּאָפּאָווטשטשינע“, געזאנג פון „צעבונטעוועטן לייב“, צעכראָמטשעטע פיזאָלאָגיע, ווידערקאָל פון מיסטיש־אנארכיסטישן אָנמעכטיקן פּראָטעסט קעגן פעאָדאלער פּארקלעמטקייט. עס וואָלט געווען אינטערעסאנט צו אופדעקן פּראָסט די סטימולן, וואָס האָבן קולבאקן געשטויסן

שרײַבן אזא ווערק,—גיכער ווי אלץ איז מיסטאָמע דידאָזיקע רעפּאָרמירטע מאָשיעכ־דיקע „פּאָפּאָווטשינע" געווען א רעזולטאט פון דעם, וואָס קולבאַק האָט בײַם מילכאָמע און באזונדערס בײַם דעם נאָכמילכאָמע־פּעריִאָד דערזען די פינצטערע אויסגאנגלאָזיקײַט פון דעם קלײנבירגערטום אין די באַרינגונגען פון בורזשואזער הערשאפט. אנטלויפנדיק פונעם קאפּיטאליזם, וואָס דערלאַנגט איין קלאפּ נאָכן צווייטן דער קלײנבורזשואזיע, האָט זיך קולבאַק געפּרוווט ראַטעווען מיט דער הילף פון „מאָשיעכ בען עפראַיִם".

דערדאָזיקער מעשיכיזם האָט אוועקגעלײגט זײַן שטעמפּל אויך אף דעם ראָמאַן „מאָנטיק". דער בוך „מאָנטיק" רעדט וועגן אונדזער רעוואָליוציע, אָבער דאָרט איז אלץ געזען אין אזא ליכט, אז די רעוואָליוציע ווערט קאָמפּראָמעטירט. אָנשטאָט דער פּראָבלעם פון די עקספּלואטירטע קלאסן, וואָס גײען זיך באפרײַען דורך רעוואָליוציע, שטעלט אוועק קולבאַק אין דעם בוך „מאָנטיק" די פּראָבלעם פון דעם לומפּן־פּראָלעטאריער, פונעם דעקלאסירטן, אנארכיסטישן עלעמענט, וואָס זעט זײַן אויסלײזונג אין שליסן פרידן מיט אָרעמקײַט. די גאנצע אידײע פונעם בוך איז א טאָלסטאָיִשע, די גאנצע ווארעמקײַט שענקט דאָ אוועק דער שרײַבער דעם סאָציִאלן מיסט, דעם אָפּפאל פון דער געזעלשאפט, דערבײַ אנטוויקלט ער אן אײגנארטיקע אָרעמאנישע פילאָסאָפיע, וועלכע באווײַזט זײַן, קולבאַקס, אָרעמקײַט פון דער פילאָסאָפיע... דער גאנצער בוך איז דורכגעדרונגען מיט שאָפּנהויערישן פּעסימיזם, אָפּהענטיקײַט, געבראָכנקײַט, אנטוישונג, מוירע פאר מאסאָווער באוועגונג, קלײנבירגערלעכער שמאָלקײַט, פּאסיוויטעט, און איז געוויס אן אָפּשפּיגלונג פון קולבאַקס דעמלטיקן ניט פארשטײן די עפּאָכע פון אימפּעריאליסטישע מילכאָמעס און סאָציִאלע רעוואָליוציעס.

„בוניע און בערע"—איז א שפּעטערדיקע גרויסע פּאָעמע קולבאַקס. אויך דאָ ווערט פאַרגעזעצט די פילאָסאָפיע פון מאָשיכישער געולע פון די פריערדיקע מיסטישע ווערק, אויך דאָ איז אין א היפּערבאָליזירטער פאָרם דערהײבן געוואָרן ביז העל־דישער בונטארישקײַט דער אקטיוו געוואָרענער לומפּ, וואָס גײט אויסשפּאָטן פון דעם פּראָלעטאריאַט'ס קלאסן־אידעאלן. אזא באלויכטונג איז געוויס א רעזולטאט פון ניט באנעמען צו יענעם מאָמענט דעם אינהאלט פון פּראָלעטארישער רעוואָליוציע.

די פּאָעמע „רײַסן", ניט קוקנדיק אף זעם, וואָס דאָרט איז ניטאָ דער מאָשיכישער געולע־אידעאל, איז אויך ניט פרײַ פון עלעמענטן פון בורזשואזער ראָמאנטיק און פון דעמזעלבן מיִן סימוואָליזם. דאָס ראָמאנטיזירן דאָס אלטע, די אידעאליזאציע פון שטארקע פעטערס און פּרוכטבארע מומעס, דער קולט פון קולאקישע גיבוירים,— איז בלויז א נײַער פּרווו ווײַטער צו לײזן ניט אף אונדזער אופן די פּראָבלעם פון דער סאָציִאלער באפרײַונג. דאָס איז אין בעסטן פאל ווידעראמאָל א געזאנג פון דער־אלמעכטיקער פיזיאָלאָגיע, אינגאנצן אָפּגעריסן פון די קלאסן־קאָנפליקטן, וועלכע בילדן די רעאלע באוועג־קראפט אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן. דאָס איז אן אָפּשפּיגלונג פון יענע בורזשואזע קלאסן־ווירקונגען און רעאקציאָנערע טעאָריעס, וואָס האָבן געבילדעט קולבאַקס פילאָסאָפישע, און צוזאמען דערמיט אויך די שעפערישע קוואלן, ביז דעם קומען זײַנעם צו אונדז אין סאָוועטנפארבאנד.

קולבאַקס קומען אין סאָוועטנפארבאנד איז ניט בלויז א צײכן אין רוים און צײַט. נײַן. קולבאַקס קומען צוריק אין סאָוועטנפארבאנד איז א רעזולטאט פון

אַן אָנהייב צו „איבערשאַצן די ווערטן". דאָס האָט קולבאַק געגעבן צו פילן די שרײַבער פון װאַרשע אַף דעם באַנקעט פאַר זײַן אַװעקפאָר, װען ער האָט די דאָרטיקע ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקייט אָנגערופן, אַלס אַ בלאָטע. אַנטוישונג אין דער בורזשואַזער קולטור און דראַנג נאָך רעװאָלוציאָנערעס — דאָס האָט מיט זיך באַצייכנט זײַן קומען אין סאָװעטן־פאַרבאַנד.

קולבאַק האָט אַזוי אַרום „פּאַרשפּעקטיקט". פון דער אַקטיאַבער־רעװאָלוציע איז ער לעכאַטכילע געװאָרן געפּלעפט. האָט ער זי אין ערשטן יאָרצענדליק ניט באַגריפן. אַף דער רעװאָלוציע האָט ער דאַן געקוקט מיט די אויגן פון זײַנע רײַסישע פּעטערס און מומעס, פון זײַנע בוניע און בערעס; ער האָט מיט אומצוטרוי געקוקט אַף דער שטאָט און אַף דער באַפרײַונג, װאָס די אַרבעטער־רעװאָלוציע ברענגט. „װעלט, אין טויזנט פּענימער פאַרשטעלט, איך גיי צו דיר אַף טויזנט װעגן — װוּהין? איך װייס ניט װוּ..." (ליד „װעלט"). פון צוטומלטקייט װייס ניט קולבאַק, װאָס ער האָט צו טאָן: זאָל ער גיין מיט דער רעװאָלוציע? זי ציט אים מיט איר רויטע פײַערן. אָבער ער טרויט איר ניט, װײַל אים דאַכט, אַז די „הענט" פון דער רעװאָלוציע „בעטן און טאַפּן אין דער פינצטערניש" („אַ ליד צו רוסלאַנד"). די רעװאָלוציע װערט געמאַכט פון דער אַװאַנגאַרדישער שטאָט, זי גייט פון די פאַבריקן און אַרבעטער־גאַסן. אָבער קולבאַקן שרעקט די פּאָרגעשריטנקייט פון דער שטאָטישער קולטור, כאָטש עס לאָקט אים שוין דער װוּנדער (בייז־װוּנדער?) פון דער שטאָט. „עס קלינגט די שטאָט אין שװערער שטראָפּיקייט, עס ברומט די שטיינער־שטים אין יאָך פון שטאָל" — אַזוי זעט אויס די שטאָט, און דער דיכטער ראַטעװעט זיך פון דעם „שטאָטישן יאָך". זײַן געמיט װערט אויסגעלײַטערט, װען ער דערזעט „ציכטיק־װײַסע כריזאַנטעמען" און „אַ דאָרפיש קינד מיט פעלד־גערוך", נאָכדעם װי ער האָט שװער „געפילט דעם שטיין, מעטאַל און ערץ... די מענטשן װײַס און ברוינס און דעם פאַבריק־רויך"...

אין דער פּאָעמע „שטאָט", פונװאַנען איך ציטיר דידאָזיקע שורעס, זאָגט טאַקע קולבאַק, אַז „ס'איז מײַן אורװעג געצװייט, און געציילט (?) איז אַ יעטװידער טראָט. ס'ליגן דערפאַר און שטעט, און מיד װאַנדער איך צװישן פון פריטאָג ביז שפּעט". קולבאַקס געמיט איז צעצװייט, צעשפּאָלטן: ער קוקט דער רעװאָלוציע אין געזיכט אַרײַן, דערשרעקט זיך פאַר איר אָטעם און פאַר דער שטאָטישער מעטאַל־קולטור, װעלכער קולבאַק איז כּוישעד, אַז זי, דידאָזיקע קולטור, גייט פאַרניכטן װאַלד און דאָרף.

בײַ אַזאַ צעצװײַטקייט אין דער באַציִונג צו דער רעװאָלוציע האָט קולבאַק ניט געקענט באַװײַזן די שטרעבונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט. די בראַנזענע יונגען פון קולבאַקס „שטאָט" זײַנען מעטושטעש, דורך דידאָזיקע יונגען קוקט אַרויס סאָציאַלע געשפּאָלטנקייט. דעריבער זײַנען די יונגען פאַרנעפּלטע: „פון טיף נאַכט געדרונגען, זיי גייען, אין פינצטערע רונגען אין אומקלאָרע רייען, צוזאַמענגעדרייט האָט זיך ס'פּאָלק מיטן הײליקן טויט".

דערמיט בינדט זיך, װאָס ער האָט אין דער פּאָעמע „בוניע און בערע אַפן שליאַך" באַװיזן אַנאַרכיסטיש־פּעסימיסטישע באַציונג צו דער רעװאָלוציע, אַנטוישונג אין דער באַפרײַונג, װאָס גייט פון דער שטאָלענער שטאָט, קעגן װעלכער

זײַנע נײַ־מאָדנע דאָן־קיכאָטנ — בוניע און בערע — טרעטנ ארויס מיטנ נאָמענ פונ
מארקס אפ די ליפנ.

קולבאק האָט, אלזאָ, געדארפט, אוועקפאָרנדיק אינ סאָוועטנפארבאנד, זיכ צעכעש־
בענענ מיט זײַנ אייגענעמ געוויסנ, אָנעמענ אנ אנדער שטעלונג צו דער רעוואָלו־
ציע, באגרײַפנ איר אינהאלט, שטעלנ זיכ אפנ שטאנדפונקט פונעמ הערשנדיקנ קלאס
אינ דער רעוואָלוציע — דעמ פראָלעטאריאט, און אויסטאָנ פונ זיכ די מיסטישע
קליידער, דעמ ראָמאנטישנ שלייער, אראָפּווארפנ פונ זיכ דעמ קאָנסערוואטיווג
קליינבירגער, וואָס קענ העכסטנס פּראָטעסטירנ קעגנ „שטאָטישע קוימענס“... צי האָט
זיכ דאָס אײַנגעגעבנ קולבאקנ און אינ וואָס פאר א מאָס? וועגנ דעמ דארפ מענ מיש־
פּעטנ לויט זײַנע איצטיקע ווערק, און דאָס דארפ מענ טאָנ אפ דעמ בוכ „זעל־
מעניאנער.“

„זעלמעניאנער“ איז א גרויסער איבערברוכ־עטאפּ פונ כ׳ קולבאקס שאפנ. דאָס
איז דער ערשטער שריט פונ איינעמ פונ די טאלאנטפולע יידישער שרײַבער
צווישנ די, וואָס זײַנענ געוועננ באלאָדנ מיט אזא גרויסער בורזשואזער מיסטיש־סימוואָ־
ליסטישער יערושע, זיכ צו באפרײַענ פונ דעמ. דאָס איז א קאמפּ, וועלכנ דער
שרײַבער דארפ דורכמאכנ „מיט זיכ אליינ“. מענ דארפ גלײַכ זאָגנ, אז דעמ כ׳
קולבאק האָט זיכ עס נאָכ ניט אײַנגעגעבנ אויסשעפּנדיק אויסצופילנ.

אָבער אינ דעמ בוכ „זעלמעניאנער“ באווײַזט קולבאק טענדענצנ פונ ד ר א נ ג
צו אָפּלייקענענ די אלטע בורזשואזע קולטור מיט אירע אידעאלנ, טראדיציעס און
שטייגער, אפנ באָדנ פונ סאָוועטישערווירקלעכקײַט.

2

וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר דער בוכ „זעלמעניאנער“? דער כ׳ קולבאק נעמט
א קוסטאריש־פּאטריארכאלישנ הויפ, אפ וועלכנ עס האָט א ווײַ געטאָנ שוינ אינ
פּעריאָד פונ סאָציאליסטישער בויונג מיט סאָוועטישער אטמאָספער, וווהינ די דאָזיקע
אטמאָספער איז ביז איצט ניט דורכגעדרונגענ, צוליב די „כינעזישע ווענט“ פונ קאָנ־
סערוואטירנ קולאקיש־קליינבירגערלעכנ גליוועער.

אינ „זעלמעניאנער“ שטרעבט קולבאק באנעמענ די שטייגער־ברוכנ, וואָס די
אָקטיאבער־רעוואָלוציע האָט ארײַנגעטראָגנ אינ דעמ יידישנ קוסטארנ־שיכט. פאר
קולבאקנ איז עס זײַנס אנ אייגענער, א גוט באקאנטער, סאָציאלער שיכט, וואָס
בינדט זײַנע גרונט־פעדימ מיט דעמ ווירטשאפטלעכ־פעסטנ קליינבירגערלעכנ קלאס.
פונ טיפ ראסיי איז אראָפּגעקימענ דער אלטער זעלמעלע אהער, אינ דער ווײַסרוסישער
שטאָט. פונ אימ, זעלמעלענ, שמעקט מיט „פארלעגענעמ היי“, מיט שווערער ניט
געצוימטער פיזישער קראפט, מיט שווארצנ געדיכטנ בלוט, און מיט גיריקײַט, גײַצי־
קײַט, געזעצטקײַט און ווילדקײַט. זעלמעלע כוואסט האָט זײַנ הויפ, מיט די שיינע
עטלעכע רובל, מיט דעמ גאנצנ באלעבאטישנ „שיינעמ גאנג“, מיט דער טענדענצ פאר
באלעגופישנ אָנלעבנ לײַב און פעטס. דער זעלמעניאנישער הויפ דיפערענצירט זיכ
אינ פּראָצעס פונ אנטוויקלונג אפ „דרײַ מעכטיקע שטראָמענ און עטלעכע בײַטײַכ־
לעכ“. מיר האָבנ דאָ צו טאָנ מיט א סאָציאלער דיפערענציאציע. דער גרויסער זעל־

מעניאַנער הויפ, לעכאַטשילע אַ פּאַטריאַרכאַליש־אידיאַלישער, שפּאַלט זיכ, צעווישנ די זעלמעלעכ באַווײַזנ זיכ שטאַרקערע אונ שוואַכערע, יאַכסנדיקע אונ פּראָסטע. קומט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אונ מאַכט בוילעט די סאָציאַלע קאָנטראַסטנ, גיט אַהער צו רעוואָליוציאָנערע פאַקטאָרנ, וועלכע פאַרטיפערנ דעמ אָפּגרונט צווישנ באַזונדערע „הויפיקע״ אונ מאַכנ אַ סאָפ צו דער פּאַטריאַרכאַלער געיײניקטער מישפּאָכע כוואַסט אָט אַזאַ ווי זי האָט געלעבט אינ די אַלטע זעלמעניאַנישע צײַטנ. פונ דעמ זעלמעניאַנישנ הויפ ציִענ זיכ מענטשנ אָפּ פראָנטנ פונ בירגער־קריג. אייניקע קערנ זיכ אומ פונ פראָנט מיט אָרדנס פונ דער רויטער פאָנ, אַנדערע גייענ אַוועק אַרבעטנ אָפּנ פאַבריק. יוגנט גייט לערנענ אינ די אַרבפאַקנ. אינעמ אָפּגעשלאָסענעמ זעלמעניאַנישנ הויפ, דעמ באַלאַגערטנ פונ אינעווייניק מיט קאָנסערוואַטיזמ, רײַסנ זיכ ארײַנ שטראָמענ פונ סאָוועטישע ראַדיאָ אונ עלעקטרע, דער קלאַנג פונעמ נײַעמ טראַמוויַ רײַסט דאָ אופ די רויִקע זומפּיקײַט. צומ א ל ט נ הויפל, אַזוי ווי ער איז געווענ, קומט אַ סאָפ. די מישפּאָכע כוואַסט, מיט איר פריִערדיקער פּאַטריאַרכאַלער פאַרפונדעוועטקײַט, גייט אונטער פאַר אונדזערע אויגנ. דער נײַער שטייגער נעמט אײַנ פּאָזיציעס אינ דעמ זעלמעניאַנער הויפ, אונ דאָס אַלטע טרעט אָפּ, ווערט פאַרניכטעט.

די גרונט־זײַלנ פונ דער „מישפּאָכע״ זעלמעניאַנער, פונ דעמ אַלטנ דאָר, זײַנענ די פעטערס איטשע, זישע אונ יודע. זאָל אײַכ ניט אַרנ, וואָס דער ערשטער איז אַ זייגערמאַכער, דער צווייטער אַ שנײַדער אונ דער דריטער אַ סטאָליער — אינ זיי איז נאָכ ניט געשטילט דער בלוטנ־ברויז פונ דעמ א ל ט נ באַלעגופּישנ זעלמעלע. אונ יעדער פּרווו פונ אויסנ — פונ דער סאָוועטישער ברייטער סוויווע — דאָ אינ הויפ אײַנפירנ עפּעס אַ „רעפּאָרמע״, גיט זיכ ניט אַזוי לײַכט. אַזוי איז מיט דער כאַסענע צווישנ בערענ אונ כאַיעלענ, צווישנ סאָניע דעמ פעטער זישעס אונ דעמ ווײַסרוס אַלשעווסקי, אַזוי איז אַפילע מיט עלעקטרע אונ ראַדיאָ — נײַסנ פאַרנ „רעבזשעהויפ״ אונ דעריבער — אָנשיקענישנ אָפּ דער פאַרווילדעוועטער קאָנסערוואַטיווער אידיליע פונ דער אָפּגעצאַמטער מישפּאָכע כוואַסט. די זישעס שטעלנ זיכ נאַטירלעכ קעגנ דעמ נײַעמ סיידער.

די „יוגנט״, ווידער, — דער נייער דאָר: דער מיליציאָנער־קאָמוניסט בערע, דער פאַבריק־אַרבעטער פּאָליע, די סטודענטישע „שילויעס״ — זיי האַלטנ זיכ אָפּגעפרעמדט פונ די אַלטע אונ באַציִענ זיכ צו זיי פײַנטלעכ. אָבער אויכ זייער פײַנטלעכקײַט צו די „אַלטע״ איז אַנ אייגנאַרטיקע. זיי האַלטנ פונ איינ זײַט פאַר זייער כויוו צו איבערטראַנטלירנ אינ הויפ ארײַנ אַלדאָס סאָוועטישעס, אונ פונ דער צווייטער זײַט האָבנ זיי אַלע נאָכ שטילערהייט ליב, צ ו ז א מ ע נ מ י ט ק ו ל ב א ק נ, דעמ רעבזשע־הויפ מיט זײַנע אײַנוווינער, פירונגענ אונ שטייגער...

3

די פּראָבלעמ, וואָס קולבאַק האָט פאַר זיכ דאָ געשטעלט, איז איינע פונ די באַשליסנדיקע אינ די קאַמפּנ פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט: עס האַנדלט זיכ וועגנ איבעראַרבעטנ דאָס קליינבירגערטומ אינ פּראָצעס פונ קלאַסנ־קאַמפּ. פונעמ שטאַנדפּונקט פונ פּראָלעטאַריאַט דאַרפ מענ אינעמ קליינבירגערטומ אָפּ אַ רעוואָליר־

ציַאָנערנ אויפנ גוּיווער זײַנ זײַנ קאָנסערוואטיזם, זײַנ רעאקציאָנערישקײַט. „א קליינ־פּראָדוצירער, — זאָגט לעניג, — לײַדט זייער פונ דער מאָדערנער אָרדענונג, נאָר ער שטייט אָנ א זײַט פונ די דירעקטע, אינגאנצנ אָפּגעדעקטע ווידערשפּרוכנ, האָט פאר זיי מוירע אונ טרייסט זיך מיט נאַיִוו־רעאקציאָנערע פאנטאזיעס". (לעניג, ב. 2, ז. 53). דידאָזיקע רעאקציאָנערע אידעאָלאָגיע, דער רעאקציאָנערער אוטאָפּיזם פונעם קליינפּראָדוצירער גייענ אריבער „בעיִערושע" פונ דער קאפּיטאליסטישער וועלט דעם פּראָלעטאריאט, ווענ דער לעצטער קומט צו דער מאכט אונ נעמט אויסבויענ די נײַע אָנקלאסאָווע געזעלשאפט. די „רעאקציאָנערע פאנטאזיעס" פונעם קליינ־פּראָדוצירער, זײַנ ניט באנעמענ די ווידערשפּרוכנ פונ לעבנ אינ דער קלאסנ־געזעלשאפט, דריקנ מיט א גרויסער קראפט אויך אפ מאָרגג נאָך דער רעוואָליוציע, נאָכדעם, ווי דער ארבעטער־קלאס שטעלט אײַנ זײַנ דיקטאטור; אָבער די פּראָלעטארישע רעוואָליוציע פארמאָגט קאָלאָסאלע פארדייונג־מעגלעכקײַטנ אונ זי קאָכט איבער דעם ארבעטנדיקנ קליינפּראָדוצירער, באפרײַט אים אלץ מער פונ אוטאָפּיעס אונ איליוזיעס, דערנעענ־טערט אים צו די „דירעקטע, אָפּגעדעקטע ווידערשפּרוכנ פונעם לעבנ" אונ פאר־וואנדלט אים סאָפּקאָלסאָפּ אינ אנ אקטיווג קעמפער פארנ סאָציאליזם.

דעמדאָזיקנ פּראָצעס פונ פארדייענ דורך *קלאסנ־קאמפ* האָט קולבאק באדארפט ווײַזנ אינ זײַנ בוך. דאנ וואָלט ער קינסטלעריש אופגעהויבנ א גרויסע פּראָבלעם. געלייזט אָבער האָט ער דידאָזיקע אופגאבע בלויז ערטערווײַז, אונ אָפּט פונ אינגאנצנ ניט ריכטיקע פּאָזיציעס.

קולבאקנ האָט זיך אײַנגעגעבנ געוויסערמאסנ באווײַזנ קינסטלעריש די וואקל־דיקע, איבערגעלאָדענע מיט רעאקציע, נאָר ניט האָפּענונגלאָזע *אינ די באדינ־גונגענ* פונ *סאָוועטנמאכט* נאטור פונ דעם קליינפּראָדוצירער, האָרעפּאשנעם קליינבירגער.

וואָס שײַעך ווײַזנ די רעאקציאָנערע נאטור פונ דער קליינייגנטימערישער סוויווע, איז קולבאקס בוך א גלענצנדיק ווערק, בא אלע געפּארנ פונ פאראידעאלי־זירנ דידאָזיקע סוויווע. קולבאק וויס זייער גוט די מענטשנ פונ דערדאָזיקער סוויווע — זייער לעבנ, זייער אינטערעסנ־קרײַז. דידאָזיקע שטריכנ גיט קולבאק געדיכט. אינ קאפּיטל „לעקטרע" לייענענ מיר: „פעטער איטשע איז ארויס פונ שטוב, ארומגעקוקט זיך, צי קיינער באמערקט ניט, נאָכדעם איז ער פארבײַגעגאנגענ ערגעצ א שטילנ אָרט, צווישנ דעם פעטער יודעס שטוב אונ דער שטאל. אמאָל איז דאָרטנ געווענ שטארק פינצטער. איצט האָט ער, פארבײַגייענדיק, דערזענ, אז עס איז פארשווונדנ געוואָרנ נאָך א באקוועמלעכקײַט פונ זײַנ לעבנ: דאָרטנ האָט געלויכטנ ווי אינ מיטנ טאָג, ער האָט זיך אוועקגעדרייט א דערצאָרנטער איבערנ הויפ, בייז אפ דער וועלט אונ אפ אירע פּראָגרעסעס". אָט ווי קולבאק ברענגט מיט דער גאנצער העלקײַט ארויס דעם רעאקציאָנערנ קאָנסערוואטיזם פונ די אלטע זעלמעניאנער! עלעקטרישע באַלײַכטונג איז גוט אָדער שלעכט? צו קענ גאָר אײַנפאלנ אָפּלייקענענ די באקוועמ־לעכקײַט דערפונ? אָבער די זעלמעניאנער פעטערס, געוווינטע צום אמאָל, שרעקנ זיך אָפּ פאר עלעקטרישנ ליכט, ווערנ דערצאָרנט קעגנ די „נײַע פּראָגרעסעס", זעענ אינ עלעקטרע־שײַנ, אינ אלדאָס נײַעס, א קראפט, וואָס ענדערט זייער אלטנ שטייגער, אונ דאָס ווילנ זיי ניט.

קולבאקס בילדער, וואָס צייכענען דעם קויעכ פונ רעאקציאָנערער יערושע אינעמ קלײנבירגערטומ, זײַנענ מיט א גרויסער בוילעטקײַט געשילדערט געוואָרנ.

אָבער — ווי געזאָגט — די אָקטיאבער־רעוואָליוציע פירט דאָכ ארויס פונ טעמפּנ ווינקל, פונ פּאסיווקײַט אונ רעאקציע, דעמ האָרעפּאשנעמ קלײנבירגערטומ? קולבאק זעט עס? צי זעט ער עס ווי א פּראָצעס, וואָס פארגיכטעט דעמ „זעלמעניאנישנ נוסעכ“, אונ ווי א בויענדיקנ, רעקאָנסטרויִרנדיקנ פּראָצעס אינ דער זעלמעניאנישער סוויווע? עלעקטרע, ראדיאָ, ליקווידאציע פונ אמעראצעס — דאָס אלצ איז געגעבנ. אָבער די רעוואָליוציאָנערע פּאָזיטיווע קראפט פונ דידאָזיקע פּראָצעסנ איז געגעבנ בלייכ, די נײַע דוירעס, וואָס זײַנענ די טרעגער פונ דער נײַער סאָוועטישער קולטור, זײַנענ אינ דעמ בוכ בלוטאָרעמ, סכעמאטיש, בלויז קוימ שטריכירט. באוויזנדיק וויאזוי די זעלמעניאנער צאָרענענ אונ „הירזשענ“ מיט רוגזע אפ די נײַע פאראָנדקעס, האָט קולבאק ניט אָפּגעפענט אנטשיידנ דעמ וועג פאר זײַנע פעטערס צו איבערוואקסנ אינ נײַע מענטשנ פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט. א מינ פאטאלע פארורטיילטקײַט באשאפט קולבאק פאר די „פעטערס„ ער פארמישפּעט זיי צו אייביקער סאָציאלער רעאקציאָנערישקײַט, אָדער אינ בעסטנ פאל — צו אייביקער וואקלונג, צו שטענדיקנ סקעפּטיציזמ צו די נײַע „פאראָנדקעס“. — „א וועלט, הא? — האָט סאָפקאָלסאָפ ניט אויסגעהאלטנ פעטער איטשע. פעטער יודע האָט אפ אימ רוגזעדיק א קוק געטאָנ אינ דער פינצטער, פונ אונטער די שפּאקולנ, אונ געענטפערט: — איז שוינ ניט גלײַכער, אז מע ליגט אינ דער ערד?“ דידאָזיקע סצענע שפּילט זיכ אָפּ ארומ דער „טראגעדיע“ פונ די פעטערס, לעמײַ מע האָט אינעמ רעבוזע־הויפ ארײַנגעפירט עלעקטרע. מע קענ טײַנענ: עס איז אומגלויבלעכ, אז אינ דריטנ צענדליק פונ 20־טנ יאָרהונדערט זאָלנ זיכ אינ לאנד פונ סאָוועטנ געפינענ אזעלכע קעגנער פונ עלעקטרע, ווי די „פעטערס“, ווי אזוי האָט עס קולבאק גאָר געקענט אָנצייכענענ אזא בילד? אָבער ניט אינ דעמ איז די זאכ, דער שרײַבער קענ זיכ דערלויבנ היפּערבאָליזירנ, פארגרעסערנ אונ „איבערטרײַבנ“ שטריכנ, קעדיי דאָס בילד זאָל ארויסקומענ בוילעט, זי זאָל אנטשפּרעכנ דער אידיי, וואָס דער שרײַבער וויל אויסדריקנ. אונ קולבאק וויל דאָ ווידעראמאָל אונטערשטרײַכנ — ער טוט עס טאלאנטפול — אז זײַנע „פעטערס“ זײַנענ פארמישפּעט אפ אייביקער רעאקציע, אז עלטערע דוירעס פונ די זעלמעניאנער זײַנענ פארורטיילט צו סאָציאלנ טויט, אונ קענענ אפילע ניט באמערקנ אונ אָפּשאצנ די „עלעקטרישע רעוואָליוציע“. אָבער דאָס איז דאָכ געגעבנ קימאט אבסאָליוט אונ ווערט פארוואנדלט אינ א פאטאליסטישער אידיי וועגנ קלײנבירגערטומ!

עמעס, ניט אומעטומ איז קולבאק געבליבנ בא אָט דער פאטאליסטישער טעאָריע וועגנ זײַנ זעלמעניאנישנ אלטנ דאָר. ארײַנפאלנדיק דערצו נאָכ אינ ביאָל [illegible] אויסטיילנ זײַנ פערסאָנאזש, האָט קולבאק ערטערווײַז דאָכ זיכ דערנעענטערט צו באנעמענ ריכטיק קלאסנ־פּראָצעסנ בא אונדז אינ לאנד אינ זייער אָפּשפּיגלונג אפ דער זעלמעניאנישער סוויווע. דאָס אמע בוילעטע דערבײַ איז דאווקע ניט די באשרײַבונג פונ דער יוגנט או. אפילע ניט פונ דעמ מיטעלנ מער סאָוועטיזירטנ דאָר — די בערעס א. ד. גל. — נאָר דאווקע די שילדערונג פונ די וואקלונגענ פונ דעמ קאָנסערוואטיוונ האָרעפּאשנעמ עלעמענט צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

דאָ האָט קולבאק זיכ דערנעענטערט צו באנעמענ די איבערגעבורט־פּראָצעסנ, דעמ פּראָצעס פונ איבערברוכ, די וואקלענישנ פונ די איטשעס אונ זישעס, אמבוילעטסטנ איז דאָס צו זענ אינעמ קאפּיטל „דער רעבזע־הויפ דעמאָנסטרירט".

קולבאק ווײַזט אינ דעמ קאפּיטל וויאַזוי די זעלמעניאנער פעטערס פילנ זיכ אינ דער פּאר זיי אויסטערלישער לאגע פונ דעמאָנסטראנטנ. דאָ דעקט אופ קולבאק מיט זײַנע שילדערונגענ פונ די פעטערס אונ זייער האנדלונג די קאָמישקײַט פונ זייער אומגעלומפּערטנ סאָציאלנ אינדעפּערענטיזמ, ווילדנ אומצוטרוי צומ קאָלעקטיוו, אומגעווינשאפט צו האנדלענ אינ די אויגנ פונ דער מאסע, אונ גלײַכצײַטיק דעקט ער אופ דעמ צווייטנ פּאָנעמ פונעמ קלייבירגער אינ די סאָוועטישע באדינגונגענ: דעמ צײַטנווײַז־אופוואכנדיקנ געפיל פונ זייער סאָלידארקײַט אונ באהעפטונג צומ ארבעטער־קאָלעקטיוו אונ צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט, בא דער גאנצער מוירע אונ אומצוטרוי צומ דאָזיקנ נײַעמ שטראָמ.

אָט ווי קולבאק ווײַזט די דעמאָנסטראציע אונ די האנדלונג פונ די זעלמעניאנער האָרעפּאשנע פעטערס בײַס דער דעמאָנסטראציע:

„דערנאָכ זײַנענ ארויס (אפ דער דעמאָנסטראציע — כ. ד.) די קוסטארנ מיט די בערד מיט די לאנגע פּענימער, מיט די קײַלעכדיקע פּלייצעס... פעטער איטשע (איי צעהאָצט!) איז געגאנגענ באלד נעבנ דעמ אָרקעסטער. דער קאָפּ פּאריסנ, מיט א וואזאָנ אונטערנ אָרעמ—א מאטאָנע פּאר דער רויטער ארמיי... פּאמעלעכ זײַנענ געגאנגענ די קוסטארנ, געהויבנ באדאכט די פיס, ווי זיי הייבנ באדאכט די העמערלעכ אינ די ווארשטאטנ, נעכאפּט א שמועס וועגנ פּאָליטיקע אונ זיכ געלאָזט ווילגיינ. אָפּגעזונדערט פונ אלעמענ, אינמיטנ דער שיטערער קאָלאָנע איז אויכ געגאנגענ דער פארכמורעטער פעטער זישע, געשטעקט פּאָרויס דעמ באלעבאטישנ שטעקנ זײַנעמ, אָפּגעשטעלט זיכ אונ אָפּגעשפּילט דעמ קאפּטנ ארומ האלדז, קעדיי לײַכטער כאפּנ דעמ אָטעמ"... (ז. 102).

דער פעטער זישע, וואָס איז „ניט געווינט צו מארשירנ אינ די פּוסטריט פונ פּראָלעטאריאט", וועלכנ א דערהייבענער מאָמענט אינ דער דעמאָנסטראציע דערמאָנט... יאָמקיפּערדיקע נילע אינ בעסמעדרעש, דערזעלבער פעטער זישע האָט אויסצושטיינ א ניסאָיענ אפ דער דעמאָנסטראציע, אונ אינ דעמדאָזיקנ ניסאָיענ ווערט אויסגעפּרוווט זײַנ נאטור.

„ער (זישע) איז אויסגעשטריסנ געוואָרנ מיט אלעמענ, אויכ אָנגעהויבנ עפּעס שרײַענ, אונ אפ אנ אויגנבליק א טראכט געטאָנ, אז ער איז א באָלשעוויק, ער גייט מיט דער פאָנ. האָט עס אימ געשראָקנ אונ האנאָע געטאָנ, ביז ער האָט זיכ ניט ווי עס איז ארופגעכאפּט א צעטומלטער אפנ טראָטואר, אויסגעגלײַכט די צעפּלויגענע באָרד, אונ א פארשעמטער באלד אָפּגעקערט אינ א זײַטיקנ קעסל. פעטער זישע האָט זיכ דאָרטנ ארומגעקוקט, די לײַטישע מענטשנ האָבנ אימ ניט געזענ אונ זײַנ שאנד". (ז. 102).

דאָ איז אופגעדעקט געוואָרנ דעמ פעטער זישעס סאָציאלע נאטור, אופגעדעקט ביז דורכזיכטיקײַט. די קראפט פונ פּראָלעטארישנ קאָלעקטיוו האָט אימ מיטגעריסנ אינ דער דעמאָנסטראציע, האָט דאָס אימ „געשראָקנ אונ האנאָע געטאָנ"— גלענצנדיק געזאָגט! די זישעס גייענ ניט אלײנ אינ דעמ אָרגאניזירטנ אוואנגארד פונ רעוואָליוציע, זיי זײַנענ די „שווערע רעזערוונ", אפ זיי הענגט די קלאָלע פונ

בורזשואזע אילוזיעס, זיי מאכנ א טראָט צו דער רעוואָליוציע און קוקנ זיכ גלייַכצייַטיק ארום—טאָמער איז נאָכ ניט אלצ געענדיקט מיט דער בורזשואזער פערספעקטיוו, מיט דער מעגלעכקייַט זאט און רייַכ צו לעבנ אפ יעסוידעס פונ פריוואט-אייגנטום. אָט די בורזשואזע אילוזיעס דערוועקנ שרעק פאר רעוואָליוציע, זיי האמעוועג די זישעס, שושקענ זיי אריַינ אינ אויער אריַינ—: „רעוואָליוציע איז פארניכטונג״. קומט אָנ די שרעק... און פונ דער צווייטער זייַט—דוירעס זייַנענ אוועק און די בורזשואזע אילוזיעס זייַנענ פאר די האָרעפאשנע קליינפראָדוצירער געבליבנ בלויז אילוזיעס; זאט און רייַכ, זיכער מיטנ זאטנ לעבנ, זייַנענ געווענ בלויז קליינע הייַפעלעכ פריצימ און גווירימ, זיי האָבנ געלעבט אפנ קארק פונ מיליאָנענ קנעכט, די קנעכט האָבנ אלצ געשאפנ און געליטנ, די קנעכט זייַנענ אינ דער רעוואָליוציע אופגעשטאנענ, א נייַע אידייע האָבנ זיי געבראכט, א מעטושטשעטע און ניט קלאָרע נאָכ פאר דעמ באגרענעצטנ, אינדיווידועלנ פריוואט-אייגנטימער, אָבער א צוזאָגנדיקע, אזא אידייע, וואָס איר ערשטער רעזולטאט איז געווענ—די מאפאָלע פונ קייסאָרימ, פריצימ, פאבריקאנטנ, גווירימ — די אלע, וואָס האָבנ געקוועטשט דעמ באלעבעסל, דעמ קליינפראָדוצירער... אָט די אידייע האָט געבראכט אפ זייַנע פענער דער פראָלעטאריאט, דער באָלשעוויק, און אינ דער דאָפלטער נעשאָמע פונ קאָנסערוואטיוונ קליינבירגער קומט אופ א ווארעמער געפיל צו דעמ קלאס, וואָס האָט אימ געפירט אינ אנטשיידענעמ שלאכט קעגנ געמיינזאמענ סוינע, וואָס פירט אימ אינ דער רעוואָליוציע—עס טוט אימ, דעמ קליינבירגער, האנאָע, וואָס ער טראָגט די פאָנ פונ באָלשעוויזמ... צוויי נעשאָמעס שלאָגנ זיכ אינ זישענ, עס זיגט נאָכ אלצ אָפט די נעשאָמע פונ קאָנסערוואטיוונ קליינבירגער, ווייַל כאָטש ער איז פייִק אינ ה ו י כ ע מ י נ ו ט נ דערפילנ די רעוואָליוציע, דערשרעקט ער זיכ אָבער אָפט — עס איז אימ פאָרט ניט קלאָר!—און ער פארקריכט אָפט צוריק אינ זייַנ ווילדער הויט אריַינ.. „קליינבירגערלעכע דעמאָקראטנ... וואקלענ זיכ אומפארמייַדלעכ צווישנ בורזשואזיע און פראָלעטאריאט, צווישנ בורזשואזער דעמאָקראטיע אינ סאָוועטישער אָרדענונג, צווישנ רעפאָרמיזמ און רעוואָליוציאָנערקייַט, צווישנ ארבעטער-ליבהאָבערייַ און מוירע פאר פראָלעטארישער דיקטאטור א. א. וו.״ (לענינ — „קינדער-קראנקהייַט פונ „לינקייַט״ אינ קאָמוניזמ״). דאָס זאָגט לענינ וועגנ מענטשנ, וואָס זייַנענ אריַינגעטראָטנ אינ אקטיווונ פארטייִשנ לעבנ. באזונדערס איז דאָס וואקלענ זיכ צווישנ צוויי קלאסנ-קרעפטנ כאראקטעריסטיש פאר דער קליינבירגערלעכער מאסע, פאר די קליינפראָדוצירער, אינ די טיפענישנ פונ וועלכע עס ווערט שטענדיק געבוירנ בורזשואזיע; און די קונסט פונ באָלשעוויזמ באשטייט אינ א גרויסער מאָס אויך אינ קענענ געפינענ די וועגנ, וויאזוי דידאָזיקע וואקלדיקע שיכטנ ד ע ר נ ע ע נ ט ע ר נ צו דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. לענינ האָט אלס אומבאדינגטע נויטווענדיקייַט פארנ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט געשטעלט די אופגאבע צו אָנעמענ אלע טאקטישע און אָרגאניזאטערישע מיטלענ, קעדיי דידאָזיקע וואקלדיקע שיכטנ א ו פ ה י י ב נ ביז פראָלעטארישער באוווסטזיניקייַט. אינ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט דער באָלשעוויזמ געוויזנ מוסטערנ פונ דערדאָזיקער גרויסער קונסט, ווענ ער האָט אינ קאמפ מיט דער בורזשואזיע און באלעגופ נאָכ זיכ אוועקגעפירט די דאָרפישע אָרעמקייַט און נייטראליזירט דעמ מיטלפויער. ער האָט עס אויכ געוויזנ אינ ערשטנ פעריאָד פונ

נעפּ, ווען ער האָט אַלס אָנשפּאַר געהאַט דעם אָרעם־פּויער און האָט אינעם מיטל־
פּויער זיך איינגעשאַפּט א פאַרבינדעטן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע; ער
האָט עס גלענצנדיק פאַרקערפּערט אינעם פּעריאָד פון ערשטן פינפיאָר, ווען די קאָ־
לאָסאַלע מיליאָניקע אָרעמע און מיטל־פּויערישע מאַסע איז אַוועק אין די קאָלווירטן
און האָט זיך אויסגעהיילט די נייע פאָרמען פון סאָציאַליסטישע פּראָדוציר־באַציונ־
גען. דערזעלבער פּראָצעס איז אויך אָנגעגאַנגען, אַדאַנק דער לענינישער טאַקטיק
פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, צווישן די שטאָטישע שיכטן קליינפּראָדוצירער —
די קאָאָפּעראַציע פון די קוסטאַרן און דער איבערגאַנג פון גרויסע טיילן זייערע
אין דער קאָנסעקווענט־סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע א. ד. גל.

קולבאַק האָט, באַווייזנדיק דעם פּעטער זישעס האַנדלונג, באַוויזן די וואַקלענישן
פונעם קאָנסערוואַטיוון קליינבירגער, באַוויזן, ווי ער נויגט זיך צום סאָציאַליזם, נאָר
שרעקט זיך גלייכצייטיק. וועלן די זישעס זיך א קער טאָן ראַדיקאַל צו דער רעוואָ־
ליוציע? אַן ענטפער אויף דער פראַגע קען מען געבן אויף דער האַנדלונג פון א צווייטן
פּעטער, א מער פאַרגעשריטענעם. מיר וועלן זען, ווי זעט עס אויס:

„א ליב אָבער צום צווייטן פּעטער — שרייבט קולבאַק, — צום פּעטער איטשען, וואָס האָט זיך
אין דער הייסער מינוט ניט פאַרלאָרן, מיט אַלעמען אין כאָר האָט ער היספּאַלעסדיס געזונגען
רוסישע לידער... נאָכדעם, אַז די ערשטע היסלאַוועס איז אַריבער, האָט ער זיך דורכגעשטופּט מיט
דעם וואַזאָן איבערן קאָפּ און עס איבערגעגעבן פייערלעך א רייטנדיקן, לאַכנדיקן קאָמאַנדיר, אין
נאָמען פון אַלע קוסטאַרן יעכידים.

— „דאַ אַזדראַוסטוויעט סאָוועטסקאַיאַ וולאַסטו!

„פּעטער איטשע איז געווען אַמאָל אין א נאָווענע צעהאַצט.

דער קאָמאַנדיר איז אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד, אָפּגעפּליקט א בלימל פון וואַזאָן און גע־
נומען אין איילעניש זוכן באַם פּעטער איטשען אין לאַץ א פּאַסיקן אָרט פאַר א בלום. דעמלט
האָט באַם פּעטער שיר ניט א שפּריץ געטאָן טרערן פון די אויגן! ער האָט זיך אויסגעגלייכט
מייסע סאָלדאַט און מיט א ציטערנדיקן קאָל געזאָגט:

— „מאָי סין, בערקאַ טאָזשע באָלשעוויק!“ (ז. 103).

דער פּעטער איטשע איז מער אויסגעוואַקסן צו סאָוועטישקייט. ער איז שוין ניט
קיין אַבסאָלוט ווילד־פרעמדער, אים שטויסט די דעמאָנסטראַציע צו א גרעסערן איבער־
ברוך. ער נעמט אויף זיך קוקן ווי אויף אַזאַ פאָרשטייער פון די שטאָטישע קליינפּראָ־
דוצירער, וואָס בינדט זיך מיט סאָוועטנמאַכט און רויטער אַרמיי. קולבאַק סקאַרעט
זיך אויסטיילן דעם פּעטער איטשען, וואָס וואַרפט שוין א לאָזונג און גערוס צו
דער סאָוועטנמאַכט. פון אונטער דער קאָרע פון קוסטאַרישער ניט באַוועגלעכער
מעיושעוודיקייט וויל שוין קולבאַק אַרויסטיילן א נייע קוואַליטעט, א נייעם אינהאַלט
אינעם זעלמעניאַנער, אַזאַ אינהאַלט, וואָס קניפּט זיך מיט די אידייען פון אַרבע־
טער־קלאַס. קולבאַק האָט אין אָט דעם בילד דערגרייכט א באַדייטנדיקן
פאָרשריט, עס איז אין דעם פאַראַן אַזוינס, וואָס דעקט אויף דעם איבערברוך
צו רעוואָליוציאָנערן באַוווסטזיין באַם שטאָטישן קליינפּראָדוצירער טאַקע דורך די
געשלענגלטע, אייגנאַרטיקע וועגן, אין וועלכע דערדאָזיקער פּראָצעס קומט פאָר באַ
אָפּגעשטאַנענע שיכטן. דער פּעטער איטשע ווייס נאָך ניט דעם גלייכן וועג, מיט
וועלכן דער פּראָלעטאַריער קומט צו אַקטיווער באַטייליקונג אין בויען די נייע סאָ־
ציאַליסטישע אָרדענונג, באַ אים קומט עס אַרויס סטיכייש, און אים דערוועקט זיך

גאָר א זײַטיקער געפּיל פונ שטאָלצ מיט דעמ, וואָס זײַנ זונ בערע איז אויכ א באַל־שעוויק, וואָס דער רויטארמייִשער קאָמאנדיר איז פונ זײַנ קאָוועד וועגנ אראָפּ פונ פערד, קעדיי ענטפערנ אַפ דער באגריסונג... א.א.וו. א.ד.ג.

„דער פויער, ווי א האָרעפּאשניק, ציט צומ סאָציאַליזמ, אָפּגעבנדיק פּאָרצוג דער דיקטאטור פונ די ארבעטער לעגאבע דער דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע. דער פויער, ווי א פּארקויפער פונ ברויט, ציט צו דער בורזשואזיע, ד. ה. צוריק צומ „אָנערקענטנ", אלטנ, לאנגאָנענדיקנ קאפּיטאליזמ" (לענינ, געז. ווערק, ערשטע אויס־גאבע, ב. 16; ז. 227). דידאָזיקע צווייִקײַט, די וואקלונגענ צווישנ פּראָלעטאריאט אונ בורזשואזיע, וואָס קומט אלס רעזולטאט פונ אזא צווייִקײַט, זײַנען באזונדערס טיפּיש פּארנ מיטל־פויער. „דער מיטל־פויער איז פונ איינ זײַט א האָרעפּאשניק, וואָס עס דערנענטערט אימ מיטנ ארבעטער־קלאס, אונ פונ דער צווייטער זײַט — אנ אייגנ־טימער, וואָס עס דערנענטערט אימ מיטנ באלעגופּ. דערפונ — די וואקלונגענ פונ מיטל־פויער, אונ דאָס איז ריכטיק ניט נאָר טעאָרעטיש. דידאָזיקע וואקלונגענ ווײַזנ זיכ ארויס אויכ אפּ דער פּראקטיק אלע טאָג, אלע שאָ" (סטאלינ, „פּראגנ פונ לעניניזמ" אויסגאבע פונ 1931, ז. 469).

בײַס קולבאק גיט די בילדער פונ זײַנע זעלמעניאנער פעטערס, ווי זיי וואקלענ זיכ אינ די באדינגונגענ פונ סאָוועטישערווירקלעכקײַט, דערנענטערט ער זיכ צו פּארקערפּערנ אונדזער טאָג־טעגלעכע פּראקטיק. אָבער דערווײַל זעט קולבאק מער ניט עפּיזאָדנ דערפונ. שלעכט איז, וואָס דידאָזיקע שארפּע שטריכנ באמערקט ער נאָכ ניט ווי מאָסגעבנדיקע אינ דעמ גאנצנ לעבנ אונ שטייגער פונ די זעלמעניאנער, שלעכט איז אויכ דאָס, וואָס זײַנ סימפּאטיע איז נאָכ ניט גענוג אויסגעדריקט צו די, וועלכע וואקלענ זיכ צומ פּראָלעטאריאט אונ וואָס ער האָט נאָכ ניט גענוג אויפ־רײַסנדיקע ארגומענטנ קעגנ די באלעגופּישע פעטערס.

אזוי זעט קולבאק דעמ שווערנ וועג פונ שפּאָטישנ קליינפּראָדוצירער, דעמ מער אָפּגעשטאנענעמ, וואָס גייט מיט ארומקוקעניש אונ סקעפּטיציזמ צו בײַקומענ זײַנ אייגענעמ קלאסנ־טאָכ אונ זיכ אויפהייבנ העכער, צומ פּראָלעטאריאט. דאָס איז דאָס סאמע אינטערעסאנטע, סאמע וויכטיקע, אינמ גאנצנ בוכ „זעלמעניאנער", דאָס איז דער פּאָרשריט־צייכנ פונ קולבאקס שאפנ אפּ דעמדאָזיקנ עטאפּ אונ פונ זײַנע נײַע אָנשטרענגונגענ צו אנטשיידנ איבערבויענ זיכ. בלײַבנדיק אפּ די פּאָזיציעס פונ זײַנ פעסטנ קליינאייגנטימערישנ קלאס אפּ דעמ געגעבענעמ עטאפּ — אפּ וואקלדיקע פּאָזיציעס — דערפילט קולבאק דעמ דראנג פונ רעוואָליוציע אונ הייבט אָנ זיכ צו דערנענטערנ צו איר, קעדיי ווערנ אינ איר אײַנגעשלאָסנ.

4

שטארק הילפלאָז איז קולבאק, ווענ ער נעמט צייכענענ אונדזער יוגנט, ווענ ער וויל ארויספּירנ א קאָמוניסט. דער בוכ „זעלמעניאנער" איז געשריבנ געוואָרנ אינ די ערשטע 2 יאָר פונ קולבאקס זײַנ אינ סאָוועטנפּארבאנד. ביז דאנ האָט קולבאק אינגאנצנ ניט געקענט אונדזער שטייגער־לעבנ, ער האָט ניט געקענט דעמ לעבנ־מאטעריאל אונ דעריקער ניט פארשטאנענ דעמ נײַעמ מינ מענטשנ, וואָס איז אויס־

געהאָמערט געוואָרנ אינ די יאָרנ פונ אָקטיאבער־רעוואָליוציע. וואָס איז אזוינס א קאָמוניסט אינ סאָוועטנפארבאנד? וואָס איז אזוינס אונדזער לערנ־יוגנט? דאָס איז גאָר א נײַער מענטשנ־מאטעריאל, אונ מענ קענ אימ ניט אויסלערנענ בלויז אפ ביכלעכ, מענ קענ אימ ניט אבסטראקט אויסכאָלעמענ, מע דארפ אימ זענ אינ זײַנ פראקטיק, מענ דארפ האָבנ פאר זיכ דעמ גאנצנ ברייטנ בילד פונ אונדזער קאמפ, קעדיי זענ דעמ קאָמוניסט אינ פאָרגעשריטענעמ יוגנטלעכנ אינ אימ. קולבאק האָט דאָס אלצ נאָכ ניט געהאט, ער האָט ניט אָפגעשאצט די ראָל פונ אָט דעמ שיכט אינעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ, ער האָט זיכ אינ דעמ ניט גענוג ארײַנגעטראכט. ער האָט דעריבער אפ א „קוסטארנעמ אויפנ” זיכ אויסגעמאָלט דעמדאָזיקנ פערסאָנאזש, אָפט אימ גענומענ נאטוראליסטיש־עמפּירישׂ, ניט באמערקנדיק דאָס טיפּישע, ניט באארבעטנדיק אימ גרינטלעכ.

אָט איז בערע א קאָמוניסט. מענ זעט, אז קולבאק וויל אימ באווײַזנ מיט די מײַלעס, וואָס א קאָמוניסט וואָלט באדארפט פארמאָגנ. אָבער דאָס באקומט זיכ ניט, ווײַל די מײַלעס בלײַבנ זעלמעניאנישע, ניט אונדזעריקע. בערעס קאָמוניסטישקײַט איז ניט באוויזנ, ווײַל קאָמוניסטישקײַט קענ מענ ניט באווײַזנ אפ דעמ, ווי דער מענטש עסט ניט, נאָר פרעסט, טרינקט ניט, נאָר זויפט, קריגט זיכ ארומ גאָר פײַנ מיט די שטוביקע א.א.וו.—מענ דארפ אימ ווײַזנ ווי א פאָרגעשריטענעמ סאָציאלנ סוביעקט, וואָס איז טעטיק אינ א קאָלעקטיוו אונ אינ נאָמענ פונ זײַנ קלאס.

אָדער די יוגנט—די „שילויעס”. „קולבאק האָט די יוגנט גענומענ עסקיזארטיק, נאטוראליסטיש, עפּיזאָדיש, עס האָט זיכ באקומענ בלייכ. מיר זעענ ניט קיינ סאָוועטישנ סטודענט.

דאָסדאָזיקע נײַע בא קולבאקנ איז נאָכ גאָר אינ א גרויסער מאָס איבערגעלאָדנ מיט אלטנ לאסט אונ פּלאצט ארויס מיט גרויסע ווייטעקנ פונ אונטער דער דיקער הײַטל פונ אלטנ אינהאלט אונ אלטער פאָרמ...

אונ כאָטש קולבאק האָט אָנגעהויבנ דערזענ אינ דעמ זעלמעניאנער־שיכט די נײַע סאָציאלע פּראָצעסנ אונ שטייגער־ברוכנ, וואָס זײַנענ א דירעקטער רעזולטאט פונ פּראָלעטארישער רעוואָליוציע אונ נ ײַ ע מ שטייגער, איז דאָס אלצ נאָכ שטארק ארומגעפּלאָנטערט בא אימ גאָר אינ א גרויסער מאָס מיט ביִאָלאָגיסטישער, סטיכייִשער, פיזיִאָלאָגישער מאָטיווירונג, מיט ביִאָלאָגיסטישנ פאטאליזמ, מיט סטאמ בונט פונ רוי־קראפט—זאכנ, וואָס דערמאָנענ שטארק „מאָשיִעכ בענ עפראָיִמ”, „רײַסנ” אונ „בוניע אונ בערע”. אייניקע בײַשפּילנ וויאזוי קולבאק נעמט פאר זײַנע העלדנ, ביכלאל, אינ דעמ אויכ די סאָוועטיזירטער, אָנשטאָט סאָציִאלע כאראקטעריסטיקעס—רײנ ביִאָלאָגיש־פיזיִאָלאָגישע, אָפּשטויסנדיק דערמיט די סאָציִאלע פּראָבלעמ אונ די ראָל פונ קלאסנ־קאמפ.

קולבאק שרײַבט:

„די זעלמעניאנער זײַנענ שווארצע, ביינערדיקע, מיט ברייטע נידעריקע שטערנ. א זעלמעניאנער האָט א פליישיקע נאָז. א זעלמעניאנער האָט גריבער אינ די באקנ... די זעלמעניאנער האָבנ אויסנעארבעט אינ מעשעכ פונ דורערס אנ אייגענעמ רייעכ—א מינ ווייכנ גערוכ פונ צוגעלעגענעמ היי מיט נאָכ עפּעס... (ז. 6)

דאָס פאַרבײַט קימאט אינגאַנצן די סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק.

אָדער וועגן בערע דעם קאָמוניסט:

„עס איז א יונג א גוואַר, א שוויַגנדיקער גאַרבער, בײַם דעם בירגער־קריג האָט ער איז די שלאַכטן ארום קאַזאַן באַקומען אַן אָרדן פון דער „רויטער פאָן" פאַר זײַן קאַלטער זעלמענ־יאַנישער גוורע". (ז. 13)

נאָכדעם גייט א בילד, ווי בערע קומט פון פראָנט, און דאָס איינציקע, וואָס ער פאָדערט, איז „מאַמע, גיב עסן".

א. א. וו. א. ד. גל.

בא קולבאַקן אין „זעלמעניאַנער" איז געבליבן א בוילעטע ליניע, אז די „פעטערס" זײַנען אַן אייגנטימלעכער מין מענטשן, אז זייער האַנדלונג האָט ניט קיין שײַכעס מיט קלאַסן־אָנגעהעריקײַט און קלאַסן־קאַמפן. און אויב אין אסאך ערטער איז ביאָלאָגישע סטיכייע גענומען איזאָלירט פונם סאָציאַלן לעבן, איז דער קאַפּיטל „פעטער יודע" שוין אינגאַנצן ארויסגעפאַלן פון קאָנטעקסט פון רעאַלער, מאַטעריעלערווירקלעכקײַט! די האַנדלונג פון מענטשן ווערט שוין דאָ אינגאַנצן ארומגעוויקלט מיט א נעפל פון מיסטישער מיסיע, אָנשטאָט א לעבעדיקן זעלמעניאַנער האָט דאָ קולבאַק באַוויזן א „גייער", וואָס וואַנדערט איבער די קאָלווירטן מיט א מיסטישער שליכעס—גאָר אפּן מאַניער פון „בוניע און בערע". אין אָט דעם קאַפּיטל איז באַזונדערס קאָנטיק קולבאַקס געשפּאָלטנקײַט: מען זעט, אז ער האָט געוואָלט א שמייכל טאָן איבער יודען, דעם האַלב מעשוגענעם „יוראָדיווי", מען זעט אָבער אויך דײַטלעך, אז קולבאַק האָט א וואַרעמען געפיל צום דאָזיקן אויסגעכאַלעמטן „גייער". אין סאַכאַקל באַקומט זיך דעריבער, אז יודע און זײַן „קאָלווירטישע מיסיע" פאַרקריפּלען דעם בילד פון קאָלווירט־באַוועגונג.

אזוי בינדן זיך בא קולבאַקן ביאָלאָגיסטישע מאָמענטן מיט מעטאַפיזיש־מיסטישע. בא דער נײַער טענדענץ זיך פון דעם ארויסבאַפרײַען און באַווײַזן רעוואָליוציאָנערע ענדערונגען אין די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, האַנדלונג פון מענטשן, ווי א רעזולטאַט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דאָס נײַע איז דאָ, אָבער די אַלטע לאַסט דריקט נאָך אַלץ מיט א גרויסער קראַפט און זעצט אָפּט אראָפּ דעם ווערט פון קולבאַקס רעוואָליוציאָנערע אָנשטרענגונגען.

דערמיט איז פאַרבונדן אויך דאָס, וואָס דער „זעלמעניאַנישער נוסעך", וועלכן קולבאַק האָט באַדאַרפט אין דעם בוך בײַקומען, איז אין א גרויסער מאָס פאַרבליבן. דער שרײַבער וואַקלט זיך שטענדיק צו די סטיכייִשע, אינדיווידואַליסטישע, מיסטישע און פרימיטיווע זײַטן פון זײַנע „זעלמעניאַנער", ער זעט אָפט ניט די געזעלשאַפטלעכע שול פון די מענטשן און באַזירט אף דער אינסטינקטיווער און פיזישער קראַפט; די מיסטישע עלעמענטן אין בוך זײַנען בלויז די לינקע זײַט פון דערזעלבער אַנטבלויזטער פיזיאָלאָגיע, ווײַל אויך זיי קומען פון ניט אָריענטירן זיך אין די געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, צוליב וואָס די „אינדיווידועלע סובסטאַנץ" ווערט פעטישיזירט, פאַראָמאַנטיזירט, ווילקירלעך, איבערנאַטירלעך...

דאָס באַווײַזט, אז דער שרײַבער בא אונדז מוז זיך באַוואָפענען ניט בלויז מיט א גוטן ווילן און מיט א ריין־סכעמאַטישער רעוויזיע פון זײַנע אָנשויונגען, עס איז

נייטיק אידעאָלאָגיש „איבערשאצנ די ווערטנ", אָבער דערבײַ איז אומבאדינגט נייטיק באם שײַנ פונ דער *לעבעדיקער פראקטיק*, פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראקטיק פונ ארבעטער-קלאס אונ די ארבעטנדיקע איבערשאצנ דעם אלטנ באגאוש, ווענ דידאָזיקע פראקטיק וואָלט אויסגעלערנט געוואָרנ דורכ קולבאקנ, וואָלטנ בא אימ די זעלמעניאנער אנדערש אויסגעזענ, ער וואָלט געזענ אנדערע בערעס אונ פאָליעס, ער וואָלט זיי געזענ געקניפּט מיט א ברייטערער ארבעטער־סוויווע, ער וואָלט דעמלט ניט ארומגעמויערט דעמ זעלמעניאנישנ הויפ מיט א מוירעדיקער וואנט, וואָס נאָר אדאנק ראדיאָ אונ עלעקטרע פארציִענ זיכ אהער פעדימ פונ רעוואָליוציע... קורצ: עס וואָלט דאנ די „רעקאָנסטרוקציע" פונ די זעלמעניאנער געגעבנ געוואָרנ ווי א דערשײַנונג פונ דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע.

5

קולבאק קאָנ אָבער בײַקומענ זײַנ געשפּאָלטנקײַט, זײַנע ווידערשפּרוכנ. ער האָט אינ „זעלמעניאנער" אָנגעהויבנ דעמדאָזיקנ קאמפ, כאָטש ניט מיט דער נייטיקער אנטשיידנקײַט. קולבאק ארבעט פיל איבערנ בוכ. ער לערנט דעמ היסטאָרישנ מאטעריאליזמ אונ סטארעט זיכ אליינ גויווער זײַנ די קאנטיאַנישע, פײַערבאכישע אונ שאָפּנהויערישע פאָרשטעלונגענ, וואָס זײַנענ בא אימ געגאנגענ האנט בא האנט מיט אָנשויונגענ געשעפּטע פונ דער קאבאָלע, אונ אלט־ייִדישער סכאָלאסטיק. קולבאק האָט אינ „זעלמעניאנער" באוויזנ אינ א ריי פּרוּוונ — מיר האָבנ וועגנ זיי גערעדט — אז ער האָט א געזעלשאפטלעכנ טעמפּעראמענט, וועלכער ווערט איצט באזינט אונ באהעלט דורכ דער אידיי פונ סאָוועטנ־מאכט. קולבאק האָט אָנגעהויבנ אינ „זעלמעניאנער" דעמ עקספּערימענט צו איבערארבעטנ זײַנ שטארקנ געפיל פאר נאטור אונ זײַנ נעטיִע צו פילאָסאָפיע אזוי, אז עס זאָל געבונדנ ווערנ מיט די פּראָצעסנ פונ אונדזער רעוואָליוציע. דאָס קענ מענ טאָנ נאָר דורכ מאטעריאַליסטיש־דיאַלעקטישנ באגרײַפנ די וועלט, בײַס וועלכנ עס ווערנ אויפגעדעקט די פארבינדונגענ פונ נאטור אונ מענטש, פונ מענטשנ אונ געזעלשאפט, פונ מאטעריע אונ אידייע, פונ קלאסנ־קאמפ אונ קלאסנ־אידעאל אפנ פאָנ פונ די הויפּט־צילנ, וואָס עס שטעלט זיכ דער פּראָלעטאריאט. אָנגעהויבנ האָט עס קולבאק מיט א גרויסער פארשפּעטיקונג. דערווײַל האָט ער געגעבנ א בוכ א טיפּיש־מיטלויפערישנ ד. ה. אזא בוכ, וואָס ווײַזט, אז ער שטעלט זיכ אפנ וועג צו מיטגיינ מיטנ פּראָלעטאריאט.

קולבאקס קינסטלערישע מײַסטערשאפט איז אָנ קיינשומ ספק. זי ווערט דערווײַל אויסגעבראכט ניט אינ דער פלאכ פונ רעאליסטיש־אָביעקטיווע שילדערנ געזעלשאפטלעכע קאָנפליקטנ, נאָר אינ פּרוּוונ אויפצודעקנ דעמ אינדיווידוומ אונ באווײַזנ די נאטור אָפט דורכ דעמ שלייער פונ שפינאָזיש־פאנטעיִסטישער מיסטיק. קולבאקס רײַכע טעכניק איז פונ הויכער קוואליפיקאציע. נאטור־בילדער ווערנ געגעבנ קרעפּטיק, פול מיט פארב, מיט אינעווייניקסטער אָנגעלאָדנקײַט. מענטשנ ווערנ געשילדערט מיט האמעטנע, געפלעקטע, אָבער קאָלאָריטע שטריכנ. כאָטש דער בוכ „זעלמעניאנער" איז געשריבנ אינ א עפּיש־הומאָריסטישנ, אָפט אפילע ניהיליסטיש-גלײַכגילטיק צורויערישנ טאָנ, איז אָבער פאראנ א שטארקע עמאָציאָנאלע באפארבונג פונ די

בילדער. דאָרטן, ווו קולבאק דערהייבט זיך צו סאָציִאַלער אופּברויזונג, ווערט פּלוצים
זײַן עפּישער טאָן באַפאַרבט מיט פײַערלעכ־פּאַטעטישער עמאָציע. לאַקאָנישקײַט און
געשליפנקײַט פונעם וואָרט איז א הויפּט־שטריך פון דעם בוך; דאָס איז אין דעם
נאַטור־בילד, אין דער צייכענונג פון טיפּ, אין דער סענטענץ, אין דער שרײַבערישער
רעמאַרקע.

דאָס זײַנען אַלץ עלעמענטן, וואָס, בײַקומענדיק דעם אַלטן אינהאַלט, קענען זיי־
דינען אין דער קריטיש־איבערגעאַרבעטער פאָרם פאַר אונדזער ליטעראַטור פון
סאָציִאַליזם. מע קען ניט דעקרעטירן די פאָרמען און מע קען ניט פון די פאָרמעלע
נעטיעס באַם שרײַבער אַרויספירן זײַן אָפּשטײַן אָדער פאָרויסגיין. דער איינציקער
קריטעריִ בלײַבט דאָ דער אינהאַלט. „די אַלטע פאָרמען האָבן געפּלאַצט, ווײַל עס
האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נײַער אינהאַלט אין זיי... האָט באַקומען אַן אום־
געהויערע אַנטוויקלונג. בא אונדז איז איצט פאַראַן, פון שטאַנדפּונקט פון אַנט־
וויקלען דעם צווישנפעלקערלעכן קאָמוניזם, אַזאַ זיכערער, אַזאַ שטאַרקער, אַזאַ
מעכטיקער אינהאַלט פון דער אַרבעט (פאַר סאָוועטנמאַכט, פאַר דיקטאַטור פון
פּראָלעטאַריאַט). ער קען און דאַרף זיך אַרויסווײַזן אין יעדער פאָרמע, סײַ
אַלטער, סײַ נײַער (מײַן שטריך — כ. ד.), קען און דאַרף איבערגעבוירן, באַ־
זיגן, אונטעראָרדענען צו זיך אַלע פאָרמען, ניט נאָר די נײַע, נאָר אויך די אַלטע,—
ניט צוליב דעם, קעדיי שאָלעם מאַכן מיט דאָס אַלטע, נאָר דערפאַר, קעדיי צו קענען
אַלע און אַלערליי, נײַע און אַלטע, פאָרמען מאַכן פאַר אַ געווער פון פולן און
אַנטגילטיקן, אַנטשיידענעם און שטענדיקן זיג פון קאָמוניזם" (לענין. די קינדער־
קראַנקהײַט פון „לינקײַט אין קאָמוניזם", לעצטער קאַפּיטל).

קולבאַק דאַרף זיך אַזוי איבערבויען, אַז אַרבעטנדיק אויפן מאַטעריִאַל פון דער
אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און אין גײַסט פון סאָוועטנ־מאַכט זאָל זײַן פאָרמעלע און
טעכנישע קוואַליפיקאַציע אונטערגעאָרדנט ווערן דער רעוואָליוציע, פאַרוואַנדלט
ווערן אין אַ עכטן געווער פאַרן פולן זיג פונעם קאָמוניזם. קולבאַק מוז אַנטשייד־
נעמען גיין אויפן דאָזיקן וועג.

פּאַס 1932.

אקסעלראָדס נײַער גאנג.

1

זײַנ ביכל לידער הייבט אקסעלראָד אָנ מיט אזעלכע שורעס:

„אפסנײַ הייבט איכ אָנ מײַנ צעריסענעמ פאָדימ.
די נעזאנגענע די קלאָרע פארלאָרענע אינ וועג.
גלײַכ מיט אלעמענ דאָ כ'האָב די סטעשקעס באטראָטנ
אונ געבליבנ אליינ נאָר אינ טונקל פארשטעקט".

דאָ איז פאראנ אקסעלראָדס לויטערע אופריכטיקײַט. אָבער אופריכטיקײַט סטאמ באפרידיקט אונדז ניט. מיר ווילנ אנ אופריכטיקײַט, וואָס דעקט אופ רעוואָליוציאָ־נערנ געמיט. אונ אקסעלראָדס אופריכטיקײַט פונ אָט די שורעס איז פאר אונדז אינטערעסאנט, באלערנדיק, נאָענט, ווײַל זי דעקט אופ די שטרעבונגענ פונ א שיכט, וואָס גייט, כאָטש מיט שווערע טריט, מיט גרויסע אָנשטרענגונגענ, אָבער אלץ מער צו אונדז אונ צו אונדז.

די געבראכטע פיר שורעס זאָגנ: איכ, אקסעלראָד, בינ אפ א מעהאלעכ אָפגע־שטאנענ פונ אלעמענ, איכ נעמ זיכ שטײַגנ, איכ גיי פארקניפנ דעמ „צעריסענעמ פאָדימ" אונ ציִענ אימ ווײַטער.

די געבראכטע שורעס געהערנ צו אקסעלראָדס א „דעקלאראטיווער" ליד, וואָס ניט צופעליק האָט ער זי אוועקגעשטעלט צומ אָנהייב. „דעקלאראטיוו" איז זי דער־פאר, ווײַל זי איז ניט געווידמעט א וועלכנ ניט איז דיכטערישנ רעפלעקס, נאָר דעמ נײַעמ גאנג, דעמ נײַעמ עטאפּ פונ שרײַבער. דאָס איז א ליד פונ זעלבסטקריטיק, פונ דיכטערישער פראָגראמ, פונ פײַערלעכנ צוזאָג דער געזעלשאפטלעכקײַט. אקסעלראָד דער דיכטער וויל מער ניט זיצנ „באמ ברעג טיש", ער וויל ניט שטומענ, ער וויל זיכ באפרײַענ פונ פארבלענדעניש.

איז אָט די ליד בלויז „דעקלאראציע" אונ צוזאָג, בלויז „קרעדאָ"? צומ גליק ניט. סײַ אינ דער ליד גופע, אזוי אינ א גאנצער ריי לידער פונ דעמ ביכל איז געצאָלט מיט מעזומענ אפנ כעשבנ פונ אָט דעמ צוזאָג. אָט פארוואָס דער ביכל איז אונדז וויכטיק.

אקסעלראָדס אָפּגעדרוקטע לידער אין דער זאמלונג קאָן מען אײַנטײלן אַף צוויי שאַרפֿע גרופּן: 1. דער טייל לידער, וואָס טראָגט אַף זיך דעם שטעמפּל פֿון שטעטלדיקער גרויער פֿאַרוואָרלאָזטקײַט און איינזאַמקײַט,—אַהער געהערן אויך די „נייטראַלע" אינדיווידועלע, אַלבאָם-מאָטיוון. 2. די דערמוטיקטע לידער וועגן בוויוּנג, רויטער אַרמיי און וועגן אייגענעם ווידערגעבורט.

2

„אָט אַהינצו, ווו טויזנטער אײַלן, קען זיך ניט אײַלן קיין קינד"...—אַזוי פֿירט אויס אקסעלראָד, נאָכן קאָנסטאַטירן, אַז ער האָט פֿאַרלאָרן „דעם שליסל צו גאָר דער וועלט". פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס „קינד" איז בלויז אַ דיכטערישער סימוואָל, אקסעלראָד מיינט ניט, אַז דעזאָריענטאַציע איז בײַ אים אַ רעזולטאַט פֿון יונגקײַט. ער זאָגט אונדז גאַנץ קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך וועגן סאָציאַלער קינדערשקײַט, ניטשטאַנדהאַפֿטיקײַט, ניטזיכערקײַט אין זיך; דעריבער רעדט אקסעלראָד אין אַכאַכערטער וועגן זײַן יוגנקײַט, ווי די סיבע פֿון שוואַכקײַט און אָנמוטיקונג. „קינד" און „קינדהײַט" איז דאָ אַ דיכטערישע פֿיגור, הינטער וועלכער עס שטייט סאָציאַלער זײַן.

ווען אקסעלראָד טרײַבט אָפּ פֿון זיך דעקלאַסירטן באָהעמע-טאָן און ניהיליזם—ניהיליזם, וואָס קומט פֿון אויסזיכטלאָזיקײַט,—ווען ער וויל זיך אויסגלײַכן, דאַן גיט ער די שורעס וועגן שוואַכקײַט פֿון קינדהײַט. אין אַזעלכע לידער איז גלײַך מיטן שטריך פֿון „קינדערשער" הילפֿלאָזיקײַט פֿאַראַן דער אופֿשײַן פֿון מונטערקײַט:

„נאָך אַ וואָרף אינדערהויך מײַנע אויגן,
שטערן-שײַן פּריפּט פֿאַרבײַ מיך אַראָפּ,
און ס'גייט אויף מײַן יאַנטעוו אין די איינענע אויגן,
און געבענטשט ווערט מײַן אייגענער קאָפּ"

צוזאַמען מיטן געפֿיל פֿון מאַכטלאָזיקײַט און „בלענדעניש" גייט שוין דער מונטערנדיקער „יאָנטעוודיקער" טאָן.

און אָט דאָ ווײַזט זיך אַרויס דער איבערברוך בײַם כ' אקסעלראָד, דער איבערגאַנג צו מונטערקײַט און פּערספּעקטיוופֿולקײַט.

נעמט מען אָבער די אַנדערע לידער פֿון זײַן ערשטן פּעריאָד, זעט מען דאָרטן ווי אַ הויפּט-שטריך—פּערספּעקטיוולאָזיקײַט און נעגאַטיוון ניהיליזם. דאָס דערקלערן קען מען ניט אָן די קלאַסן-וואָרצלען פֿון אקסעלראָדס דעמאָלטיקן געמיט-צושטאַנד און וועלט-באַנעם. די אַנטמוטיקטע און ניהיליסטיש-באָהעמישע לידער אקסעלראָדס געהערן צום סאָף פֿון אויפֿשטעלונג-פּעריאָד, צום אָנהייב נעפּ. אקסעלראָד ברענגט דאַן די שטימונגען פֿון דער דעקלאַסירטער שטאָטישער קליינבירגערלעכער סוויווע מיט אירע ספּעציפֿישע באַזונדערקײַטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. דאָס איז אַ סוויווע, וואָס, רויִנירט בײַסן אַלטן צאַרישן רעזשים, דערדריקט דורך דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, איז זי אַרויסבאַפֿרײַט געוואָרן בײַס דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. אָבער די ערשטע יאָרן פֿון אויפֿשטעלונג-פּעריאָד האָבן דעם קליינעם שטעטל און די שטעט מיט אַ שוואַכער אינדוסטריעלער באַזע געבראַכט בלויז ערשטע בוויוּנג-

אופטועז, באַדײַטנדיקע, אָבער נאָך ניט אױסגעלעבטע, װאָס דערלײזן אויסשעפנדיק די ... װעגן די סאַמע נידעריקסטע שיכטן פֿונעם קלײנבירגערטום. עס איז נאָך דאַן געװען געװענוג גרויס די אַרבעטלאָזיקײַט, װעלכע האָט אין דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געגעבן אַ העכערן פּראָצענט. די ריכטיקע קלאַסן־ליניע פֿון דער פּאַרטײ באַם אײַנאָרדענען אַף אַרבעט און אין די אויפֿנאַמען פֿון די לערן־אַנשטאַלטן האָט ניט געקענט ניט אַרויסרופֿן אַן אויפֿגערייצטקײַט אין די בורזשואַזע און פֿעסטע קלײנבירגערלעכע שיכטן, װעלכע האָבן באַאײַנפֿלוסט מיט אַ געװיסן ייִעש די דעקלאַסירטע, ניט אײַנגעאָרדנטע עלעמענטן, אויסגעיִבט אַ דרוק אָט אַף דעם דעקלאַסירטן שיכט.

אונטערן אײַנפֿלוס פֿון אַזעלכע שטימונגען און פֿון רעשטן פֿון ציִאָניסטישער גאָלעס־אידעאָלאָגיע, פֿון נאַציאָנאַלער אָפּגעגערענצטקײַט, האָבן מיר אין דער ליטעראַטור געהאַט אַ רײ רעצידיװן צו נאַצדעמאָקראַטיזם און ציִאָניסטיש־נאַציאָנאַליסטישן געזאַמער; גלײַכצײַטיק האָט דער נידעריקערער, מער־פּאַראָרעמטער, ניטבורזשואַזער, אָבער דעקלאַסירטער קלײנבירגערלעכער שיכט געליפֿערט שטימונגען פֿון אָפּהענטיקײַט, צערײַצטער קװיטשערײַ, באָהעמישן העפֿקער־ניהיליזם, פּאַניק און פּעסימיזם.

אקסעלראָד, אין זײַן ערשטן פּעריאָד, דריקט אויס די אָפּגעשטאַנענע שטימונגען אין די דעקלאַסירטע און זיך־דעקלאַסירנדיקע גרופּן. דורך אים רעדט דאַן אַ שיכט, װאָס איז ניט אויסער די גרענעצן פֿון יענע קלאַסן, װעלכע דער פּראָלעטאַריאַט פֿירט נאָך זיך און דערציט איבער, נאָר דאָס איז אַ שיכט, װאָס שטײט ניט אין פֿאָדערגרונט און איז ניט דער דירעקטער אָנטײלנעמער פֿון סאָציאַליסטישן בויען, באַזונדערס אַף די ערשטע עטאַפּן פֿון אָט דער בויונג — אין אָנהײב פֿון נעפּ — װען עס איז צװישן אַנדערס געשטאַנען אַ אויפֿגאַבע צו ליקװידירן די עלעמענטן פֿון דעקלאַסירונג אין די רײען פֿון די פּראָלעטאַרישע מאַסן גופֿע, יענע עלעמענטן, װאָס זײַנען בײסן װירטשאַפֿטלעכן חורבן פֿון מלחמע און בירגער־קריג אַװעק פֿון די פֿאַבריקן און זאַװאָדן.

דעריבער איז דאַן בײַ אקסעלראָדן אײַנגאַנצן אָפּגעװישט די פּערספּעקטיװ. ער פֿילט זיך װי אַן אײנציק זעמדעלע אין אַ שטורעמדיקן װיכער. דאָס לאַנד בויט זיך פֿיבערדיק, אָבער װאָס באַקומט דערבײַ די שטעטלדיקע אָרעמקײַט? די פּראָצעסן, װאָס גײען אומעטום, פּראָצעסן, װאָס ציִען מיט אין דער סאָציאַליסטישער בויונג דעם דעקלאַסירטן שיכט, זעט נאָך ניט אקסעלראָד. זײַן אַקטיװע געזעלשאַפֿטלעכע ענערגיע קען ער נאָך דעמלט דעריבער ניט איבערשיבן אַף אַנדערע רעלסן. אקסעלראָד פֿאַלט דאַן אָפּט אַרײַן אין באָהעמישן העפֿקער, אין אויפֿגערייצטקײַט, אין טרויער, אין אינדיװידואַליזם, און אַפֿילע װען עס שײַנט אים אויף אין יענעם פּעריאָד אַפֿן געמיט, איז דאָס רעפֿלעקסאַרטיק, אויגנבליקלעך, ניט דורכגעהאַפּט, מיט ספּײקעס װעגן דער פּערספּעקטיװ.

„מײַן קאָפּ מײַן קינדערשן, װי אַלע גרויסע,
געװאָרפֿן האָב איך אין ראש פֿון לאַנד —
איז רויִקער געװאָרן דאָ דאָס רוישן,
װי זאַטער זומער אַף גלײַענדיקן זאַמד...
װעל איך קענען העכער נאָך אַ שטײַג טאָן,
קוקן דאָרטן, װו עס זעט זיך מער...
כ׳טאָר נאָך ניט, װי פֿולע צװײַגן,
אַ ריר טאָן זיך ביז שװאַרצער ערד“. (מײַן שטריך — ב. ד.).

דאָס איז פונ א ליד דאטירט 1926. דאָ איז שוינ פאראנ עטוואָס מוטיקעס, אָבער די פערספעקטיוו איז נאָכ ניט פארזיכערט, די זיכערקײט פאר דער פערספעקטיוו איז נאָכ באם דיכטער ניט פאראנ.

אזא איז אקסעלראָדס ערשטער עטאפ — דער עטאפ, וואָס שפײזט זיכ דורכ דער אָפגעשטאנענער דעקלאסירטער סוויווע פונ שטאָט אונ שטעטל אינעם ערשטנ פעריאָד פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אקסעלראָד נעמט אויכ דעמלט אופ די רעוואָליוציע ווי א באפרײַערישע — ער האָט קיינ זאכ ניט פארלאָרנ אינ אָקטיאבער אונ האָט קיינ בריקנ הינטער זיכ ניט געלאָזנ, נאָר ער זעט נאָכ ניט דאָס, וואָס ער האָט געוווּנעֿנ. דעריבער איז אינ זײַנ געמיט שטארק אונטערגעשטראָכנ די פײַנלעכע טראגיק פונ דער רעוואָליוציע אונ ניט איר דערמוטיקנדיקע הייסע קראפט:

„ס'האָט מײַנ לאנד געלערנט ליבנ
דורכ ווײ אונ פײַנ...".

אזוי פארענדיקט אקסעלראָד זײַנ מינאָרע פאָעמע „הארבסט 1915".

עס איז דעריבער ניט צופעליק, וואָס אינ יענעם פעריאָד איז אקסעלראָד פארטרויערט־אליינ, אָדער באָהעמיש־צעקנעפלט. זײַנ סוויווע דריקט אָנ אפ אים מיט דער גאנצער קראפט:

„נאָכ בענטשט מענ ליכט אפ אלטע לײַכטער,
גלאט אזוי, עס גלוסט זיכ גאָרניט בענטשנ.
דוכט זיכ יעדנ, עס וועט ווערנ לײַכטער,
וויל ער נאָכטאָנ, וואָס עס טוענ מענטשנ...
נאָכ זײַנעַנ געקעלעכ אלצ שמאָלע, קרומע,
מעג מײַנ אויג א וואָרפ טאָנ זיכ אהער.
נאָר כ'קאָנ נאָכ ליכטיקער ניט קוקנ,
ווי אלע די פונ היגער ערד"...

דידאָזיקע שורעס זײַנענ א דאָקומענט — זיי קלערנ אופ די אויבנאָנגעגעבענע סאָציאלע כאראקטעריסטיק פונ אקסעלראָדס שאפנ ביזנ 1928 י. דאָ איז די היפערטראָפיע פונ דעקלאסירטער האָפענונגלאָזקײט אונ באגרענצטנ שטעטלדיקנ בליק אויסגעדריקט אויסשעפנדיק.

פונדאנענ — פארצווייפלטע דעזאָריענטאציע־קלאָגערײַ:

„איכ ווייס ניט נאָכ וואָס אונ וווהינ
מיכ פירנ די הימלשע בלויענ,
כ'האָב פארלאָרנ מײַנ קלאָרקײט פונ זינ —
סארא וויסטער ביזאָיענ".

אינ א ווינקל פונ באוווסטזײַנ האָט אָבער געטליעט א פײַערדיקער פונק פונ גלויבנ אינ דער רעוואָליוציאָנערער עפאָכע, אינ דער לאנד פונ סאָוועטנ, פונ אורטייל איבער אייגענעם אומזינ („סארא וויסטער ביזאָיענ"!), דאָס האָט אקסעלראָדנ ניט געלאָזנ ווײַט פארקריכנ אינ די „רויכיקע שענקענ", ער האָט אָנגעהויבנ זינגענ אנדערע לידער.

און דאָ פאנגט זיך אָן א צווייטער עטאפ, א נײַער גאנג, וואָס צו אים הייבט זיך אקסעלראָד אוף בײַס די זיגן, באשליסנדיקע זיגן פון דער פארטיי אין דער סאָציאַ־ליסטישער רעקאָנסטרוקציע. אין דעם פעריאָד פארנעמט זיך אקסעלראָד מיט איבער־באהערשן די „סלאָוועשנאַ"־ווייטיקן (פאָגראָם־דערינערונגען), שטעטלדיקע דערדריקט־קײַט, מישפּאָכע־ווייטיק און ניהיליזם.

עס איז שוין בא א געלעגנהײַט אויסגעקומען אָפּצייכענען אלס עטאפּ־צייכן אקסעלראָדס ליד פון 1929 יאָר: „א שטילקײַט אזא, ברענענע איינציקע פּײַערן". אין דער אָ ליד לייענען מיר:

„טונקל און פינצטער אין געסעלעכ שמאָלע,
מע פּלאָנטערט די צונג, מע רעדט צווישן זיך,
און מע וועגט אין דער גאכט אזוי ווי אפּ שאָלן
דעם קליינינקן ווערט פון אייגן געזיכט.
— — — — — — — — — —
גיט א ווינטל א חיי, א צי און ס'ווערט קעלטער,
מע שפּאנט איבער לאנגן הילצערנעם בריק,
מיט פּעך גיט א שמעק פון די סאָסנע־וועלדער,
ווו ס'בויט זיך די נײַע, די ווײַסע פאבריק.
איז טאקע פאר זיי ניט אלץ נאָך פארפאלן,
מע טאָר ניט,
מע דארפ ניט
פון בריק און אין טײַך
זיי וועלן ווי אלע אויסלייגן שפּאלן,
מיט פארבראָנזעטן לײַב שטיין מיט אלע צוגלײַך".

איך האָב געמוזט ברענגען א גרעסערן אויסצוג, קעדיי צו באווײַזן אקסעלראָדס נײַע דיכטערישע פּראָגראַם, אקסעלראָדס אייגנארטיקן וועג צו דער סאָציאַליסטישער בויונג: אקסעלראָד גייט צו דער סאָצבויונג דורך דער פּראָלעטאריזאציע פון דעם דעקלאסירטן שיכט, אָט אפ דער נײַער לעבן־שטעגעלע קלײַבט ער זיך ארויס פון דער נעץ, אין וועלכער ער איז פריִער אָפּט געפאנגען געוואָרן, און גייט ארויס צום ריכטיקן שליאַך.

צו אָט דעם נײַעם עטאפּ געהערן אזעלכע לידער ווי „שאָכ", „ספּארטאקיאַדע". „מאיאקאָווסקען" — א רעוואָליוציאָנערע ליד, וואָס שרײַט וועגן קלאסן־פליכטן פון דעם סאָוועטישן דיכטער — און דער גאנצער ציקל רויטארמייִשע לידער. איך וועל זיך געגוי אפּ אָט די לידער ניט אָפּשטעלן. פארצייכענען דארפ מען, אז אקסעל־ראָד, בלײַבנדיק אין זיי טרײַ זײַן לירישער נאטור, ווערט פּאָליטיש־געזאפּטער, דער געמיט־אויסדרוק זײַנער באקומט א ליכטיקערן פארב, עס באווײַזט זיך דער מונטע־רער טאָן, עס קומט צום אויסדרוק די באשרײַבערישע ליד (אין די רויטארמייִשע לידער) — א נײַס בא אקסעלראָדן, וועלכער האָט שטענדיק זײַנע לידער־מיניאַטיורן ווי אויסגעוועבט פון דינעם פון אינעווייניק אויסגעבראכטן געמיט־פאָדעם. עס זעט אויס, ווי אקסעלראָד טרעט ארויס פון די אינדיווידועלע פיר איילן, דערזעט א

ברייטע וועלט פאַר זיך, קוקט אַרײַן מענטשן אין געזיכט אַרײַן, שליסט זיך אײַן אין אַ קאָלעקטיוו. און לײענענדיק אָט דאָס נײַע אקסעלראָדס, טוט דיר ניט באַנק אין דער קלענסטער מאָס דער געוויסער שטריך פֿון פּאַטאָגראַפֿישן שטייגעריזם אין די רויטאַרמייִשע לידער — אַזוי פֿײַן שליסט זיך דאָס אײַן אין דער דיכטערישער מונטערקײַט, וואָס וועבט אַרום דעם רויטאַרמייִשן שטייגער־לעבן, דעם רויטאַרמייִשן בירגער־פֿליכט, וועלכן אקסעלראָד ווידמעט זײַנע צאַרטסטע שורעס.

די רויטע אַרמיי האָט אקסעלראָדן גוט געלערנט. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט בלויז די רויטאַרמייִשע שול האָט אים באַווירקט, — אים האָט באַווירקט די גאַנצע „סאָוועטישע נאַטור". שוין דער פֿריִערדיקער פֿעריאַד ברענגט נײַעם גאַנג. די בויונג־פּראָצעסן צעשטערן די טרויעריקע שטעטל־אַסאָציאַציעס. נײַע רויכעס דערפֿילט אקסעלראָד — רויכעס פֿון געטעסעטן פֿרישן האָלץ. אָבער די שול פֿון דער רויטער אַרמיי האָט אַוועקגעלייגט אַ גרונט־שטריך אַף זײַן אויסגעוואַקסענעם אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ, פֿאַרגרונטעוועט דאָס נײַע, זי פּאָליטיש און קאָלעקטיוויסטיש צעמענטירט, געבראָכן דעם אינדיווידועלן קישעפֿ־קרײַז. דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק פֿאַרצייכענען.

4

אקסעלראָד איז אַ צאַרטער פּאָעט. ער האָט צו טאָן מיט שטילע טענער. דאָס איז זײַן „גאַנג" אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. און פּונקט ווי זײַן טאָן איז ניט פֿאַריסן, אַזוי איז זײַן לעקסיק לויטער פּאָעטיש, אָן „וואָרט־שאַפֿעכץ", אָפֿט אין סטיל פֿון פֿאָלקס־רייד. דער אינערלעכער שטילער ריטם און די פֿאָלק־לעקסיק וועקן אַ פֿאַרלאַנג צו זינגען די שורעס. „די אָוונטדיקע שאָ, די טונקעלע און קלאָרע" — דאָס איז אַ דעפֿאָרמירטע שורע פֿון אַ פֿאָלק־ליד. אַזעלכע שורעס האָט אקסעלראָד אַסאַך.

אקסעלראָדס ליד פֿאַרמאָגט אָן ספֿק אַ פּראָבלעמאַטישע „ראָזשינקע". פֿאַרשטייט זיך, אַז פּראָבלעמאַטישקײַט פֿון יערידע און פֿון זעלבסט־פֿאַרורטיילונג (וואָס ס'איז דאָ אין אקסעלראָדס ערשטע לידער) איז פֿאַר אונדז ניט אָנעמבאַר. אָבער דערפֿאַר בעמען מיר אָן די פּראָבלעמאַטיק פֿון זײַנע לעצטע לידער. אייגנטלעך דאַרף גיין אַ רייד ניט וועגן פּראָבלעמאַטיק, נאָר ביכלאַל וועגן אידייִשער געזאָפּטקײַט. דאָס קומט צו אין אקסעלראָדס ליד. זײַן ליד פֿון לעצטן פֿעריאַד פֿאַרמאָגט שוין אַ פֿאַראַלגעמיינערטן סאָציאַלן „עפּעס וואָס": זאָל דאָס זײַן ליקווידאַציע פֿון אַרבעטלאָזיקײַט, בירגער־פֿליכט אין דער רויטער אַרמיי, האָפֿערדיקײַט פֿון באַפֿרײַטער אַרבעט א. ד. גל.

אקסעלראָד שרײַבט לאַקאָניש, זײַן רוים־אויסמעסטונג אין דער ריכטונג איז דאָס, וואָס די נאָוועלע אין דער פּראָזע. אין אָט די שטײַפֿע ראַמען גיט זיך אים אײַן אַרײַנפּאַסן סײַ אַסאַך עמאָציאָנעלקײַט, ליריזם, אַזוי אַ קאָנצענטרירטע אידייע.

אַ דיכטער שרײַבט ביכלאַל „טעזיסאַרטיק" — ניט פֿאַרשפּרייט, מיט ווייניק ווערטער מוז ער זאָגן אַסאַך. דאָ פֿאָדערט זיך אַ גרויסער געפֿיל פֿאַר מאָס, — וואָס ווייניקער אָנריידן און וואָס מערער זאָגן. באַ אקסעלראָדן איז זייער שאַרף אַנטוויקלט דער־

דאָזיקער געפיל. זײַן מיניאַטורע ליד איז אויסשעפּנדיק, עס בלײַבט גאָרניט „אַפּ יענער זײַט“—אַלץ, וואָס איז פאַרטראַכט, איז געפּרעסט געזאָגט.

אַקסעלראָד איז אינגאַנצן אַן אָפענער דיכטער, עס בלײַבט ניט ניט דערזאָגט, פאַרשטעלט, צווייִדײַטיק פאַריבן, פאַרמאַסקירט־פאַרנעפּלט. „אָט בין איך אינגאַנצן“— זאָגט אַקסעלראָד, און דאָ איז ניטאָ קיין פּאָזע.

דאָס זײַנען אַלץ דיכטערישע מײַלעס, וואָס איצט, ווען אַקסעלראָד האָט זיך אידייִיש אופגעהויבן אַף אַ העכערן שטאַפּל, וועט עס אונדז פיל ברענגען אין דער דיכטונג. אָבער מע דאַרף פון אַקסעלראָדן פאָדערן פאַרברייטערן זײַן קרײַז פּראָבלעמעס, פאַרברייטערן זײַן באָאָבאַכטונג־פעלד, זיך באַרײַכערן אין פאַרבן: צו טונקעלע פאַרבן זײַנען אים צוגעקומען העלע, מע דאַרף אָבער אויך האָבן בונטע, אופברויזנדיקע, שאַרפע, רעגנדיקע פאַרבן...

מע וואָלט אויך באַדאַרפט אַרויסרוקן פאַר אַקסעלראָדן די פאָדערונג וועגן גרעסערע דיכטערישע פאָרמען, אין וועלכע עס זאָל אופגעדעקט ווערן אַ ברייטערע, לעבן־פעלד פון אונדזער עפּאָכע.

און איבער אַלץ: אַנטשיידענער אַפּן וועג פון אײַנשליסן זיך אין די קאָנקרעטע קאַמפן פאַר דער סאָציאַליסטישער בויונג. מיט גרעסערן טעמפּ!

✶

דער אויספיר: אַקסעלראָד האָט אַמאָל געבלאָנקעט, געטרויערט, געצווייפלט. אַליין האָט ער וועגן יענעם פעריאָד זייער גוט געזאָגט אין זײַן ליד „שאָך“: „עס טוט מיר זייער וויי און עס טוט מיר זייער באַנק פאַר מײַן ערשטן שלעכטן גאַנג...“ איבעפּראַזירנדיק דידאָזיקע שורעס, קענען מיר איצט פאַרצייכענען אַקסעלראָדס נײַעם גוטן גאַנג.

אפנ וועג צו באָלשעוויסטישער פּארטייִשקײַט.

(וועגנ י. ראבינס „בוזי דובינ“).

1

דאָס יאָר 1931 האָט געגעבנ א ריי ביכער, וואָס פארקערפּערנ קינסטלעריש די סאָוועטישע קאָנקרעטעווירקלעכקײַט, די פּראָצעסנ פונ סאָציאַליסטישער בויונג אונ קלאסנ־קאמפּ אינ לאנד.

די צאָל ביכער פאר דעמ יאָר איז אינ דער יידישער ליטעראטור פונ פ.ס.ס.ר. ניט אזוי גרויס. אונ יעדער בוכ האָט דעריבער פאר אונדז א גרויסע באדײַטונג, ער לערנט אונדז דעמ וועג, וואָס עס מאכט דורכ די יידישע ליטעראטור, ווי א טייל פונ דער גאנצער פּ.ס.ס.ר.־ישער ליטעראטור, צו באשאפנ די גרויסע סאָציאַליסטישע קונסט.

דאָס כאראקטעריסטישע פאר אונדזער יידישער ליטעראטור־פּראָדוקציע פאר דעמ יאָר 1931 באשטייט אינ דעמ, וואָס די דערשינענע קענטיקע ווערק זײַנענ געשאפנ געוואָרנ אינ גרונט דורכ דער פּראָלעטארישער ליטעראטור. אויב די מיטלויפערישע דיכטונג האָט זיכ נאָכ מיט וואָס עס ניט באוויזנ (מארקיש, קוויטקא א. אנד.), האָט די פּראָזע קימאט אינגאנצנ געשוויגנ. דאָס איז אינ גרונט א טאָפּעלער פּאָזיטיווער פאקטער; ווײַל פונ דעמ איז צו זענ, אז: 1. די פּראָלעטארישע פּראָזע אונ דיכטונג גייט אינ דער ערשטער ריי מיט אירע פּאָרשריטנ אונ 2. די מיטלויפערישע עלעמענטנ אינ דער ליטעראטור זוכנ וועגנ פאר איבערבויונג אונ האָבנ דערפילט, אז עס זײַנענ שוינ ניט מעגלעכ געוואָרנ די אלטע שעפערישע וועגנ. די איבערבויונג פונ דעמ בעסערנ טייל מיטלויפער אונ פארבינדעטע, איז אויכ אָפּגעשפּיגלט אינ דעמדאָזיקנ „קריזיס־פאקטער“ פונ דער מיטלויפערישער ליטעראטור.

אונ נאָכ איינס איז פארנ 1931 יאָר כאראקטעריסטיש: דאָס איז דער אופקומ פונ א היפּשער ליטעראטור פונ די ארבעטער־שלאָגלער, סײַ אינ די זשורנאלנ, אזוי אויכ אינ בוכ־פאָרמ אונ אינ קאָלעקטיווע זאמל־ביכער. די שאפונג פונ די שלאָגלער האָט טיפ אָפּגעשטעמפּלט אפ אונדזער ליטעראטור די טענדענצ צו ווידמענ איר שאפונג די פּראָבלעמענ פונ דער סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע אונ דעמ סאָציאַליסטישנ בויער.

דידאָזיקע גרונט־שטריכנ ווערנ באגלייט אינ א ריי ווערק פונ דער פראָלעט. ליטעראטור מיט אנ אָנשטרענגונג פאר באָלשעוויסטישער פארטייִשקייט, א פארטייִשקייט, וואָס איר גרונט־שטריכ איז: אקטיווע טעטיקייט אינ קאמפ פארנ סאָציִאליזמ, אקטיווער קאמפ מיט די ליטעראַרישע מיטלענ קעגנ קלאסנ־פײַנטלעכער אונ אָפאָרטוניסטישער פראקטיק אונ אידעאָלאָגיע. די ליטעראטור אונדזערע אינ אירע בעסטע מוסטערנ לערנט זיכ דערזענ דעמ גרויסנ זיגרײַכנ גאנג פונ פראָלעטאריאט פאָרויס אונ די מאנעווירנדיקע, מאסקירטע וועגנ פונעמ קלאסנ־סוינע, לערנט זיכ מיט דערפאָלג באווײַזנ דעמ זיג פונ די לענינישע אידייענ איבערנ קלאסנ־פײַנט, דעמ וועג, אפ וועלכנ די מ א ס נ דערוועלבנ די גרויסע אידייענ פונ מארקסנ אונ לענינענ אונ פארוואנדלענ דורכ זייער טעטיקייט דידאָזיקע אידייענ אינ א גרויסער מאטעריִעלער קראפט.

אינעמ דאָזיקנ קאָנטעקסט פונ די פראָצעסנ אינ דער ייִדישער פראָלעטארישער ליטעראטור פונעמ סאָוועטנפארבאנד, באזונדערס פונ די פראָצעסנ אינ דער פ ר אָ ל ע ט א ר י ש ע ר פ ר אָ ז ע, דארפ גענומענ ווערנ ראבינס נײַער בוכ „בוזי דובינ“. ראבינ קערט זיכ אומ אינ דעמדאָזיקנ בוכ מיט נײַער קראפט צו דער טעמע, וואָס איז דורכ אימ בארירט געוואָרנ אינ זײַנע פאָריקע 2 ביכער „שוועסטער־קינדער“ אונ „אינ לײַטערונג“: ער שפירט נאָכ דעמ סאמע אקטיוונ אונ אָרגאניזירטנ עלעמענט אינעמ ארבעטער־קלאס אונ זײַנע נעבנדיקע שיכטנ; ער שטעלט אײַנ זײַנ אויפמערקזאמקייט־פעלד אפ דעמ פארטייִשנ מענטשנ, דעמ באָלשעוויק, אונ—דעמ צווייטנ פאָליוס—דעמ נעגאטיוונ: דעמ מענשעוויק, דעמ „פארטייִשנ“ קליינבירגער. באנעמענ אונ ווײַזנ פארטייִשע געוועונדטקייט פונ מענטשנ, די ראָל פונ די מענטשנ אינעמ פאָליטישנ לעבנ, זייער באציִונג צו דער רעוואָליוציע, צו דער סאָצבויונג—דאָס איז ראבינס צענטראלע אידיי. דערבײַ זוכט ראבינ ניט פארלירנ פונ אויג אויכ די שטייגער־באדינגונגענ, שטייגער־איבערברוכנ אונ „שטוביקע“ באציִונגענ פונ זײַנע העלדנ. ראבינס אנ אייגנשאפט איז אויכ—„דערגראָבנ“ זיכ צו די סאמע טיפסטע נעשאָמע־וויברירונגענ, קעדיי אזוי ארומ באווײַזנ וואָס פילזײַטיקער דעמ מענטשנ, די „מײַלעס“ אונ „פעלערנ“ פונ דעמדאָזיקנ מענטשנ (מיר וועלנ שפעטער זענ, וואָס פאר א געפארנ עס שטייענ דאָ פארנ שרײַבער). דידאָזיקע שטריכנ זײַנענ דאָ אינ ראבינס פאָריקע ווערק, אונ זיי זײַנענ שארפ אויסגעשפראָכנ אינ „בוזי דובינ“.

דער טראָט פאָרויס, וועלכנ ראבינ האָט געמאכט אינ זײַנ נײַעמ בוכ, איז—באווײַזנ זײַנע העלדנ שוינ אפנ פאָנ פונ דער סאָציִאליסטישער פראָדוקציע, באווײַזנ די פארטיי אינ קאמפ מיט דער טראָצקיסטישער אָפאָזיציע. זייער א דאנקבארער שריט; דער קאמפ פונ אונדזער פארטיי מיט דער טראָצקיסטישער אָפאָזיציע, די צעגראָמירונג פונ דעמ טראָצקיזמ, וואָס איז איבערגעבוירנ געוואָרנ אינ א פאָדערשטנ אָטריאד פונ דער צווישנפעלקערלעכער קאָנטררעוואָליוציע, די באהעפטונג פונ די פארטיי־רייענ נאָכ אינ א גרעסערער מאָס אלס רעזולטאט פונ דעמדאָזיקנ שארפנ קאמפ—אונ זיג פונ דער פארטיי—דאָס אלצ האָט פארדינט א קינסטלערישע אויספורעמונג.

ראבינ האָט גענומענ דידאָזיקע טעמע. בוזי דובינ, אנ ארבעטער, וואָס האָט דורכגעמאכט א צוויי־יאָריקע שול פונ קאָמוניווערסיטעט, פאָרט אפ א יאָר פראקטי־

שער ארבעט אינ א װײַסרוסישער שנײַדער־פאבריק. עס איז דער פּעריאָד פונ „ערשטער סאָציאַליסטישער אַנזאַמלונג". ס'דער 23־טער יאָר. אפּ דער שנײַדער־אינדוסטריע מיט איר פּראָלעטאריאט ליגט נאָכ דער שטעמפּל פונ באַלמעלאָכישער פארגאנגענהײַט. דאָ זײַנענ פאראנ מענשעװיסטישע עלעמענטנ, װאָס ספּעקולירנ אפּ די שװעריקײַטנ פונ מאָמענט; דאָ בױט זיכ אױכ אױס א נעסט די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע. די פּארטײ־אָרגאניזאציע פונ פאבריק װאָס אינ איר שפּיצ װערט געשטעלט בוזי דובינ, האָט צו קעמפנ אינ קאָמפּליצירטע באדינגונגענ: עס דארפ באשאפנ װערנ די פאבריק, מענ דארפ אײַנהיטנ די ארבעט־קראפט, אײַנשאפנ ארבעט, בױענ אונ טאָנ, אונ מענ דארפ, גלײַכצײַטיק, באקעמפנ יעדנ אָפּאָרטוניזמ, באזונדערס דעמ טראָצקיזמ, װאָס באדראָט דעמ פּארטײ־אָרגאניזמ אונ די סאָציאַליסטישע בױונג. אינ דערדאָזיקער סיטואציע שליסט אײַנ ראבינ זײַנ הױפּט־העלד בוזי דובינ, ארױספירנדיק גלײַכצײַטיק א גאנצע גאלעריע פּארטײיִשע טוער, װירטשאפטלעכע טוער ארבעטער, קאָמיוג־טוער, באװײַזנדיק גלײַכצײַטיק די אנטיבאָלשעװיסטישע עלעמענטנ אפּנ פאבריק.

אינ א רײ סצענעס פונ פאבריק־אונ פּארטײ־לעבנ גיט זיכ ראבינ אײַנ מיט קינסטלערישער איבערצײַגונג באװײַזנ, װיאַזױ די פּארטײ באקעמפּט די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע אונ אָרגאניזירט אלצ מער פּאר באָלשעװיסטישנ טאט די ארבעטער פונ דער אונטערנעמונג. אינ רעזולטאט פונ א פּארטײפּערטער מאסנ־ארבעט גײט קעסײדער אנ איבערברוכ אינ די רײענ פונ די אָפּגעשטאנענסטע ארבעטער. די געװעזענע קוסטארישע ארבעטער ברענגענ פרײַװיליק צונױפּ זײערע „זינגער"־מאשינעס אינ פאבריק ארײַנ, אלס מאטאָנע דער פאבריק צומ יאָנטעװ פונ 1־טנ מײַ, אונטערשטרײַכנדיק דערמיט דאָס פארענדיקנ מיט קלײנבירגערלעכע רעשטנ. די אומפּארטײיִשע ארבעטער שליסנ זיכ אײַנ אינ קאמפּ פונ דער פּארטײ קעגנ דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע. ראבינ שטעלט אװעק אזא אומפּארטײיִשנ ארבעטער, װי בערל שטודני, אנ איבערגעגעבענעמ סאָציאַליסטישנ בױער, קעגנ דעמ מענשעװיק רװוינ, אונ שטודניס רעפּליקעס דעקנ אינדערעמעסנ אופּ רװוינס „פּארכעס אינ קאָפּ", עס װערט אופגעדעקט דער טיפּ מענשעװיק אפּ דער אונטערנעמונג, אונ ראבינענ גיט זיכ אײַנ מיט א גאנצער רײ קינסטלערישע מיטלענ בארעכטיקנ זײַנ אױסטײַטשנ רװוינס סאָציאַלע נאטור. דידאָזיקע ערטער אינ בוכ זײַנענ זײער א שאַרפּער פּאמפלעט קעגנ מענשעװיזירנדיקע, אָפּענע אונ מאסקירטע טראָצקיסטישע עלעמענטנ. עס איז, לעמאָשל, שנײַדיק אונ טרעפלעכ די זײער לאקאָנישע כאראקטעריסטיק פונ אװרעמל שלײַענ, א טיפּישנ אױסערלעכ נײטראל־ליבעראלנ „עקזעמפּליאר" פונ א געװעזענעמ, בונדאָװעצ, װאָס האָט מוירע, אז די פּארטײ־אָרגאניזאציע װעט מאכנ אלטע „כעושבױנעס" מיט אימ, האָט דעריבער מוירע אָפּנ ארבעטנ מיט די טראָצקיסטנ, װעלכער פילט אָבער גלײַכצײַטיק מיט די טראָצקיסטנ. בײַס דעמ עפּיזאָד מיט אװרעמל שלײַענ איז איבערצײַגנדיק די האנדלונג פונ װאליע, דער סעקרעטארנ פונ קאָמיוג־קעמערל, װעלכע װענדעט זיכ צו שלײַענענ, בײַס ער פארשװײַגט א שמוציקע רעפּליק פונ מענשעװיק רװוינ, מיט דער פאָדערונג:

— װעסט עס ניט פארשװײַגנ!.. מוזט שױנ אפּ דעמ ענטפערנ! א פּארטײער ביסטו! דו, דו!.. (ז. 113).

א גאנצע ריי בילדער אינ בוכ שטרײַכנ אונטער די אידיי פונ קאָמפ פאר דער רײנקײַט פונ די לעניניש רייענ. עס איז בולעט געוויזנ דער אידייִשער דראנג פונ די דובינס, וויצס, סטערלינס—צו אויספילנ די פארטיי־דירעקטיוונ סײַ אינ דער בויונג פונ דער עקאָנאָמיק, סײַ אינ דער איבערבויונג פונעמ מענטשנ־מאטעריאל. די פאָליטישע דערציִונג ווערט געשטעלט אינ צענטער, אינ דער שפיצ פונ דער פאָליטישער ארבעט איז אוועקגעשטעלט וועלוול וייצ, א מענטש, אפ וועלכנ דער אוטער קאָנצענטרירט א גרויסע דאָזע ווארעמע, לירישע שטראלנ. עס איז אונטערגעשטראָכנ אינ א היפשער מאָס די קאָלעקטיווע מאסנ־אָרגאניזאציע פונ די ארבעטער, ווי א קראפט, וואָס איז גויווער עלעמענטנ פונ קלײנבירגערלעכער קאָנסערוואטיווקײַט אונ דעקלאסירטנ אנארכיזמ. דורכ דערדאָזיקער קראפט ווערנ צעקלאפט אזעלכע עלעמענטנ, ווי דער שוינ אָנגערופענער מענשעוויק ריווינ, אזוי אויכ צווייטראנגיקע פונעמ זעלבנ טיפ. די בילדער פונ קאָמיוגישער ארבעט אינ קלוב, אפ א שאבעסניק, זײַנענ אויכ פארטײיִש־פארשארפט, זיי באווײַזנ דעמ קאָמיוגישנ דראנג, קאָמיוגישנ פלאמ, וואָס איז באהויכט מיט באָלשעוויסטישער קלאסנ־געווענדטקײַט, וואָס בילדעט א קראפט, וועלכע שטייט צו דינסט פונ דער פארטיי.

אזוי ארומ באקומענ זיכ די גרונט־פיגורנ פונ דער דערציילונג,—בא דער גאנצער לאקאָנישקײַט אונ עסקיזארטיקער קארגקײַט, מיט וועלכער זיי זײַנענ געשילדערט,—ווי נאטירלעכ אײַנגעוועבט אינ דעמ לײַוונט פונ די קאמפנ פאר סאָציאליזמ פונעמ ערשטנ נעפ־פעריאָד. דאָס זײַנענ ניט קיינ אויסגעקינצלטע, „זיסע“ אונ „פרומע“ קאָמוניסטנ, נאָר קעמפער אונ „טרוימער“—אינ בעסטנ זינ פונ וואָרט,—וואָס וויטיקנ פאר דער פאבריק. בוזי דובינ, וועלוול וייצ, די קאָמיוגיסטקע וואליע, סטערלינ,—דאָס איז א גאלעריי פונ פאבריק־אקטיוו, וואָס גרופירנ ארומ זיכ אונ צעמענטירנ די ארבעטער־מאסע. זיי גלאנצנ ניט אויסערלעכ, נאָר אלצ, וואָס זיי טוענ רעדט פאר דעמ, אז זיי זײַנענ דורכגעזאפט מיט באָלשעוויסטישנ דראנג. זיי שפארנ ניט ארויס פונ די סיטואציעס, וועלכע ווערנ פארמאָלט אינ ביכל, זיי שפארנ ניט ארויס איבער די קעפ פונ די ארבעטער, כאָטש זיי זײַנענ טאקע פירער אונ הייסע קעמפער „קעגנ שטראָמ“, קעגנ מענשעוויזמ אונ טראָצקיזמ, דאָ האָט ראבינ געהאט די ריכטיקע מאָס צו לייזנ די באציִונג „פארטאָנפירונג—מאסע“. ניט גאָר גלאט באקומט זיכ בא ראבינענ, ווענ ער פירט ארויס זײַנע העלדנ פונעמ פאבריק־הויפ; מיר וועלנ שפעטער זענ, אז אימ גיט זיכ ניט אײַנ אײַנצושליסנ דעמ היימישנ שטייגער אינ דער גאנצער קייט פונ סאָציאלע דערשײַנונגענ,—אָבער אפנ פאבריק, אינ קלוב, בײַמ אויספילנ א פארטיי־שליכעס, זײַנענ זײַנע פארטייער אונ די קלאסנ־באוווסטזיניקע ארבעטער געגעבנ איבערצײַגנדיק, דאָ זײַנענ זיי בעעמעס אונ נאטירלעכ אײַנגעשלאָסנ אינ דער קאָנקרעטער סיטואציע פונ די קלאסנ־פראָצעסנ, אפ וועלכע זיי ווירקנ, אינ וועלכע זיי באטייליקנ זיכ דירעקט. דאָסזעלבע איז מיטנ נעגאטיוונ טיפאזש פונ צווישנ די ארבעטער. מענדל ריוויג, שלײַענ, לייזער כײַקינ—א גוטע צייכענונג פונ א צעיושעטנ, דעקלאסירטנ קלײנס בורזשוא, וואָס וויל א „כײלעק אינ דער רעוואָליוציע“,—א ריי אנדערע, מער עפיזאָדישע טיפנ, ווערנ גענומענ אינ זייער פראקטיק, אונ ראבינ מאכט ניט קיינ פעלערנ, ווענ ער גיט זייער סאָציאלע כאראקטעריסטיק. מע קענ אפילע זאָגנ, אז באמ צייכענענ דידאָזיקע גרופע קאָנסערוואטיווע אונ

אנטי־פּראָלעטארישע עלעמענטנ, שפּילנ די פארבנ אָפּט שטארקער ווי באַם פּאָזיטיוונ טיפּאַזש... ווי נאַטוראַליסטיש עס זעענ דאָ ניט אויס אַנדערע צייכענונגענ, גיבנ זיי א מאַטעריאַל פאר א ברייטערער, מער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פונ דידאָזיקע עלעמענטנ אַפּ דער פאבריק.

מע קאָנ דעריבער זאָגנ, אז מיטנ באַווייַזנ דעם ארבעטער־טיפּאַזש לויט זייַנ סאָציאַלנ טאָכ, אונ ניט לויט די אויסערלעכע סימאָנימ, מיטנ באַווייַזנ די פירנדיקע ראָל פונ די קאָמוניסטנ אינעם איבערמאַכנ דעם ארבעטערשנ מענטשנ־מאַטעריאַל — מיט דערדאָזיקער אויפגאַבע האָט ראַבינ געלונגענ זיכ ספּראַוועט, אונ ער קאָנ דעריבער אינ זייַנ אקטיוו פארשרייַבנ שיר ניט די ערשטע קינסטלערישע פארקערפּערונג אינ דער ייִדישער פּראָזע. ליטעראַטור פונעמ *קעמפערישנ* ארבעטער־קאָלעקטיוו, *אינ דער שפּיצ מיט דער פּארט־אָנפירונג*. מענ דארפּ אָבער גלייַכצייַטיק באַצייכענענ, אז די *פּארטיי־אָרגאַניזאַציע* אונ איר *קאָלעקטיוו* איז ניט באַוויזנ געוואָרנ. דעריבער פילט זיכ דער אקטיוו, וואָס פירט אָנ, ווי אָפּגעריסנ, אָפּט שפּארנ ארויס איינציקע פּערזאָנענ, וועלכע „שאַפנ די געשיכטע", אָנשטאָט דעם פּארטייִשנ אונ ארבעטער־קאָלעקטיוו.

2

אינעמ שילדערנ דעם קאַמפ מיטנ טראָצקיזמ האָט ראַבינ געמאַכט א ריי ערנסטע פעלערנ, וועלכע קאָנענ ניט אָפּפרעגנ דעם אינהאַלט פונ בוכ, וועלכע מענ דארפּ אָבער אויפדעקנ, קעדיי פונ זיי באַוואָרענענ. דאָס ערשטע, אפּ וואָס מענ דארפּ אָנווייַזנ, איז — אַפּנ אייַנדרוק פונ באַשטימטער צעריסנקייַט צווישנ דעם קאַמפ פאר פּארטיי־ריינקייַט (קעגנ טראָצקיזמ) אונ דעם קאַמפ אַפּנ פראָנט פונ בויונג, וואָס באַקומט זיכ באַמ לייענענ דעם בוכ. סטערלינ, דער פאבריק־דירעקטער, א פּאָזיטיווער טיפּ, רופט אויס: „אָנשטאָט בויענ די פאבריק, דארפנ מיר זיכ גאָר נערווירנ מיט אזוינע זאַכנ" (ז. 79). „אזוינע זאַכנ" — דאָס איז די טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע. אזא „אומגעדולדיקער טעזיס" אונ אזא אָפּרייַסנ די בויונג פונ פּארטיי־קאַמפ, וועלכער ווערט ארויסגעזאָגט פונ אנ אָנפירער, כאַראַקטעריזירט ניט ריכטיק דעם פּארטייִשנ אקטיוו. קאַמפ ווערט דורכ אזא „אומגעדולדיקייַט" אָפּגעריסנ, פארשמעלערט, פארמינערט. וואָרעמ קאַמפ קעגנ טראָצקיזמ, ווי קעגנ יעדער אָפּאָזיציע, איז קאַמפ פאר סאָציאַליזמ, איז *געבונדנ* מיט קאַמפ פאר דער *בויונג*, „נערווירנ" צוליב „אזוינע זאַכנ", ווי טראָצקיזמ מוז מענ — אונ דאַווקע אינ די אינטערעסנ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג!

ניט ריכטיק איז אויכ צו מאָלנ אזוי, אז אינ די אויגנ פונ פּארטיי־אקטיוו איז טראָצקי (זאָל זייַנ אפילע פאר יענעמ פּעריאָד) געווענ ניט קיינ פּאָליטיקער, נאָר א „זשורנאַליסט", בלויז א פראַזנ־דרעשער. עס איז קיינ סאָפעק ניט, אז טראָצקי איז די פארקערפּערונג פונ דער „לינקער" קנאַקעדיקער פראַזע. אָבער אונטער דערדאָזיקער פראַזע ליגט א שעדלעכע, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פּאָליטישע פּראָגראַמ, וועלכע איז פונ לענינענ שוינ לאַנג אויפגעדעקט געוואָרנ אונ וועמעס פּאָליטישנ אינהאַלט דער כ. סטאַלינ האָט אזוי אויסשעפּנדיק באַוויזנ אינ די פּילצאָליקע ארויסטרעטונגענ קעגנ טראָצקיזמ. אינ פיל פּארטיי־דאָקומענטנ איז פארצייכנט די פּאָלי־

טישע קוואַליפיקאַציע פונעם טראָצקיזם. אָבער וועגן די קאַמיוגיסטקע וואָליע דער־קלערט אין ראַבינס בוך איר באַציִונג צום טראָצקיזם, זאָגט זי: „מיך וועסטו מיט שיינע ווערטער ניט נעמען״ (ז. 65); דער פאַבריק־דירעקטער סטערלינג זאָגט וועגן די אָפּאָזיציאָנערן: „מענטשן האָבן ליב קיַיען די צונג״ (ז. 63); בוזי, אָנפירער פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, זאָגט: „מיר קומט אַלץ מער אָפּן זינען, אַז טראָצקי איז עפּשער גאָרניט קיין פּאָליטיקער, נאָר אַ זשורנאַליסט״ (ז. 80). עמעס, דערביַי ווערט גלייַך געזאָגט וועגן טראָצקיזם, אַז „דאָס איז פּאָליטיק, וואָס פאַרפירט״. אָבער דאָ מוז מען זיַין גענוג פּינקטלעך, קעדיי אויסמיַידן יעדן מאָמענט פון פאַרקלענערן די פּאָליטיש שעדלעכע באַדיַיטונג פון טראָצקיזם. דער פאַרט־אַקטיוו, אגעוו, האָט אין יענער צייַט, וועגן וועלכן עס רעדט דער ביכל, געוווּסט ריכטיק ווי צו שאַצן טראָצקען אַלס ק ע ג נ ע ר פון לעניניזם און ניט סטאַם אַלס זשורנאַליסט.

עס איז אויך ניט ריכטיק און קלינגט ווי אַ לאַפּסוס אינעם גאַנצן קאָנטעקסט פון בוך דער אָרט (ז. 68), וווּ עס ווערט דערציילט וועגן דער „טעטיקייַט״ פון די טראָצקיסטן, אַז „מע האָט אַראָפּגעריסן פּאָרטרעטן, זינאָוויעוון האָט מען אין ערגעץ פאַ־רוקט, סטאַלינען פאַרדעקט, אַ גאַנצע טוץ טראָצקעס האָבן זיי געבראַכט״. זינאָוויעוו איז געווען אין טראָצקיסטישן אָפּאָזיציאָנעלן בלאָק, און די פּאַרטיי איז ניט פאַרינטערעסירט צו פאַרשטעלן אים הינטער כ. סטאַלינס פּלייצעס... דאָס באַוויַיזט אַן איבעריקן מאָל, מיט וואָס פאַר אַ גענויקייַט מע מוז צוגיין צו אַלע פראַגן, וואָס באַרירן דעם לעבן פון אונדזער פאַרטיי.

דערצו מוז מען צוגעבן, אַז ראַבין האָט ניט גענוג באַארבעט דידאַקטיק זיַיט פון דער טעמע, וועלכע מוז זיַין אין צענטער, אָבער צו וועלכער ראַבין האָט צוגע־צייגן ניט גענוג מאַטעריאַל.

3

נאָך איינע וויכטיקסטע עלעמענט אינעם דאָזיקן בוך מוז מען באַרירן. דאָס איז—זיַין צייכענען די אינדיווידועלע איבערלעבונגען פון דעם העלד און די שטייגער־באַציונגען.

צי דאַרף מען אופדעקן דעם קלאַסן־מענטשן און וויַיזן אים אין זיַין גאַנצער רייַכקייַט פון עמאָציעס, שטרעבונגען א.ד.גל.? געוויס איז דאָס נייטיק. אָבער דאָס קען ניט זיַין קיין זעלבסטציליקע זאַך, אַ זאַך בלויז פון אָנהאָרבען וואָס מערער אַזאַ מאַטעריאַל. דער ארבעטער איז אַ מיטגליד פון זיַין קלאַס, און זיַינע אַלע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען, זיַין פּסיכישער צושטאַנד, דאַרפן געגומען ווערן אין די קלאַסן־פאַרבינדונגען, ווען ניט באַקומט זיך אַ פיגור, ארויסגעריסן מיט גוואַלד פון דער קלאַסן־סוויווע. ראַבין האָט אין „בוזי דוביג״ געשטרעבט ריכטיק געבן פּולבלוטיקע מענטשן. ער האָט דאָס געשטרעבט דערגרייכן סיַי דורך ריכטיקער סאָציאַלער מאָטיווירונג פון זיַינע העלדן—וועגן דעם האָבן מיר אויבן גערעדט—סיַי דורך גענויער צייכענונג פונעם אויסערלעכן אויסזען פון די מענטשן, אַזוי אויך פון זייער האַנדלונג, שפּירונג און שטרעבונג אין די ש ט ו ב י ק ע באַדינגונגען און אינעם שטייגער־לעבן. וואָס שייַך שטייגער און פּסיכאָלאָגיע האָט ראַבין אָפּט איבערגעזאָלצן און, אַזוי אַרום, איבערגעבויגן דעם שטעקן, צוליב אַזעלכע „אָפּוויי־כונגען״ פאַר ביִאָגראַפיעס, געשיכטעס און סצענעס פון זיַינע העלדן, באַלעסטיקט

אָפּט ראבינ די דערציילונג מיט מאטעריאל, וואָס איז ניט בארעכטיקט אינ דעמ גאנצנ געוועב. אזוי איז מיט די „אָפּווייכונגענ" צו דער ווײַטער געשיכטע פונ בוזי דובינ, די מײַסע מיט דעמ אלטנ עקספּלואטאטער קויפמאנ, די באשרײַבונג פונ אָנגעשטעלטנ פּײַנ, די איבערגעלאָדנקײַט מיט פּערזענלעכע ראָמאנ־עלעמענטנ, וואָס האָבנ קיינ שומ שײַכעס ניט צומ גאנג פונ דער דערציילונג. דאָס, וואָס ראבינ האָט גערעכנט אויסנוצנ אלס דערגאנצונג צו דער קינסטלערישער רעליעפקײַט אונ סאָציִאלער געזאפּטקײַט פונ דער דערציילונג, האָט אָפּט קעגנ זײַנ ווילנ אָפּגעשפּילט א צולאָכעסדיקע ראָל. ראבינ האָט געוואָלט דורכ פּערזענלעכער דראמע (בוזי דובינס באציִונג צו זײַנ כאווערטע ביילקע) אונדז ארײַנפירנ אינ די אינטימע ווינקלעכ פונ דובינס פּערזענלעכע איבערלעבונגענ. אָבער באקומענ האָט זיכ, אז עס איז דורכ דעמ מערניט אָפּגעצויגנ געוואָרנ סײַ דעמ שרײַבערס, סײַ דעמ לעזערס אויפמערקזאמקײַט אָנ דער זײַט פונ די סאָציִאלע פּראָבלעמענ, וואָס זײַנענ דאָ אינ ג״וכ.

די שטייגער־מאָמענטנ זײַנענ אינ „בוזי דובינ" אינ גרעסטנ טייל בארעכטיקט באמ נעגאטיוונ טיפּאזש. מענדל ריווינ איז פולקאָמ אײַנגעפּאסט אינ זײַנ שטייגער־סוויווע. דער שטריכ, לעמאָשל, פונ זײַנ טראגעדיע מיטנ זונ, וועלכער אנטלויפט פונ אימ אונ וויל ניט זײַנ מיט א טאטנ א מענשעוויק, מאכט פעטער די ליניעס, וואָס צייכענענ ריווינענ, ווי אזא, וואָס שטעלט זיכ אנטקעגנ דער סאָוועטישער לעבנס־קאָלייע. דער שטייגער אונ דער פּסיכאָלאָגיזירנ ווערט דאָ געזאפּט מיט סאָציִאלנ אינהאלט, ער פארטיפט טאקע ריווינס קלאסנ־כאראקטעריסטיק. אָבער אינ א פארקערטער לאגע געפינט זיכ ראבינ, ווענ ער נעמט צייכענענ אומבאשטימטע, דערדריקטע שפּירונגענ בא בוזי דובינ אינ צוזאמענהאנג מיט מאנ־אונ־ווײַב־באציִונגענ. פארוואָס איז אינ דידאָזיקע פראגמענטנ אזא געפּרעסטע שטימונג, אזא צעווייכטקײַט? ניט שוינ איז ריכטיק, ווענ מיר ווענ מיר ווענ מיר וועלנ דעמ גוטנ קאָמוניסט ווײַזנ ווי א מענטש מיט א ווילנ בלויז בא דער ארבעט אונ פונקט פארקערט אימ אָפּמאָלנ אינדערהיימ? דאָס וועט זײַנ ניט ריכטיק, ניט טיפּיש. דאָס וועט הייסנ ארײַנשלאָגנ א קלינ צווישנ דער וועלט פונ דענקענ אונ טעטיקײַט מיט דער וועלט פונ שפּירונגענ, עמאָציעס, א.ד.ג. קאנאָניזירנ אזא אײַנרײַס, וואָס קענ האָבנ אנ אָרט אינעמ לעבנ, בארעכטיקנ עס, טיפּיזירנ עס, איז ניט ריכטיק. אפ וויפל ראבינ האָט דידאָזיקע מאָמענטנ געלאָזנ עטוואָס פארשלייערנ מיט פארבאָרגנקײַט, עטוואָס אָפּשיידנ עס פונעמ גאנצנ רעוואָליוציע־פּראָצעס אינ דער סאָוועטישער, פּראָלעטארישער פארטייִשער אומגעבונג, האָט ער ניט באוויזנ וויאזוי דער קאָמוניסט גייט פאָרויס אינ איבערבויענ דעמ שטייגער, נאָר פארקערט — געלאָזנ אָרט צו אויסטײַטשנ, אז וואָס שײַעכ שטייגער, געשלעכט, פּסיכיק, איז עס ניט גענוג קאָמוניסטיש־באווירקט, איז עס ניט אָפּגעעפנט פאר די רעוואָליוציִאָניזירנדיקע פּראָצעסנ פונ דעמ רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד אונ ביכלאל פּראָלעטארישער רעוואָליוציע. דעריבער פאלנ ארויס דידאָזיקע ערטער פונעמ גאנצנ צילגעווענדעטנ דראנג אינ ביכל, אונ דאָס אָרט פונ דראנג פארנעמט אינ דידאָזיקע ערטער א באשטימטע נאָגעניש אונ אומבאוווסטע געפלהאפטיקײַט.

אזא צוגאנג צו שטייגער אונ געשלעכט־באציִונגענ האָט געבראכט דערצו, אז בא ראבינענ ווערנ די גוטע קאָמוניסטנ בוזי אונ ביילקע צעצווייט — מיר זעענ זיי

אקטיווע און ווילנקרעפטיקע בא דער ארבעט, אין פארטיי־לעבן, אָבער אויסער דער פאבריק און פארטיי־לעבן זײַנען זיי צעווייכט, דעזאָריענטירט. דאָס באווײַזט, אז ראבינ האָט זיך נאָך ניט באפרײַט פון באשטימטע נאָכווייענישן פון דעם אונדז פרעמדן „פסיכאָלאָגיזמ״.

אין דעם זין איז נאָך ראבינ ניט ארויס פון דער קייט געפארן, וואָס שטייען פאר אים באמ פארטיפן זיך אין די אינדיווידועלע פסיכישע קאָמפלעקסן פון זײַנע העלדן. ער פארכאפט זיך אָפט דערמיט ווי מיט זאכן אן און פאר זיך און לאָזט ניט קיין דערפולטע די סאָציאַלע סכעמע, וועלכע פאָדערט ניט קיין סטאמ פסי־כישע אינדיווידואליזאציע פון איקס און איגרעק, נאָר אן אָרגאנישע געבונדנקײַט פון אינדיווידועלער פסיכיק מיט קלאסן־פסיכיק, און דעם שליסל דערצו גיט זיך ראבינען ניט שטענדיק אײַנ צו געפינען.

איבעריקע „פסיכאָלאָגיזאציע״ לאָזט זיך אויך פילן אין אײַנשטעלן די באציִונ־גען צווישן בוזי דובינ און זײַנ כאווער וועלוול ווייץ. „אפ דער שנײַדער־פאבריק „דריטער אינטערנאציאָנאל״ איז, אייגנטלעך, ניט איינ מענטש אָנגעקומען, נאָר צוויי: בוזי דובינ און וועלוול ווייץ, ס׳איז שוינ אָבער אזא טעווע געווען בא מענטשן: פוןביידן דערזעט מען נאָר דובינען, דעם צווייטן נעמט מען אָן ווי א זײַטיקן״ (ז. 14). אינ אזא שניט מאָלט טאקע ראבינ ווײַטער די צוויי כאוויירימ־קאָמוניסטן. דובינ איז אקטיוו, אויסגעטיילט, וועלוול ווייצ איז זײַנ, דובינס, לירישער שאָטן, זײַנ אידיישער וואפנ־טרעגער. א מינ סאנטשאָ־פאנטשאָ באקומט ז״כ, ניט גיעקוקט אפ דעם, וואָס וועלוול ווייצ איז אינ קאָנטעקסט פון בוכ בארופנ שפילנ א וויכטיקע אקטיווע ראָל — ער איז דאָכ דער „אגיטפראָפ״. אָבער די איבעריקע פסיכאָלאָגיזאציע, די „פסיכאָלאָגישע״ אויבער־פראָבלעמ האָט דאָ אראָפגעזעצט די סאָציאַלע באדײַטונג — וועלוולס קאָמוניסטישע ראָל. ראבינ נעמט אנ „אָריגינעלע״ סיטואציע פאר זײַנע העלדן, אָבער זי איז אינגאנצנ ניט קיינ ריכטיקע פאר די פאבריק־באדינגונגען, זי ווידערשפרעכט ראבינס ווײַטערדיקע קאפיטלעכ, אינ וועלכע וועלוול ווייצ ווערט געוויזנ, ווי דער אָרגאניזאטער פון די ארבעטער צום ערשטנ מײַ א.א.וו. אינ דער פראָלעטארישער און קאָמוניסטישער סוויווע ווערט ניט פארשאָטנט די פערזענ־לעכקײַט פון איינעמ מיט דער „שטארקער״ פיגור פון דעמ צווייטנ — דאָ ווערט יעדערנ אָפגעגעבנ זײַנ אָרט אינ דער פראקטיק פון דעמ קלאס־קאָלעקטיוו. בא ראבינען איז עס ערטערווײַז, בייסנ טראקטירנ די צוויי טיפנ בוזי־וועלוול ארויס־געקומען מיטנ קאָפּ אראָפּ.

צום זעלבנ טיפ געהערט דער ביאָלאָגיסטישער פעלער, וואָס איז דאָ אינ בוכ, און וועלכער בילדעט די לינקע זײַט פון דעם זעלבנ מינ „פסיכאָלאָגיזירנ״. ראבינ שטעקט אָנ דעמזעלבנ וועלוול ווייצ מיט „לײַב־ראָמאנטיק״, און אלצ טאקע צוליב אונטערשטרײַכנ די קרעפטיקײַט פון בוזי דובינ און די צווייטראנגיקײַט פון וועלוול ווייצ. וועלוו ווייצ טײַנעט אזוי: צו בוזי דובינ.

„— ווענ ניט דו, וואָלט זיך א האנט ניט באוועגט. בינ איך מיט דיר צוזאמענ, פיל איך זיך זיכערער. איך ווייס... אפנ לעצטנ פאל, ווערסטו דערלאנגען. דיך וועט מען ניט כאפנ פאר דער גאָז.

— „ניין, בוזי דיך האלט מען אין קאַמף פאַר א גלײַכן. מיך וויל מען אָנעמען חי א שמאטקע און אָפּשלײַדערן. שטענדיק נאָך אזא צופאַל קען איך א גאנצע נאכט ניט אײַנשלאָפן, איך וויל דאן מיטן גאנצן קערפער זיך א הייב טאָן, א וואקס טאָן, קריגן א פּאָר פּעסטע הענט. עך, וואָלט איך דאן עמיצן, וואָס קריכט, א ריס געטאָן פאַר דער האנט, ער זאָל דערפילן וואָס ער האָט צו טאָן.

— „מיינסטו נאָר צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון, פּאַרוואָס... און געזעלשאַפטלעכע? א שעדיקער, א קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, איידער נאָך וואָס ווען, דערווײַל גיסטו אָפּ אים א טיוּקע, כאַפּסט אים פאַרן קאָלנער און פּירסט אים וווהין מען דאַרף... ניט מיין... איך ווייס... אין פאַרגלײַך מיט אונדזער גרויסן קאַמף איז עס גאָרניט, נאָר דאָס פאַרנעמט אויך אן אָרט" (ז. 20־21)

ראבין אליין פילט אין אנדערע ערטער, אז די גאַנצע טעאָריע וועגן „שטאַרקע הענט" איז פאַר וועלוול ווייץ ניט בארעכטיקט, וואָרעם ער האָט דאָך דעם געווער פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם — ווען ניט וואָלט אים ראבין בעשום־אופן ניט געקענט שטעלן צווישן די פּאָזיטיווע קאָמוניסטן — און פונדעסטוועגן לייגט אים ראבין אין מויל אָרײַן רייד וועגן „קולט פון לײַב". עס איז דאָ אינגאנצן ניט בארעכטיקט. דאָס קומט צו ראבי׳ן צוליב א באשטימטער צוגעשמידקײַט צו דאָס נאטוראליסטישע, איינצלנע, וואָס פאַרשאַטנט פאַר אים אין באזונדערע פאַלן דאָס קלאַסאָוועכאַראַקטעריסטישע.

מיר וואַרפן ניט אָפּ לײַביקײַט, געזונט, פיזישע קולטור, — פאַרקערט. אָבער די „ביאָלאָגיע", די „רויקראַפט" דאַרף אײַנגעשלאָסן ווערן אין דער געזעלשאַפטלעכער פּראַקטיק פונעם קלאַס, דאַרף אונטערגעאָרדנט ווערן די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן. עס איז לעכערלעך, ווען וועלוול ווייץ דערקלערט, אז די מאָמענטן, באַ וועלכע ער שטרעבט אמבוילעטסטן צום סאָציאַליזם, ווען ער גאַרט באזונדערס נאָך קאָמוניזם, זײַנען עס יענע, ווען ער פילט זײַן פיזישע נישטיקײַט. „אַ געזונטן מענטשן, אז מע זאָגט: ביסט א טויגעניכטס, לאַכט ער זיך אויס, א טויגעניכטס אז מע זאָגט עס — פאַרדריסט אים, און הערסט, ווערסט עפּשער לאַכן, אָבער אזוי איז עס. אין אזעלכע מאָמענטן שטרעב איך אזוי נאָך סאָציאליזם, נאָך קאָמוניזם. איך וויל ווערן אָפּ אַלע פונקטן גלײַך מיט אַלעמען" (ז. 20) עס איז ניט טיפּיש אזא אַרט דענקען פון א קאָמוניסט. די קאָנקרעטע פּראַקטיק פון אונדזער סאָציאַליסטישן לעבן ווײַזט, אז „אויסגלײַכן זיך אָפּ אַלע פונקטן", הייסט ניט בלויז זיך דערשלאָגן „א פּאָר פעסטע הענט" און אזוי ארום ווערן אויס טויגעניכטס. עס איז אויך לעכערלעך, און לייגט זיך ניט אַרײַן אין ראבינס ראַמען, די עטיש־שטייגערישע דעזאָריענטירטקײַט פון דער פּאָזיטיווער דובין־פיגור. מיר האָבן שוין וועגן דעם אויבן גערעדט.

4

אָבער מע דאַרף אָנווײַזן, אז ראבין מאכט אין דעמזעלבן בוך א דריי פּרוּוון פון זעלבסטקריטיק און איבערבאַוואָפּענונג אין דידאַקטיקע פראַגן.

אָט, לעמאָשל, פּרוּווט גראָד ראבין דורך זײַן וועלוול ווייץ באַנעמען די ביאָלאָגישע פּראָבלעם אלס אַן עלעמענט פונעם סאָציאַלן לעבן. וועלוול ווייץ זאָגט דאָך: „מיינסט נאָר צוליב פּערזענלעכע מאָטיוון. פּאַרוואָס... און געזעלשאַפטלעכע". אָבער דאָ האָט זיך דעם שרײַבער ניט אײַנגעגעבן אויסדריקלעך צו „פאַרגעזעלשאַפטלעכן"

די „לײַביקײַט". װעלװל װײַץ קומט ניט צו קײן ריכטיקן אױספיר. דער לױב־ראָמאַנטיזם װערט ניט אױפגעריסן. געלונגענער איז ראַבינס קאַמף מיט ראָמאַנטיזם אונטערגעשטראָכן אין דעם בריװ צו בײלקען, װוּ ער זאָגט;

„װעסט ניט זײַן צופרידן. איך װײס. װעסט זאָגן: װי איז עפּעס... אַזױנס... קורץ: ראָמאַנטיק. און דאָ איז אַ פּראָסטער נאַטוראַליזם. טײַערינקע, װי איז דאָרט געשריבן: עס װוּנדערט זיך, װי מע לײענט דעם בריװ" (ז. 14).

דאָס קלינגט ריכטיק אין דעם רעאַליסטישן קאָנטעקסט פון דעם גאַנצן בריװ בוזיס צו בײלקען, װעלכער רעדט װעגן אַ רעװאָלוציאָנערן עפּיזאָד, און איז אין זײַן טאָן אינדערעמעסן געלאָדן מיט ג ע ז ו נ ט ע ר בענקעניש נאָך רעװאָלוציע.

אין דעמזעלבן גײַסט צערעכנט זיך ראַבין שױן מיט לײַביקײַט־ראָמאַנטיזם כאָטש אומדירעקט אין דעם פאָלגנדיקן זאַץ:

„אַנדרײקע,—האָט געזאָגט װאַליע צו לימאַנאָװונ—שעמט זיך. װײַל אױב פּאַטשן, קאָן מען נאָך בעסער װי דו. פּאָליטישע פּעטש זײַנען ערגער" (ז. 77).

דאָ װערט אױפגעריסן דער „אַלמעכטיקער" „איבערנאַטירלעכער" קױעך פון לײַביקײַט, אין װעלכן עס גלױבט אַזױ װעלװל װײַץ און װעלכן ער איז אַרױסגעקומען דעפעקטיװ. אױב װאַליע פאַרשטײט די אױבערהאַנט פון פּאָליטיק איבער רױער קראַפט, איז עס אַװאַדע פאַרשטענדלעך פאַר דעם דיאַלעקטיקער און סינטעטיקער װײַץ. דאָ גיט זיך אײַן ראַבינען אױפרײַסן „אױסער־קלאַסאָװע" ראָמאַנטיק, עקזאָטישע גאַרונג—דאָס, װאָס ער דאַרף טאַקע גיװער זײַן אָפּן גרונט פון אײניקע איבערפלײצונגען, װאָס קומען פון סטיכישע עלעמענטן, אינעם זעלבן בוך.

עס איז פאַראַן אינעם בוך „בוזי־דוביני" דער סימפּטאָם, אַז ראַבין זעט שױן די געפאַרן, פאַר װעלכע ער שטײט און אַז ער מאַכט טריט פון זעלבסטקריטיק אין די שװאַכע זײַטן פון זײַן שעפערישן מעטאָד. דערמיט איז אים געלונגען אין אַ געװיסער מאָס פאַרבראָנירן די פאַרטײיש־געזאַפּטע קאַפּיטלעך פונעם בוך פון אַ צו קענטיקן דרוק פון דידאָזיקע איבערפלײצונגען.

★

אין זיקאָרן פונעם לײענער, פאַר זײַנע אױגן, בלײַבט שטײן נאָכן איבערלײענען „בוזי דוביני", דער קאַמף אָפּן בױונג־פראָנט און דער קאַמף פאַר דער רײנקײַט פון די לעניניסטישע פּרינציפּן, װעלכע װערט געשילדערט אינעם בוך. דאָס בלײַבט דער צענטער. אַהער זײַנען קאָנצענטרירט די לײַדנשאַפטן פונעם שרײַבער. דאָ באַװײַזט ראַבין קריגערישקײַט. די קעגנער שלאָגט ער מיט פּאַמפלעט און סאַרקאַזם, מיט גיפטיקע פײַלן פון שטעכיקן װאָרט, מיט שנײַדיקער כאַראַקטעריסטיק; פאַר די אײגענע, פאַר קאָמוניסטן און אַרבעטער־בױער, האָט ראַבין לירישע װאַרעמקײַט, ליבע, ער באַטײלט זײ מיט אַ גרױסער מאָס האָפערדיקײַט, לעבנלוסטיקײַט, ער גיט זײ װי קאָלעקטיװיסטן, װי אײגענע אינעם אַרבעטער־אַרום. בוזי דוביני קומט נאָר װאָס אָפּן פאַבריק, פונדעסטװעגן איז ער שױן פון דער ערשטער מינוט אַן אײגענער מענטש, אַ גוטער ברודער, ער פירט שױן אַ פאַרזאַמלונג, און עס באַװונדערט אונדז

גאָרניט, וואָס שווינג פֿון דער ערשטער מינוט אָן איז ער דאָ אפֿן פֿאבריק געוואָרן א גאנצער באַלעבאָס, ווײַל ראבינ ווײַזט אימ ווי אזא, וואָס קומט ניט פֿון אויסן. אזוי דארפֿ געשילדערט ווערן א גוטער קאָמוניסט.

באזונדערס דארפֿ מען אונטערשטרײַכן, אז ראבינען האָט זיך אײַנגעגעבן אינ גרונט ריכטיק צו שילדערנ די ראָל פֿון קאָמיוג אפֿן פֿאבריק. דער קאָמיוג פֿארנעמט אינ ביכל, עמעס, ניט קיינ באַדײַטנדיקנ אָרט. אָבער דאָרטנ ווו דער קאָמיוג איז געוויזנ, זעענ מיר אימ ניט פֿארקריפּלט. די קאָמיוגישע אָרגאניזאציע פֿירט א שארפֿנ קאמפֿ מיטנ טראָצקיזמ, ראבינ ווײַזט, אז דאָס ווערט געטאָנ אונטער דער אָנפֿירונג פֿונ דער פּארטיי־אָרגאניזאציע.

ראבינ האָט אויסגעמיטנ די געפֿאר פֿונ אָפּטויטנ אינ די קאָמוניסטנ זייער פּער־זענלעכנ לעבנ, מאכנ פֿונ זיי אסקעטישע קאריקאטורנ. מיר האָבנ געזענ, אז ער האָט זיך ערטערווײַז אָפּגענויגט אינ דער צווייטער זײַט, אָבער קעגנ דער געפֿאר פֿונ סכעמאטיזמ אינ שילדערנ דעמ באָלשעוויק האָט ער מיט זײַנ ביכל געגעבנ אונדז א געווער אינ האנט. בוזי דובינען, לעמאָשל, ווײַזט ער דעריקער אפֿנ פֿאבריק, ווײַזט אימ אָבער אויכ בא א כאווערישער ליאמע, פֿירט אונדז ארײַנ אינ זײַנ היימישנ שטיי־גער, פֿלעכט עס אלץ היפּש צונויפֿ מיט דער פֿאבריק־ארבעט, פּארטיי־לעבנ, א.א.וו.

מע קענ דעריבער מיט רעכט רעזיומירנ: ראבינ האָט מיט זײַנ „בוזי דובינ" אונדז געוויזנ, ווי די פּראָלעטארישע ליטעראַטור, ניט געקוקט אפֿ באשטימטע פֿעלערנ אונ גאָר ניט אויסגעלעבטע עלעמענטנ פֿונ פֿרעמדע ווירקונגען, מאכט פֿעסטע שריט אפֿנ וועג פֿונ באָלשעוויסטישער פּארטייִשקײַט, זיך אײַנשליסנדיק אינ קאמפֿ פֿאר דער גענעראלער פּארטיי־ליניע אונ פֿארנ סאָציאליסטישנ מענטשנ.

מארט 1932.

א פרוּוו צו קינסטלעריש דעמאסקירנ דעם יידישנ שאָוויניזמ.

ה. אָרלאנד „אגלאָמעראט“, ראָמאנ. זשורנאל „די רויטע וועלט“, נ. 3—4, 1932 י.

דער נומער „רויטע וועלט“, וועגנ וועלכנ עס גייט דאָ א רייד, האָט אינ זײַנ בעלעטריסטישנ טייל א גרויסנ אונדזעריקנ פראָלעטארישנ אָנלאָד אונ אופרײַס־מאטעריאל—א מײַלע, וואָס לויט איר דארפ מענ סאָפקאָלסאָפ מישפעטנ וועגנ דעם ווערט פונ א זשורנאל. עס ווילט זיכ פארנ צוטרעטנ דירעקט צו דער טעמע דאָס באצײַכענענ אונ דערמאָנענ דערבײַ לענינס ווערטער:

„א גרויסער כוידעשלעכער זשורנאל מיט אָפטיילנ פאר „פאָליטיק, וויסנשאפט, געשיכטע, געזעלשאפט־לעבנ“... אזא זשורנאל דארפ דאָכ אָדער האָבנ א פולקאָמ באשטימטע, ערנסטע, אויסגעהאלטענע ריכטונג, אָדער ער דארפ אומפארמײַדלעכ פארשעמענ זיכ אונ פארשעמענ זײַנע אָנטיילנעמער, א זשורנאל אָנ א ריכטונג—דאָס איז א זאכ א לעפישע, אנ אומגעלומפערטע, א סקאנדאליעזע אונ שעדלעכע“.

דידאָזיקע ווערטער ציטיר איכ גראָד פונ דעמזעלבנ נומער „רויטע וועלט“ (ארטיקל פונ כ' קירפאָטינ). דאָ איז פיקסירט לענינס פאָדערונג אפ א קלאָרער, אויסגעהאלטענער ריכטונג פונ א זשורנאל—לענינ האָט געפאָדערט די ליטעראטור זאָל זײַנ פארטייִש.

די קינסטלערישע ווערק, וואָס זײַנענ געדרוקט אינ דעמ נומער 3—4 „רויטע וועלט“, זײַנענ אידעאָלאָגיש אונ קינסטלעריש בלוטפול. ה. קישס אָטשערק „אינ הײַנטיקנ דײַטשלאנד“, וועלכער שילדערט די גרויזאמע בילדער פונעמ דאָזיקנ בורזשואזנ לאנד, איז א באשולדיקונג־אקט דער בורזשואזיע אונ אירע סאָציאל־פאשיסטישע באהעלפער. כ' גילדינס אויסצוגנ פונ דער פאָעמע „דנעפרבוי“, ברויזנ מיט ענטוזיאזמ פונ אונדזער סאָציאליסטישער בויונג, גיבנ שטארקע בילדער, קלינגענ פריש אונ זאָגנ צו א באדײַטנדיקנ ווערק. אפ וואָס מיר ווילנ זיכ אָפשטעלנ גענויער איז עס—אפ ה. אָרלאנדס אָנהייב פונ ראָמאנ „אגלאָמעראט“.

1

ה. אָרלאַנד האָט זיכ שוינ לאַנג ניט געלאָזט הערנ. נאָכנ בוכ „הרעבליעס“ איז פונ אונטער זײַנ פעג גאָרניט ארויס, כוצ א דראמאטיזאציע פונ דעמזעלבנ ווערק.

ארום די „הרעבליעס“ האָט מענ היפש דיסקוטירט. עס איז געווענ *איינ* מיינונג, אז דערדאָזיקער בוכ, בא אלע זײַנע פעלערנ, באווײַזט וויאזוי אָרלאַנד גייט אפנ וועג צו באהערשנ דעמ ריכטיקנ מעטאָד, וואָס זאָל אימ געבנ די מעגלעכקײַט שאפנ פראָלעטארישע ווערק. שרײַבנדיק וועגנ דאָזיקנ בוכ אינ מײַנ ארטיקל „סאָציאליסטישע רעזערוונ“, האָב איכ אויסגעפירט, אז דורכ „הרעבליעס“ דערנעענטערט זיכ אָרלאַנד צו דער פראָלעטארישער ליטעראטור. דער כ׳ בראָנשטיינ האָט אָפגעדרוקט זײַנ ארטיקל: „קעגנ דער ליימענער פיפקע, קעגנ קראָנ-קריגעלעכ“, ווו ער האָט געגעבנ אנ אנדער אײַנשטעלונג. אינ דעמ ארטיקל איז דער כ׳ בראָנשטיינ באגאנגענ א פעלער: ער איז צוגעגאנגענ צו אָרלאַנדנ ניט מיט דער מאָס, וועלכע מע האָט באדארפט אינדערעמעס באנוצנ. דער כ׳ בראָנשטיינ איז אזוי צוגעגאנגענ: אָרלאַנד האָט געגעבנ א גוטנ בוכ פונ שטאנדפונקט פונ פאָרמ, פונ טעכניק, אָבער אינהאלטלעכ איז „הרעבליעס“ אנ אויסדרוק פונ ראָמאנטיזמ. דערוויזנ האָט עס דער כ׳ בראָנשטיינ דאווקע אפ פאָרמעלע מאָמענטנ. איכ האָב דאָ ניט בעדייע זיכ פארנעמענ מיט א דעטאלער קריטיק פונ כ׳ בראָנשטיינס דאָזיקנ ארטיקל, דעריבער וועל איכ ניט ארײַנטרעטנ אינ א גענויער דיסקוסיע וועגנ כ׳ בראָנשטיינס ארגומענטאציע, וועגנ זײַנע געדאנקענ איבער רײַפע אונ יונגע סטילנ, וואָס ער אנטוויקלט דערבײַ. איכ רייד וועגנ דעמ „אורשפרינגלעכנ“ פעלער באמ כ׳ בראָנשטיינ אינ אָפשאצנ אָרלאַנדנ, פונ וואנענ עס שטאמענ שוינ אלע אנדערע אייגנשאפטנ: דאָס איז, וואָס בראָנשטיינ שטעלט אפנ קאָפ די גאנצע פראָבלעמ.

די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואָס אָרלאַנדס בוכ „הרעבליעס“, איינע פונ די ערשטע ווערק אינ דער יידישער ליטעראטור פונ פסס״ר איבער די פראָבלעמענ פונ סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע, א ווערק, וואָס האָט רעליעפע שטריכנ פונ אָנשטרענגונג צו באנעמענ אונ אנטפלעקנ אונדזער רעוואָליוציאָנערעווירקלעכקײַט, האָט ניט געקענט אויפקומענ בא א שרײַבער אָנ דעמ, אז ער זאָל זיכ אוועקשטעלנ אינ די רייענ פונ דער אינטעליגענצ, וואָס הייבט אָנ דינענ מיט איר טעטיקײַט דעמ פראָלעטאריאט, וועלכער בויט סאָציאליזמ. אונ דאָס האָט מענ באדארפט קאָנסטאטירנ אונ אלעמערשט *אונטערשטרײַכנ*; אונטערשטרײַכנ, ערשטנס, דערפאר, ווײַל דאָס וואָלט אונדז געוויזנ דעמ *פירנדיקנ מאָמענט* אינ דער אנטוויקלונג פונ אָרלאַנד דעמ שרײַבער; צווייטנס — קעדיי צו שטויסנ אָרלאַנדנ צו א העכערנ עטאפ אפנ דאָזיקנ וועג, אנ עטאפ, וואָס זאָל אימ באפרײַענ פונ יעטווידע פרעמד-קלאסאָווע טראדיציעס אונ רעשטנ. ענדלעכ דריטנס — צוליב די אינטערעסנ פונ דערציִענ די מיטלויפער, פונ אויסקלאָרנ די פערספעקטיוו פאר א ברייטערנ שיכט שרײַבער, וועמעס שאפנ עס פאלט צונויפ מיט אָרלאַנדס, אָדער איז נאָענט דערצו.

צו באדײַט אזא *ארויסרוקנ* די מײַלעס פונ בוכ „הרעבליעס“ א וועלכע עס איז אמניסטיע פונ די פעלערנ? בעשום אופנ ניט. געוויס זײַנענ אינ אָרלאַנדס יענעמ בוכ פאראנ עלעמענטנ פונ קאָנסערוואטיוונ ראָמאנטיזמ, גאָר שטארק אויסגע-

דריקטע; אין „הרעבליעס" איז נאָך ניט אנטפּלעקט דעם שרײַבערס ריכטיקער פּאר־שטײן פונם פּראָלעטאריאַטס ראָל, פון דער ראָל פון פּארטײ, פון דעם קלאסנ־קאמף אין לאנד, פון דער קלאסנ־גלידערונג אין דער נאציע. דאָס טאָר ניט פּארטושירט ווערן, אָבער דאָס טאָר אויך ניט היפּערטראָפירט און איבער־געטריבנ ווערנ דאן, ווענ דער שרײַבער גייט פונ פאלשע קאָנצעפּציעס צו א נײַער וועלט־אָנשוױנג, ווענ ער מאכט טריט זיך צו שטעלנ פעסט אינעם לאגער פונם פּראָלעטאריאַט.

טעאָרעטישע האנאָכעס, ארויסזאָגונגען, פּאָרויסזוױנגענ ווערנ שטענדיק אויסגע־פּרוווט אינעם פּ״אנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער פּראקטיק, די פּראקטיק איז דער בעס־טער „קאָנטראָליאָר" פונ דער ריכטיקײַט אָדער פאלשקײַט פונ דעם אָדער יענעם געדאנק. און אָט איז אָרלאנד געקומענ מיט א נײַ ווערק, וואָס אינ אים דארפ מענ זוכנ די ווײַטערדיקע טענדענצנ פונ אָרלאנדס אנטוויקלונג.

דידאָזיקע ווערק באשטעטיקט, אז אָרלאנד הייבט זיך אופ אפ א נײַער שטופע אינ זײַנ שאפנ און באפרײַט זיך אלצ מער ארויס פונ בורזשואזע און קלײנבירגערלעכע אײַנפלוסנ. דאָס איז שוינ קלאָר פונ דעם טײל פונם נײַעמ ווערק — מיסטאָמע ניט קײנ גרויסנ טײל, אָבער שוינ גענוג באדײַטנדיקנ, אז מענ זאָל קענענ לויט אים, דעם טײל, פּרוווּנ מישפּעטנ און „פּאָרויסזען" וועגנ אָרלאנדס נײַע טריט.

2

„אגלאָמעראט", אינ די קאפּיטלענ, וואָס זײַנענ אָפּגעדרוקט, באווײַזט דעם אָנטײל פונ ייִדישער שטעטלדיקער האָרעפּאשנער יוגנט אינ דער בויונג פונ דעם קערטשער מע־טאלורגישנ זאוואָד. כאראקטעריסטיש, איז אלזאָ פאר דער געגעבענער דערציילונג, וואָס אָרלאנד שטרעבט באווײַזנ, וויאזוי דער גאנג פונ סאָציאַליסטישער רעקאָנ־סטרוקציע דערלײזט די פראגנ פונ נאציאָנאלער פּאָליטיק אינ דער אומגעבונג פונ די ייִדישע מאסנ; דערבײַ שרײַבט אָרלאנד אפ דערדאָזיקער טעמע ניט בלויז מיטנ ציל צו באווײַזנ דערגרייכונגען, נאָר אויך צו אופדעקנ דעם קאמפ מיטנ קלאסנ־סוינע צו אופרײַסנ דעם נאציאָנאליזם, וועלכע שטרעבט צו האמעווענ די ארבעט און שטערנ די בויונג.

— לאָמיר שוינ אונטערשטרײַכנ: דאָ קומט צו אינ דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראטור פונ פּסס״ר א נײַע וויכטיקע נאָטע פונ א פּרווו צו מער גרינטלעכ דעמאסקירנ דעם ייִדישנ נאציאָנאליזם און ציוישעטנ שאָוויניזם. דערדאָזיקער שטריכ באווײַזט א נײַע העכערע שטופע פונ די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער־קאדרענ, וועלכע שליסנ זיך אײַנ אינ אקטיוונ קאמפ קעגנ ייִדישנ שאָוויניזם. כאָטש מיר האָבנ שוינ בא א רײ שרײַבער, וואָס האָבנ גענומענ אלס טעמע די פּראָדוק־טיוויזאציע פונ די ייִדישע ארבעטנדיקע, געזענ באזונדערס שטריכנ פונ קריטיקירנ און אופדעקנ דעם ייִדישנ שאָוויניזם, איז עס אָבער דאָך נאָך ניט געווענ אזוי בוילעט אויסגעדריקט ווי פאר דער לעצטער צײַט, באזונדערס איז פונ דעם קײנ שפור ניט געווענ אינ אָרלאנדס בוך „הרעבליעס". דער פעלער פונ דער קריטיק

פונ „הרעבליעס״, דערינ אויכ מײַנער, איז באַשטאַנענ אויכ אינ דעמ, וואָס דאָס אָ איז ניט אופגעדעקט געוואָרנ. עלעמענטנ פונ דעמאַסקירנ דעמ יִדישנ נאַצאָפּאָרטוניזמ אינ דער עקאָנאָמישער אַרבעט צווישנ די יִדישע אַרבעטנדיקע זײַנענ דאָ בא סטרעליצנ, אינ דער זאַמלונג „באָלשעוויסטישער פּרילינג״. אָבער די דעמאַסקירונג ווערט דאָ געמאַכט ניט גענוגנדיק און, וואָלט איכ זאָגנ, שעמעוודיק — וואָרעמ א ביכל וועגנ דער יִדישער איבערוואַנדערונג, וואָס נעמט אַנ אָפּשניט צײַט פונ אָנגעשטרענגטנ קלאַסנ־קאַמפּ אינ די שאַרפסטע פאָרמענ בא אונדז אינ לאַנד, א פּעריִאָד, ווענ דער קאַמפּ פאַר דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע און פאַרנ ערשטנ באָלשעוויסטישנ פּרילינג האָט צעבראָכנ די כוטאָרנ־פּאָליטיק אפ די דאָרעמדיקע פעלדנ און אופגעדעקט אינ דער גרעסטער מאָס דעמ אָפּאָרטוניזמ — אזא פּעריִאָד האָט געפאָדערט פונעמ שרײַבער אַרויסצורוקנ און פאָדערגרונט דעמ קאַמפּ מיטנ נאַצאָפּאָרטוניזמ. און בא סטרעליצנ איז בלויז אינ איינ אָרט פאַרבײַגייענדיק דערמאָנט וועגנ דער כוטאָרנ־סיסטעמ, וועלכע עס האָבנ דאָרטנ געוואָלט אײַנוואָרצלענ די יִדישע רעכטע אָפּאָרטוניסטנ און שאָוויניסטנ, עס איז ניט אופגעדעקט דער גאַנצער קנויל קלאַסנ־פרעמדע ווירקונגענ און אָפּאָרטוניסטישע אײַנשטעלונגענ און פאַקטנ.

עס איז זייער אפנ אָרט דאָ צו דערמאָנענ סטרעליצעס ביכל אויכ דערפאַר, ווײַל אָרלאַנד פאַרנעמט זיכ אינ זײַנ ראָמאַנ, וועגנ וועלכנ עס גייט דאָ א רייד, מיט דער צווייטער העלפט, אויב מענ קענ זיכ אַזוי אויסדריקנ, פונ דערזעלבער טעמע. אויב כ׳ סטרעליצ האָט גענומענ דעמ פּרילינג־פּאַרזיי אפ די דאָרעמדיקע איבערוואַנדערישע ערד־שטאָכימ, ד. ה. דעמ מאַטעריאַל פונ דערלייזנ די לענינישע נאַצפּאָליטיק אינ דער אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט אַקטועלסטנ פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכנ מאָמענט אינ לעבנ פונ דאָרפ, האָט אָרלאַנד גענומענ דיזעלבע פּראָבלעמ, ווי זי ווערט דערלייזט אינ די אַנטשיידנדיקע שלאַכטנ פאַר דער אינדוסטריִעלער קאַפּיטאַלער בויונג אינ קערטש, וווהינ עס זײַנענ אויכ געשיקט געוואָרנ אינ אָרדענונג פונ איבערוואַנדערונג היפּש יִדישע אַרבעטנדיקע יוגנטלעכע.

★

אָרלאַנד פירט אַרויס אפנ ערשטנ פּלאַנ א גרופּע יִדישע יוגנטלעכע, וואָס וואַנדערט אַריבער פונ אוקראַיִנישנ שטעטל אַרבעטנ אפ קערטשער זאַוואָד. דאָס זײַנענ אַרבעטער־ייִנגלעכ און האָרעפּאַשניקעס, קאָמיוגיסטנ, יאַטנ מיט קלייִנשטעטלדיקע האַסאָגעס. דעמ וווּקס פונ דידאָזיקע כעוורע באַווײַזט אָרלאַנד אפ דעמ וווּקס פונ זייער נוצלעכקײַט און אַקטיווקײַט אינ דער גרויסער בויונג. דידאָזיקע יוגנטלעכע ווערנ אײַנגעגלידערט אינ דעמ גאַנצנ קאָלעקטיוו אַרבעטער, ווו עס זײַנענ דאָ רוסנ, טאָטערנ און פונ אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטנ. אַרײַנגעפירט זײַנע „העלדנ״, גייט אָרלאַנד איבער שילדערנ די בויונג. און זײַנע טיפּנ ווערנ שוינ מיט דערדאָזיקער בויונג פאַרבונדנ און געשלאָסנ אינעמ קאַמפּ פאַרנ קערטשער זאַוואָד. דעמ קאַמפּ פונ די נאַציִאָנאַליסטישע עלעמענטנ, שעדיקער און קלאַסנ־פײַנט פירט אויכ אָרלאַנד אַרויס פונ די קאַמפנ אַרומ דער בויונג. אינ אזא פּלאַנ פירט אָרלאַנד די דערציילונג.

3

אָרלאַנדן איז געלונגען אין גרונט ריכטיק באַווײַזן די אָנפירנדיקע ראָל פון דער פּאַרטיי אין דער בויונג און די שעפערישע קראַפט פון דער אַרבעטער-מאַסע אונטער דערדאָזיקער אָנפירונג. ווי אַ קינסטלער ווײַס אָרלאַנד, אַז די זאַך איז ניט אין אַ סאַך אָנריידן וועגן פּאַרטיי און פּאַרטיי־אָנפירונג; ער ווייס, אַז מען דאַרף באַווײַזן וויאַזוי די פּאַרטיי פירט אָן און ווי זי ווענדעט די מאַסן אויפן וועג פון שלאָגלערײַ, ענטוזיאַזם און דערפינדערישקײַט. אויב ריידן קוואַנטיטאַטיוו, קען אויסקומען, אַז ווייניק אַכט ווערן אָפּגעגעבן אין דער דערציילונג דעם פּאַרטייאישן טוער אין אָרלאַנדס קאַפּיטלעך, אָבער דאָס איז בלויז אַן אויסערלעכער, ניט באַרעכטיקטער אײַנדרוק, כאָטש דער פּאַרטיי־קאָלעקטיוו, די פּאַרטיי־מאַסע איז נאָך פונדעסטוועגן פולקאָם ניט אַרויסגעפירט. אָרלאַנדן איז אין אַלגעמיין געלונגען צו איבערצײַגן מיטן גאַנג פון דער גאַנצער דערציילונג, אַז, ערשטנס, איז די בויונג און יעדער שריט אין איר אַ זאַך פון דער גענעראַלער פּאַרטיי־ליניע און, צווייטנס, אַז די פּאַרטייאישע האַנט באַוועגט דאָ מיט די טעמפּן און מיט דער שלאָגלערײַ. דערבײַ האָט אָרלאַנד מיט קינסטלערישן טאַקט באַוויזן, ווי די קאָמיוג־מאַסע, וואָס בילדעט אויף דער קערטשער בויונג זייער אַ גרויסע קראַפט, ווערט געפירט דורך דער פּאַרטיי. דעם עקזאַמען אויף דערדאָזיקער וויכטיקסטער פּראָבלעם האָט אָרלאַנד געהאַלטן מיט דערפאָלג אין דעם קאַפּיטל „אַ גרייטע געוווּנענע רעוואָליוציע“. דאָ איז באַוויזן ווי אַ דורכרײַס אויף דער בויונג ווערט, אַדאַנק ריכטיקער פּאַרטיי־אָנפירונג, דיאַלעקטיש פאַרוואַנדלט אין זײַן אייגענעם קעגנזאַץ,—ווערט אַן אויסגאַנג־פונקט פאַר העראָישן קאַמף און פאַרדאָפּלטע טעמפּן. די קאָמיוגישע פאַרזאַמלונג, וואָס ווערט געגעבן אין דעם אָנגערופענעם קאַפּיטל, באַווײַזט די פּאַרטייאישע אָנפירונג אײַנגאַנצן ריכטיק. אָרלאַנד נעמט אַן אָריגינעלע סיטואַציע: עס קומט פאָר אַ קאָמיוג־פאַרזאַמלונג, אָבער פירן פירט די פאַרזאַמלונג קוזמיטש, דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָלעקטיוו. פאַרוואָס? צי איז דאָס ניט אַ מין פאַרבײַטן די קאָמירגישע אָנפירונג, אַ מין פּאַרטייאישער אַדמיניסטרירן, דערדריקן די קאָמיונישע זעלבסטטעטיקײַט, דעם קאָמיוגס דעמאָקראַטיזם און איניציאַטיוו? אַזאַ געדאַנק פאַלט אײַן באַם לייענען דעם אָנהייב פון פאַרזאַמלונג, אָבער דעמדאָזיקן „אַרײַנפאָר“ האָט אָרלאַנד געגעבן באַוווּסטזיניק: מיטן ציל קינסטלעריש אונטערצושטרײַכן די קאָמיוגישע איניציאַטיוו און אַקטיווקײַט אונטער דער פּאַרטיי־אָנפירונג, וואָרעם דאָס, וואָס קוזמיטש, דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָלעקטיוו, עפנט די פאַרזאַמלונג, איז בלויז אַ צופעליקײַט, ווײַל דער קאָמיוגישער סעקרעטאַר, ווי עס ווײַזן די ווײַטערדיקע שורעס וועגן דער פאַרזאַמלונג, האָט זיך גראָד פאַרהאַלטן ערגעץ און האָט פאַרשפּעטיקט. דאַווקע דידאָזיקע „צופעליקײַט“ שטרײַכט אונטער, ווי שטאַרק עס איז די אָנפירונג און פאַרבינדונג פון פּאַרטיי־קאָלעקטיוו מיט דער קאָמיוג־מאַסע, וויפל קענטשאַפט עס ליגט אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג באַם אָרגאַניזירן די מאַסן־קאָמיוגיסטן און אומפּאַרטייאישע.

קוזמיטש, דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָלעקטיוו, קומט פאַר דער קאָמיוג־פאַרזאַמלונג מיט איין פראַגע: „ווער ווייס, ווען מען דאַרף לאָזן די דאַמנע?“ ער

צווינגט דורכ דערדאָזיקער קורצער פראגע דעם גאנצנ קאָמיוג זיכ אופצורעגנ, זיכ קאָנטראָלירנ, באטראכטנ, צי קעמפט יעדערער טאקע פאר די איינגעשטעלטע טערמינענ פונ לאָזונ די דאָמנע. די פארזאמלונג ווערט אופגערודערט דערפונ. עס איז, דאכט זיכ גאָרניט קיינ פארזאמלונג ווי געוויינלעכ, דער רעדנער האלט ניט קיינ אויסגעפלאנטנ פאָרטראג. — ער ווארפט זיינע געדאנקענ אינ דער מאסע. אונ באקומט באלד אנ ענטפער, ער רעדט וויטער אונ פונ די מאסנ „זאָגט מענ זיכ ארויס”. דער ארויסזאָגנ זיכ איז א קורצער, אונ פירט צו איינס:

„— די דאָמנע מוז געבנ טשוהונ צו דער צייט”.

ווי די פארטיי ברענגט אינ באוועגונג די מאסנ וויזט אָרלאנד אפ א רייי דעטאלנ. מיטקע, א יונגער ארבעטער, דערזעלבער, וואָס זיינע „אויערנ האָבנ גוט געהערט, וואָס קוזמיטש רעדט, נאָר די אויגנ האָבנ זיכ זעלבשטענדיק אויסגעשלאָסנ פונ דער נערוונ־סיסטעמ אונ ניט געקאָנט זיכ אָפרייסנ פונ אדענ”, — אָט דער מיידל פונ זיינע באָכערשע כאלוימעס, — דערזעלבער מיטקע ווערט אינ גאנג פונ דער פארזאָמלונג אזוי באהערשט פונ דער אלגעמיינער אָנגעגליטער אטמאָספער, אז ער פארגעסט אָנ זיינע סימפאטיעס, אינ וועלכע ער איז נאָר וואָס געווענ פארטאָנ אונ גיט א זאָג צו אדענ מיט קאעס: „וויש זיכ אָפ פונ דאנעט. דאָ איז באוויזנ, ווי די פארטיי לערנט מענטשנ אונ ווארפט זייער קראפט אבנ וואָגשאָל פונעמ קלאס, אָפרוקנדיק די אינדיווידועלע אינטערעסנ אפנ צווייטנ פלאנ. בעני, דער שטעטלדיקער יאט, וואָס אָט האָט ער פונ זיינ הוידלקע אפ דער בויונג געקלאָגט זיכ, אז „איכ זע ניט דעמ קאָמיוג אפנ זאוואָד”, האָט אפ דער פארזאמלונג, ווענ עס איז דערקלערט געוואָרנ דער קאָמיוגישער שטורעמ, שוינ דערזענ דעמ קאָמיוג, דערזענ, אונ אויסגערופנ: „איכ פיל שוינ דעמ קאָמוג אפנ זאוואָד”. אינ דער אופוואכונג פונ די שטעטלדיקע בענועס האָט דאָ אָרלאנד באוויזנ דעמ אָנוווקס פונ רעוואָליוציאָנערנ קלאסנ־באוווסטזיינ.

מיר וועלנ זיכ ניט אָפשטעלנ אפ דאָס וויטערדיקע די פארזאמלונג גיט אָרלאנד מיט קענטעניש, שטייפ, זייער פארביק. די מאסע איז צו זענ אינ איר קאָלעקטיווער קראפט אונ טיילווייז אינ אירע באזונדערע אינדיווידנ; ריכטיק געבנדיק די גאנצע מאסע, האָט דער שרייבער, כאָטש דערווייל צו קארג, באוויזנ, אז דידאָזיקע מאסע באשטייט פונ באזונדערע מענטשנ אונ אז אינעמ דאָזיקנ קאָלעקטיוו זיינענ נאָכ דאָ גראדאציעס אינ זייער באציונג צו דער סאָציאַליסטישער בויונג. די פארזאמלונג איז א צוגרייטונג פאר סאָציאַליסטישנ טאט. ווענ אָרלאנד גיט באלד נאָכ דער פארזאמלונג א בילד פונ איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגענ פונ א בריגאדע אפ דער בויונג, וויזט ער דערמיט די אויסלאָדונג אונ רעאַליזאציע פונ דעמ ענטוזיאזמ, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרנ דאָרטנ, אפ דער פארזאמלונג.

אינ דעמ ענטוזיאזמ פונ סאָציאַליסטישער בויונג פארזועבט אָרלאנד עלעמענטנ פונ רעוואָליוציאָנערער ראָמאנטיק, אלס צוגאָב צו דער קראפט פונ פארטייישער דערציונג אפ דער איצטיקער פראקטיק; די דערציילונג פונעמ בריגאדיר לעאָנאָוו וועגנ די שלאכטנ בייסנ בירגערקריג פאר דעמ קערטשער געגנט, רופט ארויס בא דעמ שטעטלדיקנ באָכער נאפטאָלע אזא רעדע:

— „קומט צו די טרויבנ, — זאָגט ער דער בריגאדע, — מע האָט אונדז געגעבנ א גרייטע געוווּנענע רעוואָליוציע, דארפנ מיר בויענ דעמ סאָציאַליזמ”.

נאפּטאָלע האָט שוין גוט „דערזען דעם קאָמיוג“ און זײַן קלאַסן־אויפגאַבע אין דערדאָזיקער אטמאָספער!

דאָס באַווײַזן די לאַנצקרינער גרופּע יוגנט אפן זאוואָד דינט אָרלאַנדן אין א גרויסער מאָס פאר אויספורעמען אין בילד די פּראָבלעם פון דערציִען א באַוווסטזיניקן צוגאַנג צו סאָציִאַליסטישער ארבעט. דורך באַווײַזן וויאזוי די בענעס „דערפילן דעם קאָמיוג“ אפ דער בוינוג, ווערט אָפּגעשפּיגלט די איבערדערציִונג פון מענטשן אפן גרונט פון אָנטייל אין דער בוינוג. אָרלאַנד באַווײַזט קאַמף קעגן קלאַסן סוינע און קאַמף מיט דער נאַטור.—„איר זעט, מיר פאַרהאַטען דעם יאַם“—דערדאָזיקער אויס־רוף פונעם אינזשענער שאַטאָוו סטימולירט די יונגע כעוורע צו בײַשטיין שווערי־קײַטן און ניט אָפּטרעטן פאר דער סטיכייע. סטאַם „פאַרהאַטען דעם יאַם“ וואָלט ניט געקענט זײַן קיין סטימולירנדיקער קויעך, ווען אין דעם וואָלט ניט געווען פאַר־קערפּערט קיין פּראָלעטאַרישער קלאַסן־אינהאַלט. מע פאַרהאַטעט דעם יאַם, קעדיי צו לאָזן די וואַסער־סטאַנציע וואָס גיכער, דאָ איז פאַראַן א קלאַסן־ציל! די אַמביציע אין דער ארבעט קומט אוף פון דעם באַוווסטזײַן, אז „מיר האָבן אונטער־נעפירט דעם ארבעטער־קלאַס. די פּאַרטיי, דעם קאָמיוג“—ווי עס טראַכטן די קאָ־מיוגיסטן בא די ערשטע מאַפּאָלעס אינעם קאַמף מיטן יאַם. און דער רעוואָליוציִאָ־נער־ראָמאַנטישער שטריך קומט דאָ אויך צו הילף דער פעסטיקונג פון דערדאָזיקער אַמביציע: לעאָנאָווס דערציילונג וועגן די פּאַרטיזאַנישע שטרײַטן פאר קערטש, אזוי פּײַן און קורץ געגעבן בא אָרלאַנדן, ברענגט צו פאַרפעסטיקן דעם פּראַקשנטן גע־דאַנק—„מיר האָבן זיך אונטערגענומען פאר 6 טעג און וועלן אָפּגעבן די ארבעט פאר 6 טעג“.

און דערפאַר, וואָס אָרלאַנד באַווײַזט אָט די אַלע הייבערס פונעם קלאַסן־באַוווסט־זײַן און פון דעם עמאַנציִאָנעלן דראַנג בא די יונגע ארבעטער־קאַדרען אפ דער בוינוג, איז גלויביק דער פינאַל, אז „ביז פאַרנאַכט האָט די בריגאַדע געהאַטעט און פאַרהאַטעט די קאַנאַווע ביזקל דעם יאַם“. מיטן קויעך פון קלאַסן־באַוווסטזיניקער אָרגאַניזאַציע קען מען „פאַרהאַטען יאַמען“.

אָנווויקס פון באַוווסטזיניקער באַציִונג פון דער ארבעטער־מאַסע צו ארבעט ווײַזט אויך אָרלאַנד אין מאָמענטן, וואָס דעקן אוף דעם קלאַסן־געפיל פון פאַראַנט־וואָרטלעכקײַט פאר דער בוינוג און דעם פּראָלעטאַרישן שטאָלץ מיטן וווּקס פון דער בוינוג. די לאַנצקרינער יינגלעך, פאַרכאַפּט פון דעם אַלגעמיינעם דראַנג, וואַקסן אויס צום דאָזיקן באַוווסטזײַן: די לאַנצקרינער ווילן ניט אָפּשטיין פון אַלעמען און פון קאָמיוג.

„אַלע גאַנץ פּרי,—דערציילט אָרלאַנד,—אז זיי גייען צו דער ארבעט מאַכן זיי סימאָנים:
— דער קאַלכאָוווון איז אין רעשטאָוואַניע ביז האַלב—וואָס וועט זײַן פאַרנאַכט?
— דעם דריטן קאָופער גייט אָפּ א טשוהונעגע לאַטע אפ דער פּליִיצע—וואָס וועט זײַן פאַרנאַכט?
— איין פורעם פון דער דאַמבע איז אָן א גלעזערנ אייגל—וואָס וועט זײַן פאַרנאַכט“.

די זעלבסטמאָביליזאַציע פונעם ארבעטער־קאָלעקטיוו דערגרייכט איר העכסטן פּונקט בא די גרויסע ניסיוינעס אינעם מאָמענט פון סאַמע פאַרשאַרפטע קלאַסן־קאַמפן, ווען די קלאַסן־פײַנט צינדן די באַראַקעס אפ דער בוינוג—דעמלט ווערט

דעמדאָזיקנ ארויסטריט פונ קלאסנ־סוינע אנטקעגנשטעלט דער סאָלידארער קלאסנ־קויעכ פונעם ארבעטער־קאָלעקטיוו. אָרלאנד באווײַזט דעם וווּקס פונ קלאסנ־וואכזאמקײַט אפנ גרונט פונ דידאָזיקע קלאסנ־שלאכטנ. ניט קאפיטוליאציע, אָפּאָרטוניסטישע פארלאָרנקײַט, נאָר מאָביליזאציע קעגנ סוינע! „דעמ צווייטנ טאָג (נאָכ דער סרייפע) האָט אפ דער בויונג קיינער ניט דערמאָנט פונ דער סרייפע, ווי מע וואָלט זיכ צענויפגערעדט. מע איז געווענ פארטאָנ יעדערער בא זײַנ ארבעט, אונ די אויערנ האָט מענ געהאלטנ אָפנ—זאָל נאָר אימיצער ארײַנוואַרפנ א זאָג וועגנ דאָמבע, וועגנ די קאָופערס, אז זיי זאָלנ זיכ אופרײַסנ, וועט מענ שוינ וויסנ וועד די אונטערצינדער זײַנענ".

דער געפיל פונ פאראנטוואָרטלעכקײַט ווערט אלצ העכער. „בינטלעכ ארבעטער... מיט זייערע אינזשענערנ האָבנ באטראכט אונ זיבעצנ מאָל קאָנטראָלירט די אייגענע ארבעט... א גרופּע אלטע מוליערס זײַנענ געקראָכנ אפנ מיקסער אונ געדלובעט מיט פלאכע העמערלעכ די נעט פונעם אײַנגעמויערטנ שטיינ; זיי האָבנ פונ זיכ אויסגעטרייסלט דעמ געפיל, אז עס איז זייער אייגענע ארבעט—זיי זײַנענ געקראָכנ אפנ מיקסער אונ געדלובעט מיט פלאכע העמערלעכ די נעט, אקשאָנעסדיק געקאלופּעט, ווי א שטרענגע קאָמיסיע, וואָס „נעמט צו" אנ ארבעט בא ניט איבעריק באגלויבטע קאָנטראגענטנ. די מוליערס האָבנ... פארגעסנ, אז זיי אליינ האָבנ דאָ געהאָרעוועט—זיי האָבנ זיכ געפילט פאר באלעבאטימ אונ געכאפּט יעדע מינדסטע קלייניקײַט". דעמדאָזיקנ „באלעבאטעווענ" פונ די מוליארעס באווײַזט אָרלאנד אפנ פאָנ פונ די לעבעדיקע אײַנדרוקנ וועגנ דער סרייפע, אונ דערמיט ווערט געוויזנ דער פארשארפטער געפיל פונ פאראנטוואָרטלעכקײַט בא די ארבעטער פאר די אופגאבנ פונ זייער קלאס, וואָס בויט דעמ סאָציאליזמ.

אונ אויכ דאָס, וואָס די לאנצקרינער ייִנגלעכ דערפילנ אינ ארדע שאליט א קלאסנ־פרעמדנ מענטשנ אונ גיבנ זי איבער מיט די אייגענע הענט צו דער מיליציע, איז א שטריכ אפ דעמ אלגעמיינעמ פאָנ פונ קלאסנ־באוווּסטזיניקנ וווּקס אונ פארשארפטער קלאסנ־וואכזאמקײַט, וועלכע ווערנ אלצ בוילעטער אינעמ פראָצעס פונ די שלאכטנ פאר באָלשעוויסטישע טעמפּנ. ניט אויסערלעכ אונ אָפּגעריסנ איז גענומענ געוואָרנ דער קלאסנ־קאמפ אונ די אקטיוויזאציע פונ די ייִדיש־שאָוויניסטישע עלעמענטנ. דער קלאסנ־קאמפ איז גענומענ ווי א באשליסנדיקער פאקטער פונ דער בויונג, ווי א באשליסנדיקער באוועג־קויעכ. דעריבער איז אָרלאנדנ געלונגענ אָנפילנ זײַנע שטײַפע שורעס מיט הויכנ געמיט, מיט פרייד, מיט ענטוזיאזמ, מיט זיכערקײַט, אונ אפילע די לירישע צייכענונגענ פונ די באליבטע לאנצקרינער העלדנ זײַנע (אויב ניט רעכענענ די ראָזלעכע ראָמאנטישע שטריכנ איבער ארדע שאליט) האָבנ ניט קיינ בײַטאמ פונ צעווייכטקײַט, נאָר ווערנ אײַנגעשלאָסנ אינעמ שטראָמ פונ יוגנטלעכנ דראנג פאר טעמפּנ.

די פארטיי־אָנפירונג ווײַזט אָרלאנד, ווי מיר האָבנ געזענ, ניט אינ קאבינעט אָדער באמ טעלעפאָנ, ער גיט זי בײַסנ צוזאמענטרעפנ מיט מאסנ אינ די סאמע דראמאטישע מאָמענטנ פונ דער בויונג. דאָ איז, עמעס, אויכ פאראנ א שוואכקײַט אָרלאנדס: די פיגור פונעם פארטיי־אָנפירער ווערט ניט ארומגעוועבט מיט דער גאנצער מאָס לעבנ־שטאָפ, מיט דער גאנצער קאָנקרעטקײַט פונ זײַנ אלטעגלעכנ שטיי־

גער. קוזמיטש, לעמאָשל, שטייט פאר די אויגנ, בלויז דערפאר, וואָס ער איז באַוויזנ דורכ א קרעפטיק־קארגער צייכענונג: „בא קוזמיטשנ האָט זיכ געעפנט דער שראמ אפנ פּאָנעמ. אזוי איז בא קוזמיטשנ דער שראמ א פארוואקסענער, קוימ וואָס מע זעט אימ אָנ, נאָר באמ מינדסטנ אָנשטרענג צענעמענ זיכ רויטע וועגטעלעכ פונ ביידע זײַטנ שראמ אונ טע ווײַזט זיכ ארויס, אז א ריטשקעלע בלוט רינט אראָפּ פונעמ שטערנ אפנ באק"... קוזמיטש מיטנ שראמ אפנ פּאָנעמ זאָגט אסאכ, אָבער פונדעסטוועגנ בלײַבט ער אינ א געוויסער מאָס א „לעדערנע קורטקע", ווי פיליפּאָוו אינ בערגעלסאָנס „מידאס־האדינ". דאָ איז פאראנ א קענטיקע מאָס סכעמאטיזמ, אָבער די באדײַטנדיקע זאכ אינ דידאָזיקע שילדערונגענ איז פּאָרט דאָס, וואָס עס ווערט אנטפּלעקט די פּארטיי־אָנפירונג, ווי געזאָגט, אינ בארירונג מיט גרויסע מאסנ.

4

ווי מיר האָבנ באצייכנט אויבנ נעמט אָרלאנד די בויונג גלײַכ פונ אָנהייב אינ אספּעקט פונ לייזנ די נאציאָנאלע פראגע, די „יידנ־פראגע". דאָס דערלויבט אונדז בוילעטער זענ אָרלאנדס עוואָליוציע, ווײַל אויכ אינ „הרעבליעס" איז די דערלייזונג פונ דער „יידנ־פראגע" די אקס פונ די געשעענישנ. אינ „אגלאָמעראט" איז די צענטראלע גרופּע פיגורנ—די לאנצקדינער כעוורע—די פארקערפּערונג פונ דערזעלבער פּראָבלעמ, עמעס, שוינ אפ אנ אנדער באזע—ניט אפ דער באזע פונ ערד־ארבעט, נאָר פונ אינדוסטריאליזאציע.

ווי זשע האָט אָרלאנד געוויזנ דעמ קלאסנ־קאמפּ אינ דער פארווירקלעכונג פונ דער נאצפּאָליטיק?

אינ דעמדאָזיקנ שניט באשטייט ווײַטערדיקע אנטוויקלונג אינ דעמ, וואָס ער האָט שוינ צו טאָנ אינ „אנלאָמעראט" מיט א *קלאסנ־דיפערענצירטער* סוויווע. אינ „הרעבליעס" האָט אָרלאנד געזענ א קימאט דורכויסיקע שטעטלדיקע יידישע מאסע, אינ „אגלאָמעראט"—קאָמיוגיסטנ אונ האָרעפּאשניקעס פונ אײַנ זײַט, פונ דער צווייטער—א *קטיווע* ציאָניסטישע אונ קלעריקאלע עלעמענטנ, קלאסנ־פײַנט פונ די סאָוועטנ. אינ „הרעבליעס" האָט די שטעטלדיקע מענטשנ־מאסע זיכ אײַנגעשטעלט אינ קאמפּ מיט דער נאטור, מיט די פּאָליעסער פוילנדיקע בלאָטעס, עמעס, אויכ צוליב אונדזער בויונג, אָבער דידאָזיקע סאָציאליסטישע צילנ זײַנענ ניט גענוג אויסגעקלאָרט געוואָרנ; אונ דאָ, אינ „אגלאָמעראט", איז רעליעפ אונ בוילעט, שארפ אונ אָנ קיינ שומ סאָפעק דער יידישער יוגנטלעכער אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ אינ קאמפּ פאר דער גענעראלער פּארטיי־ליניע אפנ פראָנט פונ דער סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע אונ קאמפּ מיטנ קלאסנ־סוינע.

ווי האָט אָרלאנד געלייזט דידאָזיקע פּראָבלעמ?

וועגנ די ניצכוינעס. אָרלאנד דעקט אופ דעמ גײַסט פונ יידישנ שאָוויניזמ, דעריקער דורכ שילדערנ אדע שאליט, א געקומענע אפ דער בויונג—א געוועזענע ציאָניסטקע, וואָס האָט זיכ אומגעקערט פונ פּאלעסטינע „מיט לופטיקע פּלענער וועגנ א יידישער מעדינע אינ סאָוועטנפארבאנד". זי איז פריִער געקומענ אפ די דזשאנקאָיער פּאָנדנ, נאָר דאָרטנ האָט זי ניט געפונענ קיינ באפרידיקונג פאר אירע פּלענער. זי

זעט ראק אסימיליאציע, איר פארדריסט, וואָס די יוגנט גייט פונ די פּאָנדנ אינ דער אינדוסטריע, איר פארדריסט, וואָס דאָ מעסט מענ אלצ אפּנ נעבעכדיקנ מאסשטאב פונ ארשינ, אינ דער צײַט, ווענ מע מוז מיט מאקסימאלע מאשטאבנ, וואָרעמ אז ניט, טראכט זי אינ איר ציִאָניסטישער פארכאפּטקײַט, וועלנ די „אנטיסעמיטנ" צונעמענ דעמ סטעפּ... אדע שאליט באגעגנט זיכ אפּ די פּאָנדנ מיט א „באוווסטנ ייִדישנ שרײַבער", א ייִדישנ שרײַבער פונ דעמ מינ, וואָס קומט אפּ די פּאָנדנ דערגיינ „צי די איבערוואנדערער האָבנ שוינ באוויזנ אויסצוכאָוועמ א ספּעציִעלנ סאָרט ייִדישע ווייצ".

סארא גלענצנדיקער פּאמפּלעט אפּ די ייִדישע שאָוויניסטנ! דערדאָזיקער „ייִדישער שרײַבער" אונ ליבהאָבער פונ „ייִדישנ ווייצ", איז עס דער באגײַסטערער פונ דער אידיי וועגנ „ייִדישער מעטאלורגיע". ער קלערט אדענ אופּ, אז „ס'איז ניט גוט, וואָס דער „קאָמערד" אָרדנט אײַנ די ייִדישע יוגנט אינ אלע זאוואָדנ פונעמ סאָוועטנפארבאנד", אונ שטעלט דערבײַ ארויס זײַנ פּלאנ: „מע דארפּ ריכטנ די איבערוואנדערער פונ דער ייִדישער יוגנט אינ דעמדאָזיקנ נײַעמ מעטאלורגישנ זאוואָד. זאָל זיכ פּאמעלעכ דאָרטנ שאפנ א מערהײַט ייִדישע ארבעטער". זײַנ פּלאנ איז, אז דער סטעפּ וועט שיקנ ייִדישע ארבעטער קיינ קערטש, די צענטרענ וועלנ שיקנ ייִדישע ספּעצנ, אונ קערטש וועט מיט גאָטס הילפּ ווערנ די „ייִדישע מעטאלורגישע באזע" אפּ די פליגלענ פונ אָט דעמ ייִדיש-שאָוויניסטישנ אידעאל איז אדע שאליט געקומענ צופליִענ אינ קערטש אפּ דער בויונג.

באמ מאָלנ אדע שאליט אונ אירע באגײַסטערער, אירע פארבינדעטע, האָט אָרלאנד געהאט אינ זינענ א שטארקנ קלאפּ געבנ איבערנ ייִדישנ שאָוויניזמ אונ נאציאָנאליזמ. געלונגענ איז דידאָזיקע אויפגאבע אָרלאנדנ נאָר טיילווײַז, ווײַל ער האָט דערלאָזנ א ריי ערנסטע פעלערנ.

עס וואָלט געווענ גוט, אז אדע שאליט זאָל באוויזנ ווערנ ווי א אָנסאָפּעקדיקער פרעמדער עלעמענט אפּ דער בויונג, אָבער זי איז ארויסגעקומענ פארנעפּלט, א נעווויסער ראָמאנטישער שלייערל הענגט איבער איר, עפּעס איז פאר איר, קענ זיכ דאכטנ, נאָכ ניט אָפּגעשניטנ דער וועג צומ קאָמיוג, כאָטש עס איז דײַטלעכ געשילדערט איר פארבינדונג מיט קלאסנ-פּײַנטלעכע אונ שעדיקערישע עלעמענטנ; עס ווערט איר צוגעשריבנ אידייִשקײַט (ניט וועלנ בעשומ אויפנ ארויסגעבנ די נעמענ פונ די אונטערצינדער), וואָס עס איז שוינ אינגאנצנ אינ ווידערשפּרוכ צו דעמ פּאמפלעטישנ שטריכ, מיט וועלכנ אָרלאנד צייכנט אפּ די פריִערדיקע זײַטלעכ אדע שאליטס געזעלשאפטלעכע פיזיִאָנאָמיע. די דײַטלעכע שטריכנ פונ איר נאציִאָנאליסטישנ אידעאל ווערנ שפּעטער פארטושירט, שיר וואָס עס דערגייט דערצו, אז זי ווערט „אויסגעוואקסנ" צו א אויסער קלאסנ-פיגור. דאָס טרעט ארויס בולעט אינ דעמ קאפּיטל „דאָ גייט ניט אינ נאציע".

אינ דאָזיקנ קאפּיטל ווערט אדע שאליט צעצוויִיט. פונ איינ זײַט האָט זי באהאלטענע פלענער וועגנ נאציִאָנאליסטישער אגיטאציע—א קלאָרע פּײַנטלעכע קלאסנ-אויפגאבע. אָבער גלײַכצײַטיק זאָגט אָרלאנד: „אדע פילט, אז די ווירקלעכקײַט, וואָס זי קאָנ נאָכ ניט אינגאנצנ באנעמענ, דורכטראכטנ, בארעכטיקנ, צו פארורטיילנ, די ווירקלעכקײַט קלאפּט ארויס מיט א שטעקנ פונ אונטער די פיס די גרונט-מאָטיווירונג אירע: די ספּעציפישע ייִדישע עקאָנאָמיק אונ די אינסטרוקטיווע שטרעבונג פונעמ

לעבעדיקן אָרגאניזם פון דער נאציע צו זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ". א ציאָניסט
קע אָנ „היסטאָרישע פרעטענזיעס", א ציאָניסטקע, הייסט עס, אפן סאָוועטישן באָדן,
ווערט זי געפּלעפּט פון דעם, וואָס עס מאָלט איר אָפּ די זאוואָד־ווירקלעכקײַט.
זי דערזעט דאָ, אז „דאָס פריערדיקע ספּעציפישע איז געוואָרן אויס ספּעציפיש"
זי דערזעט, אז „דאָ גייט שוין ניט אין נאציע", אז דאָ גייט אין קלאס. וואָס זשע
קומט פאָר מיט איר? צי זאָגט זי זיך אָפּ פון אירע נאציאָנאלע און קלאסאָווע אי־
דעאלן, אָבער זי בלײַבט בא זײַ? נאטירלעך וואָלט געווען, אז דער בילד פון פראָ־
לעטארישן זיג זאָל איר אקטיוויזירן קעגן דער בויונג, אָבער עס קומט ניט פאָר
ניט דאָס און ניט יענץ. איר ציט אהער און אהין, עס ווילט זיך איר ניט ווארפן
די ציאָניסטישע יוגנט־טרוימען און זי קען גלײַכצײַטיק ניט גיין קעגן דער סאָ־
ציאליסטישער ווירקלעכקײַט. אדע שאליט דערציילט אירע קאָמיוגיסטן־כאווײרים וועגן
דעם, אז די סרייפע אפּ דער בויונג איז געמאכט געוואָרן דורך די ארומיקע באלע־
גופים, אָבער זי גיט זײַ בעשום אויפן ניט ארויס; דאָס זאָל באדײַטן: זי האָט סימ־
פאטיע צו דער בויונג און קען אָבער ניט באגראָבן די מענטשן פון בורזשואזן קלאס.
איר איז דערווידער צו הערן די רייד וועגן קלאסן־סוינע, פאר שראגען קלאָגט זי:
„סע גייט איצטער ארום א מאניע אפּ דער בויונג, ווי א שלאפקײַט—מע זוכט דעם
קלאסן־סוינע אין ווי א שפּארונע"; ווען ניט די מאניע פון „קלאסן־סוינע" „וואָלט
מען דאָ געשאפן א געזונטן יידישן ארבעטער־קאָלעקטיוו און ער וואָלט געוואקסן".
אדע שאליט איז, הייסט עס, קעגן זוכן קלאסן־סאָנים, זי איז פאר „נאציאָנאלער
איינהײַט". זי וויל גאָר אפילע ניט באגרײַפן, וואָס מע מיינט מיט די רייד וועגן
קלאסן, איר איז גאָרניט פארשטענדלעך פארוואָס מע וויל זי אָנעמען ווי א פרעמדע
אפּ דער בויונג, ווײַל, בא איר גאנצער נאָענטקײַט אויך איצטער צו דער קרוויוושער
ראבאָניש־קאָנטררעוואָליוציאָנערער סוויווע, דוכט זיך איר, אז זי איז איבערגעגעבן
דער בויונג: „דער זאוואָד, קערטשער זאוואָד, איז מיר נענטער איידער אײַך... אײַך."
—אזוי טײַנעט זי צו די קאָמיוגיסטן־ארבעטער מיטן פאָרוורף, לעמײַ זײַ פארדעכ־
טיקן זי אין פרעמדקײַט.

אין דיסאָנאנס צום אלגעמיינעם קאָנטעקסט, אין וועלכן עס ווערט גענומען אדע
שאליט, איז דאָ אין דער דערציילונג א ריי אָנצוהערענישן, אז אדע ברעכט זיך
פאָרט צום גוטן. „דער ווימל פון דער בויונג קלאפּט איר מיט א דובניע איבערן
קאָפּ, זי פאלט ארונטער אונטער די שטימונגען פון די ארבעטער־בריגאדעס, פון די
מיטינגען, פונעם זאָרגלאָזן אָפּטימיזם אין די באראקעס".

צו וואָס אײַנהילן אדעס פיגור אין ראָזן נעפּל? אין איר טאט ווײַזט דאָך זי אָר־
לאנד ווי א דורכפירער פון באלעגופישער שטימונג אין דער ארבעטער־סוויווע. אדעס
פיגור איז ניט אויסגעקלאָרט פארן שרײַבער אין אלע אירע קלאסן־פארבינדונגען. ער
לאָזט אפילע פאלן אפּ איר א באשטימטן שײַן פון אָפּפערווילליקן אָרעאָל.

דעריבער איז ניט געקוקט אפּ דעם, וואָס ער גיט דעמדאָזיקן מאסקירטן בורזשו־
אזן נאציאָנאליזם א ריי קלעפּ, און גאנץ מאמאָשעסדיקע, איז דאָך דערדאָזיקער שטריך
ניט פול און בולעט.

גלײַכצײַטיק באגייט אָרלאנד א צווייטן פעלער: ער באווײַזט ניט מיט דער גע־
העריקער קראפט, וויאזוי די פארטיי דיסקאָנטירט די נאציאָנאלע מאָמענטן אין איר

ארבעט אפ די גרויסע בויונגענ. ער באווייַזט אויכ ניט דעמ גרויסמעכטישנ שאָוויניזמ. אַז אזעלכע סיטואציעס וואָלט אָרלאנד זיכ געקענט שטיצנ באמ אָפוועגנדנ די פרווונ פונ דעמ יִדישנ נאציאָנאליזמ; מיט אזעלכע סיטואציעס וואָלט אָרלאנד צעקלאפט די „לינקע" זייַט פונ אלע שאַליטס ארגומענטנ קעגנ דער בויונג—די ארגומענטנ, אז וויבאלד גרויסע בויונג, גייט שוינ הייסט עס, ניט אינ נאציע, שטייט שוינ די פראָבלעמ פונ אסימילאציע; דאָס איז פונקט אזא ציִאָניסטישער ארגומענט, ווי דער דירעקט־נאציאָנאליסטישער סקאווויענ איבערנ גוירל פונעמ „יִדישנ פאָלק". אָרלאנד האָט נאָכ ניט באוויזנ אינ די אָפגעדרוקטע קאפיטלעכ אופדעקנ אינ בילדער די פילבארע באציִונג פונ דער פארטיי צו די מאסנ פונ די נאצמינדערהייַטנ. דידאָזיקע זאכ מוז אינ א קינסטלערישנ ווערק דערפירט ווערנ צו אזא בוילעטקייַט, אז מענ זאָל אינ איר זענ פארקערפערט דעמ כ' סטאלינס געדאנק וועגנ דער אופבליִונג פונ די נאציאָנאלע קולטורנ אינ פעריאָד פונ סאָציאליסטישער בויונג אונ די פארווירקלעכונג פונ די פארטיי־דירעקטיווג (16־טער פארטיי־צוזאמענפאָר) וועגנ קאמפ מיט די „קריכנדיקע" אָפנייגנ.

וויבאלד דאָס איז ניט באלויכטנ, קענ זיכ באשאפנ א פאָרשטעלונג, אז איבערוואנדערונג אפ גרויסע בויונגענ *נעמט אראָפ* די פראגנ וועגנ נאציאָנאלער קולטור—נאציאָנאלער לויט דער פאָרמ אונ סאָציאליסטישער לויטנ אינהאלט. דאָס וואָלט געווענ געפערלעכ. אונ דעריבער שטייט פאר אָרלאנדנ די אופגאבע אינ דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג פונ דעמ ראָמאנ מאָביליזירנ א גרויסנ מאטעריאל קעגנ גרויסהערשעריש־ליוקסעמבורגיאנישע אידייענ. ער דארפ מיט זייַנ געווער שלאָגנ ניט נאָר דעמ מינ „יִדישע שרייַבער", וואָס כאָלעמענ וועגנ א ספעציִעלנ סאָרט „יִדישנ ווייצ", ניט נאָר די, וואָס בענקענ נאָכ „יִדישער אייגנטימלעכקייַט", נאָר אויכ אלע די, וואָס פארשטייענ ניט אונ ווילנ ניט פארשטיינ, אז אינ יעסאָד פונ דער לענינישער נאצפאָליטיק ליגט די אופגאבע צו אקטיוויזירנ די מאסנ פונ די נאצמינדערהייַטנ דורכ דער שטענדיקער אונ קאָנסעקווענטער אנטוויקלונג פונ זייער קולטור אונ נאציאָנאלע פאָרמענ, צוליב די אינטערעסנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג. בא אזא שלאָגנ אפ 2 פראָנטנ וועט דער קלאפ איבער די נעאָ־ציִאָניסטישע עלעמענטנ זייַנ נאָכ שטארקער אונ עס וועט געטראָפנ ווערנ אויכ דער הויפט־סוינע אינ דער נאציאָנאלער פאָליטיק.

מיט אָט די אָנווייַזונגענ ווערט ניט אָפגעלייקנט די ווערטיקייַט פונ די עפיזאָדנ אינ ראָמאנ, וואָס רייַסנ אופ יִדישנ נאציאָנאליזמ. אויב דער לערער וועט וועלנ אינ זייַנ שול־ארבעט באווייַזנ אינ קינסטלערישער פאָרמ די פרווונ פונ דער יִדישער נאציאָנאליסטיש־קלעריקאלער קליקע צו שטערנ דער סאָציאליסטישער בויונג אפנ איצטיקנ עטאפ, וועט ער מיט דערפאָלג דאָס קענענ טאָנ אפ דער סצענע מיטנ ראָוו, וועלכער קומט צו די לאנקצירינער יאטנ „דורכפירנ אנ ארבעט". דער לערער וועט דאָ קענענ באווייַזנ די ראָל פונעמ ראָוו, ער וועט דאָ אויכ קענענ אופקלערנ וויאזוי דער קאָמיוג פארשטייט צו אָנפירנ מיט דער יִדישער יוגנט אינ איר קאמפ קעגנ קלאסנ־סוינע, וועלכער (דער קלאסנ־סוינע) ספעקולירט אפ „נאציאָנאלע אייגנשאפטנ". דער פראָפאגאנדיסט וועט דאָ האָבנ אנ ארגומענט קעגנ די „לינקיסטנ" אינ דער אנטירעליגיעזער ארבעט, וועלכע טייַנענ, אז די פראגע וועגנ קאמפ מיט רעליגיע

און קלעריקאליזם איז שוינ אראָפּגענומענ. אָבער מענ דארפ גלייכצייטיק פאָדערנ בא אָרלאנדנ: 1. שארפער פארמאָלנ און פארורטיילנ נאציאָנאליסטישע קלאסנ־פרעמדע עלעמענטנ (אדע). 2. מערער אופמערקזאמקייט אָפּגעבנ דעם אופדעקנ די וואָרצלענ פונ גרויסמעכטישנ שאָוויניזם.

לויט דעם גאנצנ גאנג, לויט דער סכים קרעפטנ, וואָס אָרלאנד ווייזט ארויס אינ די אָפּגעדרוקטע קאפּיטלענ פונ ראָמאנ „אגלאָמעראט", דארפ ער זיכ קענענ ספרא־וועג אלזייטיק מיט דער נאציאָנאלער פּראָבלעם אינ פּעריאָד פונ סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע, וואָס ווערט דורכ אים אזוי געוואגט געשטעלט. זיינע דערפאָלגנ אינ דעמאסקירנ דעם יידישנ שאָוויניזם אינ די אָפּגעדרוקטע קאפּיטלענ, בא אלע אָנגע־מערקטע בלויזנ, זיינענ אנ אדערופ אפ א מער ברייטער, אלזייטיקער, קינסטלערי־שער דערלייזונג פונ דער פראגע. מיר וועלנ ווארטנ אפ פאָרזעצונגענ פונעם ראָמאנ „אגלאָמעראט"...

פּ. ס.

איכ האָב נאָכ ניט באוויזנ צו אָפּדרוקנ דעם סאָפּ פונ דאָזיקנ ארטיקל, ווי עס איז אָנגעקומענ אינ „אָקטיאבער" די פאָלגנדיקע נאָטיצ „אָנשטאָט א בריוו אינ רע־דאקציע":

„אינ „אָקטיאבער" פארנ 22־טנ מיי (נומ. 112) איז אָפּגעדרוקט אנ ארטיקל פונ כאווער דו־נעצ „א פרווו צו קינסטלעריש דעמאסקירנ דעם יידישנ שאָוויניזם".

דער ארטיקל, נאָכ די עטלעכע ארייַנפיר־שורעס, הייבט זיכ אָנ מיט אנ אוטאָריטעטע ציטא־טע פונ כ' לענינ. די ציטאטע דארפ קלוימערשט באשטעטיקנ דעם פאקט, אז דער כארקאָווער זשורנאל „רויטע וועלט" איז א זשורנאל מיט אנ ערנסטער אויסגעהאלטענער ריכטונג א.א.וו.

קעדיי באשטעטיקנ דעם פאקט, זאָגט דער כ' דונעצ:

— די קינסטלערישע ווערק, וואָס זיינענ אָפּגעדרוקט אינעם נומ. 3—1 „רויטע וועלט", זיי־נענ אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש בלוט־פול — און ווייטער שטעלט זיכ אָפּ כ' דונעצ געגוי אפ אָרלאנדס „אגלאָמעראט".

ווענ דער ארטיקל וואָלט זיכ אָנגעהויבנ גלייכ פונ אָרלאנדנ, וואָלט איכ יעדנפאלס זיינ צע־פרידנ, וואָס דער כ' דונעצ רעאגירט גיכ אפ קינסטלערישע דערשייַנונגענ און ווארט ניט אפ גרויסע „שיפנ מיט גוטס", נאָר דעמ כ' דונעצס לויב־געזאנג דעמ זשורנאל „רויטע וועלט" האָט זיכ פארוואנדלט אינ א בומעראנג, וועלכער האָט געטראָפנ אינ אים אליינ.

ווער ווייס דאָס ניט, אז דער זשורנאל „רויטע וועלט" האָט א ריי דורכרייסנ פובליציסטישע?

ווער ווייס דאָס ניט, אז דער זשורנאל „רויטע וועלט" האָט א ריי דורכרייסנ שעפערישע?

ווער ווייס דאָס ניט, אז דער זשורנאל „רויטע וועלט" איז געוואָרנ א פלאצדארמ פאר יא־דאכעס־פּאָליטיק?

ווער ווייס דאָס ניט, אז דער זשורנאל „רויטע וועלט" איז ארויסגעטראָטנ מיט א פאסקוויל אינ נומ. 1—2 — איר האָט ניט געלייענט, כ' דונעצ?! — קעגנ איינעם פונ אונדזערע בעסטע מייס־טערס, קעגנ דעם סאָוועטישנ שרייבער דאָוויד בערגעלסאָנ?

ווו האָט איר, כ' דונעצ, געפונענ בא אונדזער פירער ציטאטעס, וועלכע זאָלנ קאשערנ דעם נומ. 1—2, די פריִערדיקע נומערנ און עפשער די ווייטערדיקע? אָט אזוי דארפ מענ עס ציטירנ לענינענ? אָט אזוי דארפ מענ עס דורכפירנ אינ לעבנ די באשטימונג פונ צ. ק. פארנ 23־טנ אפּרעל?"

אונטערגעשריבנ די נאָטיצ האָט דער כ' מוישע טייפ.

איכ דארפ דעמ כ' טייפ קוידעמקאָל ענטפערנ מיט א קאָמפּלימענט אפ א קאָמפּלימענט: ער זאָגט, אז איכ רעאגיר גיכ אפ קינסטלערישע דערשייַנונגענ, און איכ קענ איצט זאָגנ, אז

כ׳ טייפ רעאגירט נאָכ גיכער אפ קריטישע ארויסטרעטונגען. נאָר פונדעסטוועגנ איז פאראנ א קליינער אונטערשייד צווישנ רעאגירנ גיכ, באצייטנס, אונ רעאגירנ איילניק, געכאפט, אָנ זיכ ארײַנטראכטנ אינ דאָס, וואָס דו טוסט. דאָס לעצטע איז געשענ מיטנ כ׳ טייפ.

דער כ׳ טייפ בויט מיר אויס א באשולדיקונג א גאנצע. סטײַטש, זאָגט ער, ווי נעמט עס דונעצ אונ קאשערט דעמ זשורנאל „רויטע וועלט"? אונ דאָ רעכנט ער שוינ אויס א גאנצנ צעטל כאטאָימ פונ דעמ זשורנאל „רויטע וועלט". אָבער איינ „גאָט דער ליבער" ווייס, וואָס דער כ׳ טייפ פארלאנגט פונ מיר. דער כ׳ טייפ זעט דאָכ, אז איכ שרײַב ניט וועגנ דער „רויטער וועלט" ביכלאל אונ גיב ניט קיינ היס-טאָרישע עקסקורסנ אינ דער געשיכטע פונ „רויטע וועלט". ווענ איכ וואָלט זיכ פארנומענ מיט ווײַטע פאָרשונגענ אונ פאראלגעמיינערטע ארויסזאָגונגענ וועגנ דעמ גאנצנ וועג פונ זשורנאל „רויטע וועלט". וואָלט געוויס מײַנ כויוו געווענ צו זאָגנ וועגנ די גראָבע פעלערנ אינ דער „רויטער וועלט", אָבער דאָס איז ניט געווענ מײַנ אופגאבע. מײַנ אופגאבע איז געווענ אנ אנדערע, אונ ווענ דער כ׳ טייפ שיקט מיר בליצ-שנעל ארײַנ א „בריוול" קעגנ דער אופגאבע, וואָס איכ האָב זיכ אינגע-מעסנ געשטעלט, איז שוינ דערופ נייטיק טאקע גיכ רעאגירנ.

וואָס איז געווענ מײַנ אופגאבע אינ די פאָר שורעס וועגנ דעמ נ. 3—4 „רויטע וועלט" (אונ בלויז וועגנ דעמ נומער אינ געגעבענעמ פאל)? צו אונטערשטרײַכנ, אז אינ דעמ געגעבענעמ נומער האָט די רעדאקציע געלונגענ זיכ געשטעלט אפנ וועג פונ פארווירקלעכנ לענינס פאָדערונג אפ אויסגעהאלטענער ריכטונג. לייקנט אָפ דער כ׳ טייפ, אז דער קינסטלערישער מאטעריאל אינ געגעבענעמ נומער „רוי-טע וועלט" איז אינ איינקלאנג מיט אונדזערע פאָדערונגענ צו זשורנאלנ? ניינ, ער לייקנט דאָס ניט, ווײַל דאָס איז ניט מעגלעכ. וואָס זשע דענ טוט כ׳ טייפ? ער וויל דעמ פארברייטערטנ אויסטײַטשנ פונ מײַנע פאָר שורעס אויסנוצנ ווי א טראמפלינ צו אויסשמירנ מיט דזשעגעכצ די טויערנ פונ „רויטער וועלט": „רויטע וועלט" איז טרייפ, היט זיכ פאר „רויטע וועלט", די „רויטע וועלט" איז געוואָרנ „א פלאצדארמ פאר יאדאכאס-פאָליטיק" א.א.וו. א.ד.ג. איז ריכטיק אזא צוגאנג? ניינ, עס איז פאלש, עס איז ניט אינ גײַסט פונ די דירעקטיוונ, וואָס דער צ.ק. אל.ק.פ.(ב) האָט אונדז געגעבנ אינ זײַנ לעצטער באשטימונג וועגנ איבערבויענ די ליטעראריש-קינסטלערישע אָרגאניזאציעס.

כ׳ טייפ קלעפט יארליקעס, ער טיילט קיבודימ, דער „רויטער וועלט" וויל ער מעזאקע זײַנ מיט דורכויסיקע דורכרײַסנ אונ דעקרעטירנ דעמ „טרייפענעמ" כאראקטער פונ דער „רויטער וועלט" אפ פריער, איצטער אונ שפעטער. צי געהערט ניט אזא שטרעבונג צו דעמ ערגסטנ מינ „אפפישע" טראדיציעס פונ גרופאָווער רײַ-סערײַ, ניט אָביעקטיווער קריטיק?

דער זשורנאל „רויטע וועלט" האָט אינ זײַנ ארבעט געוויס געהאט גרויסע פע-לערנ. דיראָזיקע פעלערנ זײַנענ ניט גענוג אופגעדעקט געוואָרנ. כ׳ טייפ ווײַזט אָנ מיט רעכט אפ אייניקע דורכרײַסנ אינ דער „רויטער וועלט". אָבער זײַנ שטעלנ די פראגע, זײַנ קעמפנ מיט א דובינע אינ האנט אָנשטאָט באָלשעוויסטישער זעלבסט-

קריטיק, קענ ניט העלפנ פאריכטנ, ווו מענ דארפ, אונ דערמונטערנ ווענ עס איז אפ אנ אָרט די סאָוועטישע ליטעראַרישע באַוועגונג.

אלזאָ—כ׳ מ. טייפ „דער בומעראנג האָט געטראָפנ אינ אימ אליינ?״ איך שרײַבט דאָס אפ מײַנ אדרעס. אָבער ווי עס איז צו זענ טרעפט אינ אידעאָלאָגישנ קאמפ אזא „בייז־וונדער״, ווענ דער בומעראנג טרעפט אינ פינטל אונ טרעפט נאָך... אינ א צווייטנ ציל. דאָס מאָל האָט כ׳ טייפס בומעראנג זיך אומגעקערט צו אימ; פאר מײַנ פײַל, סײַ אינעמ ארטיקל, אזוי אינ דעמדאָזיקנ פאָסטסקריפטומ, בינ איך אבסאָ־ ליוט ניט אומרויִק.

„אָקטיאבער״, 23־טנ מײַ 1932.

אינ שפּיגל פונ רעוואָליוציאָנערער אויסרייפונג...

(וועגנ ש. ברעגמאנס צוויי ביכער „דורכ קריג אונ רעוואָליוציע").

1

אינ די איצטיקע טעג איז באזונדערס גרויס דער אינטערעס צו אלצ, וואָס עס ווערט געשריבנ וועגנ מילכאָמע. באמ ליכט פונ דעמ, וואָס עס קומט פאָר אפ דער צווישנפעלקערלעכער ארענע, צייכענענ זיכ די קאָנטורנ פונ דער נייער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, וועלכע עס גרייטנ די אימפּעריאַליסטישע לענדער, באזונדערס קעגנ פ.ס.ס.ר. די ארבעטער־מאסנ אונ די פארשקלאפטע ארבעטנדיקע אינ די קאָלאָניעס האָבנ פאר קאָרעוו 20 יאָר, זינט עס איז דערקלערט געוואָרנ די פאָריקע ערשטע וועלט־מילכאָמע, אָנגעזאמלט א גרויסע רעוואָליוציאָנערע דערפארונג. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס איז אופגעקומענ אפ די רויִנעס פונ דער וועלט־מילכאָמע, די כוואליע פונ רעוואָליוציאָנערע אופטרייסלונגענ אינ א ריי לענדער, דאָס עקזיסטירנ פונ דער סאָציאַליסטישער סיסטעמ אפ א זעקסטל פונ ערד־קיילעכ — דאָס איז א רעזולטאט פונ אקטיווער טעטיקייט פונ הונדערטער מיליאָנענ אָרגאניזירטע צומ קאמפ רעוואָליוציאָנערע פראָלעטאריער אונ ארבעטנדיקע, אָנגעפירט דורכנ באָלשעוויזמ. אלצ בולטער ווערט פאר דידאָזיקע מאסנ דער גרויזאמער אונ עקלהאפטער בילד פונ אימפּעריאַליסטישער עקספּלואטאציע אונ פונ פארכאפּערישע מילכאָמעס. דאָס איז ניט אלצ. די זאכ באשטייט ניט נאָר אינ זענ ריכטיק דעמ ב י ל ד פונ אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, נאָר אויכ אינ זענ ריכטיק אונ קאָנסעקווענט דעמ פאָרב י ל ד פונ בירגער־קריג, אינ וועלכנ די מילכאָמע דארפ פארוואנדלט ווערנ דורכנ רעוואָליוציאָנערנ פראָלעטאריאט. בלויז דער לענינִיזמ, בלויז דער באָלשעוויזמ האָט פארמאָגט אונ פארמאָגט די קראפט פונ אזא איינציק־ריכטיקנ אנאליז פונ די קלאסנ־געזעצנ, וואָס דארפנ איבערוועגנ די מילכאָמע, אומקערנ זי קעגנ זיכ אליינ, פארניכטנ זי אפנ גרונט פונ אירע אייגענע ווידערשפּרוכנ, פארוואנדלענ זי אינ בירגער־קריג, קעדיי געווינענ פארנ פראָלעטאריאט די מאכט, די דיקטאטור.

אינעמ פארקריפּלטנ אָפּשאַצנ די מילכאָמע און אירע באַוועג־פראָזשינעס פלײַסנ זיכ זײער די אַזױגערופענע פאַציפיסטישע, קלײנבירגערלעכע און בורזשואַזע שרײַבער. זײער פאַציפיזמ איז אָפּט פאַרוויקלט אינ א שלײער פונ אַנטי־אימפּעריאַליזמ, ער קוקט אָפּט אַרויס דורכ שרעקנ־בילדער פונ דער מילכאָמע, אָבער ער איז פאַקטיש גאָר ניט געווענדעט קעגנ אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, נאָר איז א מיטל צו פאַרטו־שירנ איר קלאַסנ־כאַראַקטער. פאַציפיסטישע ביכער וועגנ מילכאָמע זײַנענ דאָ אַסאַכ. זײער כאַראַקטעריסטיש אינ דעמ זינ זײַנענ די ווערק פונ רעמאַרק. רעמאַרקס בוכ „אַפנ מײַרעוו־פראָנט איז אָנ ענדערונג" בלענדט די אויגנ מיט די שרעקלעכע בילדער פונ טויט, הונגער, בלוטיקנ שמוצ, כאַיִשער פאַרטעמפּטקײַט, ווילדנ עגאָיִזמ א. ד. גל., וואָס שטײענ אויפ מיט זײער גאַנצער „פראַכט" אפ דער מילכאָמע. אָבער האָט רעמאַרק באַוויזנ די קלאַסנ־פראָזשינעס פונ דער מילכאָמע? אינ „מײַרעוו־פראָנט" איז די מילכאָמע געגעבנ ווי א פאַטאַלע שלימע געשעעניש, מילכאָמע איז דאָרטנ בלויז א באַשטעטיקונג אפ דער מעכטיקער און אומגעוואַקלטער קראַפט פונ די בורזשואַזע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגענ.

דער רעאַקציאָנערער פאַציפיזמ ווײַזט אַרויס אַלצ קלאָרער זײַנ קלאַסנ־פּאָנימ. אינעמ אָנוווקס פונ קלאַסנ־קאַמפ פונ הײַנטיקנ טאָג ווערנ שאַרפער די גרענעצנ און ווידערשפּרוכנ. די מער אויסגעשפּראָכענע פאַשיסטישע שרײַבער מאָלנ איצט אָפּט די מילכאָמע ווי א גליקלעכנ אויסגאַנג פונ דעמ שווערנ עקאָנאָמישנ קריזיס. עס ווערנ געשריבנ ביכער, וואָס ראָמאַנטיזירנ די פאַשיסטישע פירער און זײערע מילכאָמע־פּראָגראַמענ. אינ דער רוסישער ווײַסעמיגראַנטישער ליטעראַטור, אינ דער פּוילישער ליטעראַטור, אינ דער ליטעראַטור און פּרעסע פונ דײַטשלאַנד, פראַנקרײַכ, איטאַליע, אַמעריקע, מערט זיכ אַלצ די פּובליציסטישע און בעלעטריסטישע ליטעראַטור, וואָס רעדט אַמאָל מער, אַמאָל ווײניקער אָפנ וועגנ דער „נוצלעכקײַט פונ א מילכאָמע מיט די סאָוועטנ", וועגנ „רעוואַנש"־מילכאָמעס מיטנ באָלשעוויזמ, וועגנ דער גדולע פונ די פּילסודישע קאַמפנ קעגנ דער „באָלשעוויזיע". דערדאָזיקער כאָר באַשטײט פונ זײער א בונטנ אוילעמ: נאַציאָנאַליסטנ, שוואַרצמײעניקעס, מיליטער־לײַט, גאַלאָ־כימ און ראַבאָנימ, סאָציאַל־פאַשיסטנ און ייִדישיסטנ...

פאַרנ לעצטנ פּעריאָד האָט די ייִדישע אויסלענדישע פּרעסע געליפערט א גרויסנ מאַטעריאַל אפ דער טעמע און באַוויזנ, אַז אינעמ גרייטנ דעמ אַנטיסאָוועטישנ באַ־וואָפנטנ פראָנט גייענ צוזאַמענ ביאַליק און ראַוויטש, ניגער און דער וואַרשעווער ראַבינאַט, ערלעכ און די קהילעס, שאָלעמ אַש און סטופּניצקי, לײוויק און זשיטלאָווסקי. סאַראַ אײניקײַט פונ דעמ שוואַרצ־ווײַסגעלנ פראָנט! די פּובליציסטיק און קינסטלע־רישע ליטעראַטור פונ דער ייִדישער בורזשואַזיע איז אינ צושטאַנד פונ מאָביליזאַציע.

ווענ מיר רײדנ וועגנ דעמ מער אָפענעמ פראָנט פונ דעמ רעאַקציאָנער־אימפּע־ריאַליסטישנ פליגל אינ דער ליטעראַטור, פאַרמינערנ מיר מיט דעמ אפ א האָר ניט די גיפטיקע באַדײַטונג, וואָס עס האָט די פאַציפיסטיש־מאַסקירטע ליטעראַטור אפ מילכאָמע־טעמעס. דער גוט־מאַסקירטער אינ פאַציפיסטישע קלײדער אימפּעריאַליזמ און סאָציאַל־שאָוויניזמ איז דער געפערלעכסטער סוינע אינעמ קאַמפ קעגנ דער באַדראָענדיקער נײַער מילכאָמע!

בא אזא אַלגעמײנער לאַגע אפן פראָנט פון דער בורזשואזער ליטעראטור איז דער כּיוון פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטארישער און סאָציאַליסטישער ליטעראטור — אופרײַסן דעם פּאציפיזם, אופדעקן די קלאסן־פּרוזשינעס פון מילכאָמע און באווײַזן די וועגן צו פארניכטן די אָרדענונג פון אימפּעריאַליסטישע בלוט־פארגיסונגען.

שרײַבנדיק וועגן די אופגאבן פון 3־טן אינטערנאציאָנאַל (1919), האָט לענין דערמאָנט אנרי בארביוס ביכער וועגן מילכאָמע און וועגן זיי אזוי געזאָגט:

„אַלס אײנעם פון די באזונדער־אָנשוילעכע באשטעטיקונגען אפ דער מאסן־דערשײַנונג, וואָס ווערט אומעטום באאָבאכטעט, פון וווּקס פון רעוואָליוציאָנערן באוווּסטזײַן אין די מאסן, קען מען אנערקענען די ראָמאנען פון אנרי בארביוס „אין פײַער” און „קלאָרקײַט”. דער ערשטער איז שוין איבערגעזעצט אפ אַלע שפּראכן און איז פארשפּרייט אין פראנקרײַך אין 280.000 עקזעמפּלארן. דאָס פארוואנדלען אן אבסאָליוט־אָפּגעשטאנענעם באַלעבעסל און מאסאָוויק, וואָס איז דורכויס דערדריקט דורך אידייען און פארורטײלן, אין א רעוואָליוציאָנער, דאווקע אונטער דער ווירקונג פון מילכאָמע, איז באוויזן אויסערגעווײנלעך שטארק, טאלאנטפול, עמעסדיק”.

דידאָזיקע ארויסזאָגונג לענינס ווײַזט אונדז, וואָס אזוינס מיר דארפן פארלאנגען פון ביכער וועגן דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. פארשטייט זיך, אז מע טאָר דעם שרײַבער ניט נעמען אָפּגעריסן פון די הײַנטצײַטיקע קלאסן־קאמפן, וועלכע זײַן ווערק מוז דיסקאָנטירן. ווער נאָך ווי א שרײַבער אפ מילכאָמע־טעמעס איז אזוי אומיטלבאר פארקניפּט מיט דער אָקטיאבער־פּאָליטיק! אנרי בארביוס האָט געשריבן „לויט די פרישע שפּורן” פון דער מילכאָמע. א י צ ט י ק ע ווערק וועגן דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע מוזן שוין אָבער אויך דיסקאָנטירן ד ע ם ס א כ א ק ל פ ו ן ד ע ר ד ע ר פ א ר ו נ ג פון 15 יאָר אָקטיאבער־רעוואָליוציע און דארפן ארײַנדרינגען אין דעם רעוואָליוציאָנערן מאָרגן ארײַן. אָבער די פּאָדערונג לענינס איז די אקס: די פּאָדערונג בלײַבט — באווײַזן דעם וו ו ק ס פון די אָפּגעשטאנענע גרויע מאסן אין דעם מילכאָמע, ד. ה. באווײַזן וויאַזוי פון דער מילכאָמע איז ארויסגעוואקסן דער דראנג צו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, ווי עס זײַנען רײַף געוואָרן די אקטיווע קרעפטן אירע, ווי די אָרגאניזאטערן פון דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע האָבן מיטגעהאָלפן רײַפן צו מאכן די געשעענישן.

דעמדאָזיקן „עקוויוואלענט” דארף מען זוכן אין ברעגמאנס ביכער „דורך קריג און רעוואָליוציע”.

די דערשינענע צוויי ביכער מאָלן אָפּ די מילכאָמע, אָנהייבנדיק פון מאָביליזאציע און ענדיקנדיק מיט ערעוו פעווראַל־רעוואָליוציע. צי איז אין דידאָזיקע ביכער געגעבן דער רײַפן ווערן פון די מאסן צו רעוואָליוציע „דאווקע אונטער דער ווירקונג פון מילכאָמע”?

לענין זאָגט, אז בארביוס האָט באוויזן דעם רעוואָליוציאָנערן וווּקס פון דעם באַלעבעסל און מאסאָוויק אין דער מילכאָמע. בא ברעגמאנען איז דער בליק געווענדעט טאקע אפן מאסאָוויק, וועלכער איז אָפּט אין זײַנע אָנשויונגען און פּאָרורטײלן

ביט ווײַט אוועק פונעמ באלעבעסל, אָפט איז ער אָנגעשטעקט מיט זאָאָלאָגישנ שאָווי-
ניזמ, מיט אלט-קאזאקישנ מאָנארכיזמ-פאטריאָטיזמ, מיט ווילדער כאישער סינע צו
„אינאָראָדצעס”; ברעגמאנ האָט כוץ דעמ באלעבעסל אויכ דערזענ די עלעמענטנ
פונ אָרגאניזירנדיקער רעוואָליוציאָנערער קראפט, ער האָט אויכ דערזענ
באָלשעוויקעס אינ דער מילכאָמע. מיט דעמ טײלט זיכ בוילעט אויס
ברעגמאנס עפאָפייע פונ אנדערע באוווסטע ווערק אפ דערזעלבער מילכאָמע-טעמע.
אונ איר אָנרעגנדיקע קראפט ווערט דורכ דעמ גרעסער. סטעפאנטשוק, סערגייעוו,
אליינ גוטערמאנ, אינ וועמענס נאָמענ עס ווערט געפירט די דערציילונג—דאָס זײַנענ
מענטשנ, וואָס זײַנענ שוינ אפנ פראָנט געקומענ ווער מער אונ ווער ווייניקער
באָלשעוויסטיש צוגעגרייט אונ בא וועלכע די פראָנט-געשעענישנ דערציענ די פיי-
קײַטנ צו אָרגאניזירנ די מאסנ אונטער באָלשעוויסטישע לאָזונגענ. קאלאור—דאָס איז
דער זאמל-טיפ פונעמ פויער, וואָס ווערט רעוואָליוציאָניזירט אינ מילכאָמע אונ גייט
אוועק נאָכנ באָלשעוויזמ. אימ גיט אָפ דער שרײַבער אסאכ אופמערקזאמקײַט. ברעג-
מאנ האָט זײַנ אופמערקזאמקײַט אינ א גרויסער מאָס געווענדעט אפ די מענטשנ
אינ דער ארמײ, וואָס בילדנ דעמ העכסט-באוווסטזיניקנ ארבעטער-יאָדער: ארבעטער,
וואָס זײַנענ, ווי באשטראָפטע, געוואָרפנ געוואָרנ פאר זייער פאָליטישער כאָשעדי-
קײַט אינ די פאָדערשטע אָקאָפעס, ארבעטער, וואָס זײַנענ פארבונדנ מיט באָלשע-
וויסטישע אָרגאניזאציעס אונ האלטנ שטענדיק קאָנטאקט מיט אינדוסטריעלע צענט-
רענ. איר זעט אינ די ביכער, ווי דער אָנוווקס פונ סטיכייש-רעוואָליוציאָנערער רײַפקײַט
ווערט דורכ ניט געזעענע פעדימ געקירעוועט פונ באָלשעוויקעס, אויסגענוצט צוליב
באָלשעוויזמ. דאָס רעדט וועגנ דעמ, אז ברעגמאנ האָט זײַנ גרויסע מילכאָמע-
דערפארונג געשטרעבט אויספורעמענ לויט לענינס פאָרמול—אופדעקנ די אָרגאני-
זאציע פונ דעמ מאסאָוויק אונ באלעבעסל צו רעוואָליוציאָנערנ טאט אפ דעמ
יעסאָד פונ די מילכאָמע-געשעענישנ גופע. ניט אלעמאָל איז דאָס אָבער ברעגמאנענ
קלאָר אונ ניט שטענדיק געלינגט דאָס אימ.

2

ברעגמאנ זוכט א באשייד אפ דער פראגע: וואָס איז אזוינס די מילכאָמע? ער
ווייס פונ אָנהייב אָנ, פונ דער ערשטער שורע, אז די מילכאָמע איז א בייזע אָנשי-
קעניש, ער זעט, אז זי איז א פראָדוקט פונ בורזשואזער קלאסנ-פאָליטיק, א געווער
קעגנ ארבעטער אונ פויער, נאָר פונקט ווי זײַנע מאסאָוויקעס, ארבעטער אונ פוי-
ערימ, ווייס ניט לעכאטכילע ברעגמאנ די סיבעס פונ דער מילכאָמע. „די אייראָפע-
ישע אונ אלוועלטלעכע מילכאָמע האָט א העל-באשטימטנ כאראקטער פונ א בור-
זשואזער, אימפעריאליסטישער דינאסטישער מילכאָמע” (לענינ). שוינ אינ ערשטנ בוכ
גיט טאקע ברעגמאנ צופילנ זײַנ אבסאָליוט נעגאטיווע באציונג צו דער מילכאָמע,
וואָס דינט די נוצנ פונ דער בורזשואזיע אונ צארישער דינאסטיע, ער דרינגט אָבער
דערבײַ ניט דורכ אינ דער טיפ פונ טעויס. די מילכאָמע באדײַט... „קאמפ פאר
מערק אונ בארויבונג פונ לענדער, שטרעבונג צו אָפנארנ, צעייניקנ, צעשלאָגנ די
פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, אָנריידנ די געדונגענע קנעכט פונ איינ נאציע קעגנ

די געדונגענע קנעכט פונ א צווייטער נאציע און די נוצנ פונ דער בורזשואזיע" (לענינ). — דעמדאָזיקנ „רעאלנ אינהאלט פונ דער מילכאָמע" באגרײַפט ברעגמאנ ניט מיט דער געהעריקער אויסשעפנדיקײַט, כאָטש ער ברענגט גאָר א גרויסנ מאטע־ריאל, וואָס קענ גלענצנדיק דאָס איליוסטרירנ. כאָטש ער האָט זײַנ ערשטנ בוכ „דורכ קריג און רעוואָליוציע" געשריבנ נאָכ א לאנגיאָריקנ דורכווייטיקנ די מילכאָמע־פּראָבלעמ, איז דאָכ די קנאפּע מארקסיסטיש־לעניניש צוגרייטונג, די קנאפּע היסטאָ־רישע און טעאָרעטישע באוואָפנטקײַט געוואָרנ א פארצוימונג באמ זענ די רעאלע קרעפטנ פונ די קלאסנ, באגרײַפנ דעמ קלאסנ־כאראקטער פונ מילכאָמע אינ אלע אירע קאָמפּליצירטע פארבינדונגענ.

אינ דעמ ערשטנ בוכ איז דעריבער בא ברעגמאנענ אפנ ערשטנ אָרט דער ווײ־געשריי פאר ביכלאל מענטשלעכנ פײַנ. אָבער מענטשלעכע פײַנ איז דאָכ א רעזולטאט פונ גאנצ רעאלע געזעלשאפטלעכע באציִונגענ, פונ קלאסנ־באציִונגענ אפ א באשטימטנ היסטאָרישנ עטאפּ, פונ אזא אָרדענונג, ווענ די „אויבערשטע צענ טויזנט" פונ יעדנ נאציִאָנאלנ בורזשואזנ לאגער ווארפנ אינ בלוטיקנ שלאכט מיליאָנענ מאסנ, קעדיי זיכערנ זיכ וואָס מערער רויב! דאָס לאָזט דאָרטנ ברעגמאנ אפנ לעצטנ פּלאנ בייס ער גיט די סינטעטישע פאראלגעמיינערונג, „זײַנ אויספיר", זײַנ קוק און גע־פיל. עמעס, ער זעט ווי די בורזשואזע זינ אפנ פראָנט—די אָפיצערישע מאסע—רויבט און איז זיכ נויקעמ אָנ דעמ סאָלדאט; ער זעט און באווײַזט די דעספּאָטישע מיטלענ פונ דער בורזשואז־דינאסטישער ארמיי־אָנפירונג קעגנ די סאָלדאטישע מאסנ. אָבער בא אימ ווערט דאָס אינ גרעסטנ טייל א פּראָבלעמ פונ מענטש ביכלאל, פונ לײַדנ ביכלאל, פונ מאָרד און ווייטיק ביכלאל, א ו ס ג ע ש ײַ ל ט פונ די קאָנקרעטע קלאסנ־קאמפנ. אינ פאָדערגרונט ווערט ארויסגערוקט א סטאמ־אידייע וועגנ לײַדנ פונעמ מענטשנ, א סטאמ־דורשטיקײַט פאר שאָלעמ, א סטאמ־פּראָטעסט קעגנ אומזינ פונ אייביקנ הארמאטנ־דונער און האָגל פונ בריזאנטנ.

דעריבער איז ניט געקוקט אפ דעמ רעאלנ כוש און פּראָלעטארישנ קלאסנ־אינסטינקט, וואָס מע קענ דײַטלעכ פילנ אינ פיל ערטער פונ דעמ ערשטנ בוכ „דורכ קריג און רעוואָליוציע", איז אינעמ דאָזיקנ בוכ דאָכ ניטאָ די קענטיקע רעאליסטישע אנטפּלעקונג פונ די מילכאָמע־פּרוזשינעס. עס איז דאָ נאָכ ניט צו פילנ דעמ פאר־שטאנד צו לייזנ לעניניש די מילכאָמע־פּראָבלעמ. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס שוינ דאָרטנ האָט ברעגמאנ דערזענ דעמ פאראט פונ דער דײַטשישער ס. ד. (און פאר־וואָס עפּעס בלויז פונ דער דײַטשישער? און די רוסישע ס. ד. בעראָש מיט פּלעכא־נאָווג) און געוווּסט צו שאצנ ליבקנעכטס רעוואָליוציִאָנערישקײַט (כאָטש לעניג ווערט דאָ ניט דערמאָנט...). מע קענ ניט זאָגנ, אז אינ דעמ בוכ פילט שוינ ברעג־מאנ דעמ פוילנ יאָדער פונ דער פּאציפיסטישער אידייע, דעמ עמעסנ אויסוועג פונ מילכאָמע זעט ער נאָכ ניט.

אָט דאָס איז דער גרונט־פעלער אינ ברעגמאנס ערשטנ בוכ, — בא דער גאנצער קלאָרקײַט פונ נעגאטיווער באציִונג צו מילכאָמע און ג ע נ ו י ג ט ק ײַ ט צו באמערקנ איר קלאסנ־טאָכ. די גרויסע געלאָדנקײַט פונעמ בוכ מיט שרעקנ־בילדער, מיט גע־שפּענסטער פונ מאסנ־מאָרד, פונ פּײַניקנ די סאָלדאטישע מאסנ, די גאנצע לירישקײַט פונעמ בוכ, וואָס דערגייט אָפּט צו סענטימענטאלקײַט און געבראָכנקײַט—דאָס אלצ,

וואָס בילדעט דעם יעדער פּוג בוך, איז נאָך ניט דערהייבן געוואָרן צו טיפע פּאַר־אַלגעמיינערטע און רעליעפע אופדעקן די מילכאָמע, עס בלײַבט דעריבער אין א גרוי־סער מאָס א בוך מעמוארן, וואָס גייט פון פאַקט צו פאַקט עמפּיריש־נאַטוראַליסטיש אָפּמאָלן שוידערלעכע געשעענישן. די קוים מערקבאַרע רעוואָליוציאָנערע באַפאַרבונג פון זײַנע טיפּאַזש: גוטערמאַנס טראַכטענישן, די רייד פון סטעפּאַנטשוקן, די שטימונגען פון קאַלאָורן און אַנדערע, די רעמאַזים וועגן דעם קאָמאַנדירס אָפּאָזיציאָנעלקייט, זײַנע אײַנגעוויקלט אין א נעבל פון א הומאַניסטישער צעטומלטקייט.

א שריט פאָרויס מאַכט ברעגמאַן אין דעם צווייטן בוך. דער צווייטער בוך רעדט שוין וועגן דעם פּעריאָד פון שטאַרקערן רײַף ווערן פון די רעוואָליוציאָ־נערע געשעענישן אין לאַנד און אויפן פראָנט. די מאַסע און די באַדינגונ־גען, מיט וועלכע ברעגמאַן האָט צו טאָן אין צווייטן בוך, איז שוין אין דער אַטמאָספער פון צעלייגונג און רעוואָליוציאָנערער אָנברויזונג. דידאַקטיק מער רײַפע רעוואָליוציאָנערע פּראַקטיק האָט אויף ברעגמאַנען מיט א גרעסערער רעוואָליוציאָ־נערער קראַפט אָנגעדריקט, ווי דער מאַטעריאַל פון זײַן ערשטן בוך. פאַרשטייט זיך, עס וואָלט געווען לעכערלעך צו זאָגן, אז דער ערשטער פּעריאָד פון דער אימפּע־ריאַליסטישער מילכאָמע איז געווען פרײַ פון קלאַסן־אינהאַלט. נאָר פאַר ברעגמאַנען, וועלכער איז געקומען אין דער ליטעראַטור, ווי עס איז צו זען, מיט א היפשן האָרב פון הומאַניסטישע אילוזיעס, האָט דער מער־רײַפער פּעריאָד פון מילכאָמע און רעוואָ־ליוציע אין א גרעסערער מאָס געשטעלט די פּראָבלעם פון קלאַסן־טאָך פון מילכאָמע. ברעגמאַן מוז דאָ אין א גרעסערער מאָס אָנהייבן קריטיקירן זײַנע אייגענע אָנשויונ־גען, ער מוז אָנהייבן איבערטראַכטן זײַן צוגאַנג; דערצו האָט געוויסערמאַסן אויך מיטגעהאָלפן די קריטיק — כאָטש זייער קנאַפּע — וואָס זײַן ערשטער בוך האָט געהאַט

אין דעם צווייטן בוך „דורך קריג און רעוואָליוציע" באַקומט אזוי אַרום ברעג־מאַן, בא זײַן שוואַכער באַוואָפנטקייט אין רעוואָליוציאָנער־וויסנשאַפטלעכן זין, מער אַרגומענטן, וואָס ליגן אויף דער אויבערפלאַך און שרײַען וועגן די קלאַסנפּראָזשינעס פון מילכאָמע. ברעגמאַן האָט ניט געזען, וויאַזוי די באָלשעוויקעס האָבן שוין אינעם ערשטן פּעריאָד פון מילכאָמע מיטגעהאָלפן, „אונטערגעשטויסן" דעם פּראָצעס פון אויסרײַפן די רעוואָליוציע אין די געדערעם פון דער מילכאָמע. צום באַדויערן ווייס ברעגמאַן ניט גענוג די לענינישע לערע וועגן אימפּעריאַליזם, און זײַן „שול" איז אן עמפּירישע, אן עלעמענטאַרע און אָפט פאַרקריפּלטע אין דעם זין, אָבער צעלייגונג, בונט, דרייסטער אַנטקעגנשטעלן זיך, באָלשעוויסטישער טאַט בײַסן סאָף פון מילכאָמע, די פאַקטן און פּראָצעסן פון קאָנקרעטער רעוואָליוציאָנערער ברוויזונג, דערוועקן אין אים דעם קלאַסאָוון און קריטישן כוש, און ער הייבט אָן שטאַרקער זוכן דעם וועג פון באָלשעוויסטישן באַגרײַפן מילכאָמע.

3

אין דעם צווייטן בוך „דורך קריג און רעוואָליוציע" איז ניט בלויז באַוויזן געוואָרן דער אָנוווּקס פון רעוואָליוציע אויפן מילכאָמע־פראָנט, נאָר עס איז מאָמענטן־ווײַס זייער רעליעף קינסטלעריש דערוויזן געוואָרן דער לענינישער טעזיס וועגן מילכאָמע און איר טאָך, וועגן מילכאָמע און איר „אומקום" אַדאַנק דער רעוואָ־

ליוציאָנערער אקטיווקייט פונ די מאסנ, וואָס שטעלנ זיכ אפנ וועג פונ רעוואָליוציאָ־נערנ בירגער־קריג.

ברעגמאנ געפינט ריכטיק די באציִונג צווישנ פראָנט אונ טיל, פאר אים איז דער פראָנט ניט קיינ איזאָלירטער סאָלדאטנ־לאגער, וואָס איז אָפּגעשלאָסנ פונ דער ארומיקער וועלט. אויב בא רעמארקנ איז דער פראָנט אידעאליזירט ווי א לאגער פונ סאָלדאטישער געשלאָסנקייט אונ אייניקייט — א אייניקייט, וואָס באזירט, פארשטייט זיכ, ניט אפ סאָציאלע פאקטערנ, נאָר אפ ביאָלאָגישע: אפ שרעק פאר אומקום — אויב אזוי זעט דער פאציפיסט רעמארק דעמ פראָנט אונ געפינט אינ דעמ א זכוס, קעדיי צו מויכל זײַנ דעמ גאנצנ מילכאָמע־פּײַנ, איז פאר ברעגמאנעג דערדאָזיקער אידעאליזאציע־פּאָרהאנג אראָפּגעריסנ. ברעגמאנ ווײַזט, אז בייס מילכאָמע איז דער פראָנט שטענדיק איבערגעבונדנ מיטנ „טיל“, — מיטנ דאָרפ, מיטנ שטאָט. ער זעט די שטענדיקע באציִונגענ צווישנ דער סאָלדאטנ־מאסע אונ דער ציווילער באפעלקערונג — בא דער גאנצער שטרעבונג פונ דער קאָמאנדע־אָנפירונג אונ מאכט צו איזאָלירנ דעמ סאָלדאט. בא ברעגמאנענ זעענ מיר, אז א מילכאָמע פונ גרויסע מאסשטאבנ ווישט אָפּ די קינסטלעכע גרענעצנ צווישנ סאָלדאט אונ ציווילער מאסע. אונ ברעגמאנ זעט אויכ, אז דידאָזיקע שטענדיקע בארירונגענ צווישנ סאָלדאט אונ דער ציווילער מאסע געבוירנ סאָציאלנ דראנג, פארשטארקנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונגענ.

„א נאכט, א צעשטערנטע, א סאמעטענע נאכט... מיר פאָרנ אָפּ פונ גרעבושאָוו. קיינער רערט ניט. איפ פאָר אינ ארומרינגלונג פונ קאלאורנ, סערגייעווו אונ סטעפאנטשוקנ. רער קאָמאנדיר פאָרט הינטער דער באטארייע, מיר — הינטער אימ. נאָכדעמ גייט פּעכאָטע, אונדזער רעזערוו אָבאָז. מיט ברייט צעעפנטע אויגנ קוקנ מיר אפנ נאָענטנ ארומ, וואָס ווערט באלויכטנ פונ דעמ בלייק־רויטנ הימל. פאר אונדזערע אויגנ פלאקערנ אופ ווי אָנגעצונדענע שלאָגנדיקע נאפט־פאָנטאנענ, רוסישע דערפער... מיר יאָגנ אָנ פויערישע פורנ, מיר טרײַבנ זיי אראָפּ פונ די גלאטע וועגנ ברעכנ מיט אונדזערע שטאָלענע אקסנ זייערע דארע, הילצערנע, צערויִנירנ די וועגנ זייערע, אפ וועלכע זיי פירנ זייער האָב אונ גוטס, וואָס זיי האָבנ געקענט פארנעמענ אפ א וואָגנ די פויערטעס אונ פויערימ שרײַענ: — שטשאָזשצע בודע? גייענ אויס אינ יעלאָלעס: — שטשאָזש זנאמי זראָבילי? אונ קראצנ זיכ די קאָלטענעוואטע קעפּ.

... דער קאָמאנדיר איז זיכ מעיאשעוו:

„— מע דארפ צוערשט ארויסטרײַבנ די מוזשיקעס פונ די הײַזער אונ דערנאָכ פּאָשעט אונטערציגדנ דאָס דאָרפ פונ איינ עק ביזנ צווייטנ, אונ זאָל זיכ דער דײַטש אָנעסנ...

„איכ קוק אפ קאלאורנ, אפ נאָכ א פּאָר פונ אונדזערע אויסשפּירער, געוועזענע פויערימ. איכ זע, ווי זיי ווערנ רויט אונ בלאס, די אויגנ ווערנ אָנגעצונדנ אונ פארלאָשנ אונ אָנגעצונדנ... עס טרייסלט זיי אינ די זאָטלענ...

„מיר שפּרינגענ מיט אונדזערע פערד איבער פעלדער, פארזייטע מיט פּראָסע, מיט גערשט, האָבער, הרעטשקע... אלע זאנגענ גיסנ זיכ ערשט אָנ: א פארשנייטע שטייט די הרעטשקע אינ בליִענ.. קאלאור קוקט אפ מיר אונ שאָקלט טרויעריק מיטנ קאָפּ. איכ ענטפער אימ מיט דעמ־זעלבנ שאָקל:

„— אווארע א ראכמאָנעס, נאָר זאָל גייִנ ווי עס גייט, וואָס ערגער — אלצ בעסער!

„... סערגייעוו קוקט אפ די צאָרעס פונ די פויערימ מיט אנדערע אויגנ, ער זאָגט:

„— אָטאָ די מאסע פויערימ איז ווי א פארפלייצונג, זי וועט אונטערשווענקענ דעמ פונדאמענט. זיי וועלנ זיכ ארײַנרײַסנ אומצופרידענע אינ די ווײַטע דערפער אונ וועלנ פארזייענ אזא האס צו דער אָרדענונג, אז עס וועט פּאָשעט זײַנ א מעכײַע, פארשפּאָרנ אונדז א גרויסע ארבעט...

„— זיי וועלנ בלײַבנ מער ווי א העלפט אינ די פעלדער, פארגראָבנ אינ גריבער, זאָג איכ.

„— ווענ מע האקט א וואלד, פליִענ שפּענער, — זאָגט סערגייעוו אפנ קאָל, אז פּאָרוטשיק סקאָבעלעוו זאָל הערנ“.

דערדאָזיקער עפּיזאָד ווײַזט דעם אינערלעכן קאָנטאקט צווישן דער ציווילער באפעלקערונג און דער ארמיי בײַס מילכאָמע, ער ווײַזט די קעגנזײַטיקע ווירקונג פון דערדאָזיקער באַרירונג. קאלאורן טרייסלט אויף פונעם פויערישן פּײַן, וואָס ער זעט אומעטום, וווהין עס קומט אָן די ארמיי. ער זעט, אז די מאסן הינטערן פראָנט זײַנען אויך ארײַנגעשלעפּט אין דער מילכאָמע. ברעגמאן דעקט דאָ אויף אָנרעגונג באם פויער־סאָלדאט און קלאָגערײַ בא די פויערישע מאסן, וואָס זעען נאָך דערווײַל ניט קיין אויסוועג פון דעם מיליטערישן ווילקיר. צום באדויערן איז סערגייעווס קלאָרער באגרײַפן די רעוואָליוציאָניזירנדיקע באדײַטונג פון די געשעענישן אפן פראָנט פאר די פויערישע מאסן פון לאנד אין אָט דעם עפּיזאָד אופגעדעקט ניט מיט דער געהעריקער איבערצײַגונג, אָן גענוגנדיקער קינסטלערישער ארגומענטאציע.

„מיר גייען לאנגזאם, אונדז אנטקעגן שווימט א פּאנאָראמע, וויקלט זיך פאנאנדער א פאנטאסטישער לײַוונט־שוידער פון מילכאָמע. קאלאור בלײַבט שטיין פארגאפט. זײַנע שווארצאפּלען זײַנען איצטער גרויס, ווי שראפּנעלן קוילן. זײַנע ווײַסלען, ווי מערוזעס אפן יאם־פלאך. קוועקזילבער אין די ווינקלען פון זײַנע אויגן זאָגט שוין אײדעס פון זײַן אופרעגונג. זײַן פּאָנים, ווי א שפּיל־אינסטרומענט, אף וועלכן עס ליגן פינגער פון א קינסטלער, ווי סטרונעס ציטערן זײַנע געזיכט־מוסקולן.

— זעסט, זעסט?... קוק זיך נאָך צו, ליבינקער, וואָס דאָ טוט זיך.

„צוויי גרויסע שײַטערן: פלאמיקע צינגער לעקן ארום פריצײַטיק־פארדארטע און פארברענטע צווײַגן, ציִען זיך צו דעם אומרו פון ארום, צו דער האלב־ראָד, די פורן, האָרן־פּי, פערד, שעפּסן, כאזיירים און קאָרעטעס, בעט־געוואנט און שטוב־כפייצים דערמאָנען אָן א באנאכטיקער סרייפע. פלאמען פאָנטאנען שלאָגן פון טיף, פון פארסאמטער ארומיקײַט, פון ארומיקע טענטש־לעכע קערפּערס. נאָקעט, ווי אין א מיליטערישער קאָמיסיע, שטייען די מאנסבילן. עס טאנצן קליינע קינדער און עס האָרבן זיך אלטע לײַט. ווי ווילדע שאמאנען, ווי מעטורעפּע דערווישן טוען זיי טפילע באם שײַטער. אין ברייט צעוואָרפענע העמט האלטן זיי פאר צוויי ארבל די אויסגעטאָענע העמדער און פאָכן מיט זיי אפן פײַער. און אָן א מעכיצע, א צווייטער שײַטער — פרויען, זיי טוען דאָסזעלביקע, וואָס די מענער. אָט די נאָקעטע פרויען פלעפּן דאָס אונדז. פאראן שיינע, געזונטע, יונגע, רונדע... זיי בריִען אונדז, שלאָגן אין קאָפּ, ווי שטארקער ווײַן... מע טרייסלט. איך קוק זיך צו צו קאלאורן: ער שטייט געאָרעמט מיט א בוים, ציטערט ווי א נידעריקער צווײַג איבערן פלאקער פון שײַטער.

— מיר גייען צוריק?

קאלאור איז שטום. ער האָט זיך פארקניפּט מיטן פרויען־קנויל".

ברעגמאן האָט ניט אויסגעטיילט אין דעמדאָזיקן פײַנלעכן בילד פון פּאָגראָמירטע פויערים און פון זייער אומקום דעם ס אָ צ י א ל ן כאראקטער, די אופרײַס־קראפט, וואָס ליגט אין דעם פארבאָרגן. דידאָזיקע פאקטן זײַנען דאָך געוואָרן פ א ק ט ע ר ן פון בירגער־קריג, פון רעוואָליוציע! אָבער ברעגמאן זעט דעמדאָזיקן בילד דורכן נעפּל פון עראָטישע און ביאָלאָגישע אינסטינקטן. ער דעקט ניט אוף דעם אינהאלט דערפון און מאכט ביליק דעם גאנצן קינסטלערישן אָנלאָד, וואָס אזא בילד פארמאָגט אינדערעמעסן. און עס העלפט ניט אינגאנצן ארויס ברעגמאנען סערגייעווס לאָגיש־סייכלדיקע רייד, ווען סערגייעוו נעמט אופקלערן אזעלכע בילדער.

„— דער פארגוואלטיקונג־גײַסט פון מילכאָמע — זאָגט ברעגמאן מיט סערגייעווס מויל — שוועבט אום איבערן וואלד, קנעט פרויִשע לײַבער, טראָגט זיך אין די הימלען אין באָמבעס פון צעפּעליגען, פלאטערט מיט פײַער איבער דערפער און שטעטלעך. — ער זיפצט אָפּ: — דער גיפט פון מילכאָמע פארביטערט די הערצער, פארסאמט די לופט, שטעקט אָן מיט ווענערישע קראנקהײַטן יונגע, אומשולדיקע, ציכטיקע פויערישע מיידלעך און פרויען, פארוואָרצלט זיך אין רויעס."

דאָ, אין סערגייעווס ווערטער, וואָס באהאלטן א סאָציאַלן מיין, וועלכן סערגייעוו קען צוליב פארשטענדלעכע טעמים אָפן ניט ארויסברענגען — דאָ איז ניטאָ אזא גרויסע איבערצײַגונג־קראפט, ווי אין דעם בילד מיט די נאקעטע פויערים און פויערטעס.

צו דעמזעלבן מין בּיאָלאָגיסטישן לייזן סאָציאַלע פּראָבלעמען קומט ברעגמאן, ווען ער נעמט זיך אויסמאָלן אין גײַסט פון סענטימענטאלקײַט די ברוטאלקײַט פון מילכאָמע:

„בין איך א שווער־פארוואונדעטער? קען בלײַבן בא די דײַטשן?" איך ליג אפ היי. איך בין הונגעריק, דאָרשטיק, איינזאם און עלנט... איך האָב נײַן און דרײַסיק מיט אייגער. בין באם זינען. איך ווענדע מײַנע בליקן צו דער ווײַטער שיפּועדיקײַט פונעם טשערעשנעם דאך, וווּ שוואלבן האָבן צוגעקלעפּט זייערע נעסטן צו די קראָקוועס און שלאָפן רויִק מיט זייערע קינדער... די שוואלביקע נעסטן, וואָס שווארצן זיך ווי קאראקול, ווי פּיסקעלעך פון נארוואָס געבאָרענע שעפּעלעך, פארפירן מיר אין ווײַטער פארגאנגענהײַט, צו יוגנט... געווען איז שניט־צײַט: פולע פורן מיט פעטאלענע גארבן סקריפּען אפ ניטגעשמירטע אקסן, עס הירזשען די פערד, און די לאבעדריקעס שמירן זיך אין קאלך און ווײַסן שוויצעכץ. איך בין אין שטאל. געשווינד א קלעטער געטאָן צו דער שוואלבן־נעסט, ארויסגענומען די האלבאָנגעטאָנענע פייגעלעך — און אין בוזעם. אראָפּגעקראָכן און אפן שמעקעדיקן היי מיטן קאָפּ הויך פאריסן צו דער נעסט. געקימען די שוואלבישע מאמע. ווי א מעשוגענע זיך א וואָרף געטאָן צו דער פוסטער נעסט און אָפּגעפלויגן... מײַן קינדערש הארץ האָט זיך דערבארעמט, ארויסגענומען די פייגעלעך, ארײַנגעלייגט אין היטל און באוויזן: „אָט זײַנען אײַערע קינדערלעך, זיי האָט גאָרניט געשאדט, איך וועל זיי אײַך אָפּגעבן צוריק".

אן אלעגאָריע, וואָס דער נימשל אירער, אומאָפּהענגיק פון די גוטע קאַוואָנעס, איז א שעדלעכער, כאָטש די נאיווקײַט, מיט וועלכער ברעגמאן דערציילט עס, פארטעמפּט עטוואָס די פריקרעקײַט פון פארגלײַכן מילכאָמע מיט בארויבן... א פויגלשן נעסט. די געזעצן פונעם סאָציאַלן לעבן זײַנען פיל קאָמפּליצירטער, די קאָנפליקטן אין געזעלשאפטלעכע לעבן זײַנען „אומדערבארעמדיקער" ווי די קינדערשע איבערלעבונגען ארום א פויגלשן נעסט. די רויבערישע מילכאָמע האָט א באשטימטן קלאסן־ציל און אָן דעמדאָזיקן קלאסן־ציל קלאמערט זיך די בורזשואזיע מיט אלע אירע קויכעס. צו וואָס זשע איז דאָ די מײַסע מיט צערטלעכע סענטימענטן פון א יִינגל־רויבער, וואָס האָט אופגעציטערט פון כאראָטע, בײַס ער האָט דערהערט די וויגעשרייען פון די אומבאשיצטע שוואלבן?!!

א גרויסע לאסט פון בּיאָלאָגיזם דריקט אפ ברעגמאנען! דידאָזיקע לאסט דערפירט אים אפילע דערצו, אז אין איין אָרט פון בוך פרווט ער ארויסברענגען רעוואָליוציאָנערע אופברויזונג, ווי א דירעקטן רעזולטאט פון אומענטשלעכע פאמיליענווייטיקן: אזוי טוט ברעגמאן אין דעם אָרט, ווו ער שילדערט, ווי די פרוי פון דעם אמפּוטירטן מיכאל קאליסטראטאָוויטש ווערט דערבראכט צו מעשוגאַס פון דעם מאנס פארקריפּלטן אויסזען, און זי צעשרײַט זיך איבערן גאנצן האָספּיטאל:

— איך זע זיי... זיי קומען שוין... זיי נעמען זיך צענויף, זיי קלאמערן אין פויסטן זייער צאָרן... זיי הייבן זיך... זיי שטעלן זיך אין רייען... א, ווי זיי וואקסן! פעסטע געפאנצערטע ווענט פון שטאָלענעם ווילן טראָגן זיי מיט"...

דאָס איז ניט רעאל, אָן מאָטיווירונג. די רעוואָליוציאָנערע אופברויזונג אין די פרויִשע מאסן האָט בײַס מילכאָמע אינדערעמעסן זיך אופגעהויבן אפ א גרויסער

הייך, אָבער דאָס איז געווען א רעזולטאַט פון סאָציאַלע קלאַסן־פאַקטאָרן, זיי זײַנען רײַף געוואָרן פון סטיכייִשן, איך אָנהייב ניט באַוווּסטזיניקן געפיל פון אומצופרידנ־קײַט און האָבן זיך אופגעהויבן צום שטאַפל פון רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזירטקײַט („פעסטע געפאַנצערטע ווענט“) דאַן, ווען צום אוממיטלבאַרן ווייטיק איז צוגעקומען פאַרשטאַנד פאַר די קלאַסן־קאַמפן, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געדאַרפט נעמען צעוויקלען. האָט דאָך אונדז פריִער ברעגמאַן געוויזן, אַז דיזעלביקע מילכאָמע־פּײַן רופט בא פויערים אַרויס בלויז קרעכצעניש און שרעק, מיט וואָס וועט ער באַרעכ־טיקן דאָס, אַז א פּײַן־בילד ס ט א ם רופט אַרויס קלאַסן־באַוווּסטזיניקע... האַליוצי־נאַציעס? אָבער די זאַך איז אין דעם, וואָס דאָ האָט ברעגמאַן זיך אָפּגענויגט צו אונטעראָרדענען די סאָציאַלע געזעצן צו די ביאָלאָגישע.

4

ניט געקוקט אַף דידאַקטיקע פּעלערן, איז אין צווייטן בוך שטאַרק בולעט ברעג־מאַנס דראַנג צו שילדערן ריכטיק דעם אָנוווּקס פון רעוואָלוציע און די געבונדנקײַט פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אַפן פראָנט און אין „טיל“.

„זונעלע—שרײַבט גוטערמאַנס מוטער אין איר בריוו צום זון אַפן פראָנט—ווען וועט זיך שײַן דאָס אַלץ קאָנטשען? אַרויסגעטריבן פון דאָרף. אין פּירונצוואַנציק שאָ געהייסן פאַרלאָזן די שטוב. ווייס דאָס, זונעלע, ווי שווער עס איז אונדז געווען צו פּריכילען זיך, פאַרמאָגן אַ איינענעם ווינקל. ווערסט גלויבן, זונעלע, עס איז דאָך א כילעל האַשעם, נאָר מיר האָבן שוין אומגעהערט גלויבן. אַז עס איז פאַראַן א גאָט אַף דער וועלט... און פרעג פאַרוואָס קומט עס אונדז?“...

אַזוי ווערט רײַף די רעוואָלוציאָנערע סטיכייע, דער ווידערשפעניקן, אין די קליינבירגערלעכע האַרעפּאַשנע מאַסן, עס וואַקסט אָן די שטרעבונג צו שאָלעם, אָבער ניט צום אָפּאָרטוניסטישן שאָלעם אין שוטפעס מיט דער בורזשואַזיע. „די מילכאָמע באַשאַפט א רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע, געבווירט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און ברויזונג אין די מאַסן, רופט אַרויס אומעטום אין דעם בעסטן טייל פון פּראָלעטאַ־ריאַט דעם באַוווּסטזײַן פון אונטערגאַנג פונעם אָפּאָרטוניזם און פאַרשאַרפט דעם קאַמף מיט אים. דער וווּקס פון פאַרלאַנגען א שאָלעם אין די אַרבעטנדיקע מאַסן דריקט אויס זייער אַנטוישונג, דעם קראַך פון בורזשואַזן ליגן וועגן פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, דעם, אָנהייב פון אויסקלאָרן דעם רעוואָלוציאָנערן באַוווּסטזײַן בא די מאַסן“ (לעניןֹ).

ברעגמאַן באַווײַזט, ווי אין די קליינבירגערלעכע שיכטן פון שטאָט און שטעטל פּלאַצן די „בורזשואַזע ליגנס“ און עס ווערט אויסגעראַמט דער „קאַוטסקיאַנישער טינעף“ פון אָפּאָרטוניזם. דער מאַמעס ווערטער וועגן אופהערן גלויבן אין גאָט, וועלכע ווערן אַרגומענטירט מיט די שאַרפע ווייטעקן פון מילכאָמע, איז א באַשטע־טיקונג פון באַנקראָט פון א גרויסן איליוזאָרישן קויעך (רעליגיע), וואָס שטייט צו דינסט דער בורזשואַזיע. ווי זשע האָט ברעגמאַן באַוויזן דעם קראַך פון בורזשואַזע איליוזיעס אין די אַ ר ב ע ט ע ר ־ מ אַ ס ן?

ברעגמאַן האַלט זיך ניט, ווי מיר האָבן געזען, אין די ענגע ראַמען פֿון פראָנט. מיר וועלן א קוק טאָן וויאַזוי באַווײַזט ער די שטימונגען בײַ די אַרבעטער־מאַסן פֿון „טיל“. אויף דעם זײַנען אָפּגעגעבן די קאַרגע 20 זײַטלעך פֿון דעם קאַפּיטל „אין נאָענטן הינטערלאַנד“. דאָ איז געוויזן סטעפּאַנטשוקס היים, זײַן פֿרוי — א באָלשעוויטשקע; א גרופּע אַרבעטער, אַן אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿון באָלשעוויקעס. די צייכענונג איז דאָ, צום באַדויערן, צופֿיל געאײַלט, פֿאַרבײַגייענדיק; סטעפּאַנטשוקס היים, די פֿרוי זײַנע זײַנען געגעבן גוט, מיט טאַקט, איבערצײַגנדיק, אָבער פֿראַגמענטאַריש. דאָ איז געווען א גלענצנדיקער צופֿאַל פֿאַרקניפּן אויף פֿעסט דעם פֿראָנט מיט די באָלשעוויסטישע אַרבעטער, און ברעגמאַן האָט עס ניט גענוג אויסגענוצט. די באָלשעוויקעס זײַנען ניט באַוויזן מיט דער גענוגנדיקער בולטקײַט, ברעגמאַן קען זיי אַ סאַך ווייניקער, ווי די סאָלדאַטן פֿון פֿראָנט, וועלכע ער האָט אויסגעלערנט און מיט וועלכע ער האָט געוויטיקט לאַנגע יאָרן פֿון פֿראָנט־לעבן. ווען ברעגמאַן נעמט פֿאַרצייכענען א באָלשעוויסטישע פֿאַרזאַמלונג, קומט זי אַרויס אַ סאַך בלייכער ווי א פּאָשעטער דיאַלאָג פֿון זײַנע צוויי סאָלדאַטן.

„א יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן אויף א פֿעסל לעבן יעגאָראָוון, א הויכער סטודענט אין ברילן אויף דער שמאָלער נאָז, האָט אַלץ אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט, און ווי נאָר סערגײַעוו האָט געענדיקט ריידן האָט ער גענומען א וואָרט:

— מיר זײַנען דאָ — האָט ער אָנגעהויבן שטיל און רויִק מיט א לאַנגזאַמען באַוועג פֿון זײַן רעכטער האַנט אויף אַרויף, ווי ער וואָלט דיריזשירט מיט א כאָר — מיר דאָ אין הינטערלאַנד טוען אַלץ אויף צו פֿאַרגרינגערן אײַך אײַער לעבן, אויף צו פֿאַרקירצן, פֿאַרגיכערן דעם סאָף פֿון דער אָרדענונג און אײַך צו באַפֿרײַען“.

ניט א באָלשעוויק וואַקסט אויס פֿאַר אונדזערע אויגן און ניט דאָס זײַנען די ווערטער, וואָס ער דאַרף זאָגן אין נאָמען פֿון די אַרבעטער צו די פֿראָנט־סאָלדאַטן. ווערליק ווי דער באָלשעוויק רעדט דאָ בײַ ברעגמאַנען, קען זיך באַקומען, אַז דער סאָלדאַט איז אין די אויגן פֿון די באָלשעוויקעס א פּאַסיווער אָביעקט, וועלכן די אַרבעטער גייען באַפֿרײַען. די באָלשעוויקעס אָבער, ווי עס איז באַוווּסט אויך ברעגמאַנען, האָבן דעם סאָלדאַט געוואָלט מאַכן (און געמאַכט) פֿאַר אַן אַקטיוון אָנטיילנעמער אין דעם בירגערקריג.

מיט מער דערפֿאָלג מאָלט ברעגמאַן פֿראָנט־באָלשעוויקעס. סטעפּאַנטשוק און סערגײַעוו וואַקסן אין זייער רעוואָלוציאָנערישקײַט. זייערע אומפּאַרטייִשע טאָלמידים — גוטערמאַן, קאַלאָור — ווערן אויך אַלץ רײַפֿער, כאָטש אין זיי וועקן זיך נאָך אָפֿט אויף בורזשואַזע און קליינבירגערלעכע אילוזיעס. סטעפּאַנטשוק, סערגײַעוו און זייערע סימפּאַטיקער זײַנען אין די מאַסן, און זיי גיבן אווידערשטאַנד די סקריפּקעס און מוכאַס — די פֿאָרשטייער פֿונעם קוואַס־שאָוויניזם און סאָציאַלן פֿאַראַט.

— „גוט וואָס די דײַטשן זײַנען פֿאַרלאָפֿן אַפּדיִער, פֿאַרשפּאָרט מען שיסן, זאָגט איראָניש דער לעט יאַקובאָוויטש.

— גוט, וואָס דו ביסט אונדזערער א סויגע, א לעט, — האַלט ניט אויס סקריפּקע, — דיך אַרט אַזוי פֿאַר רוסלאַנד, ווי מיך פֿאַר דײַן ריגע.

— ריגע איז אויך רוסלאַנד, — שמייכלט יאַקובאָוויטש, — ביסט א שלעכטער פּאַטריאָט“.

אין דעמדאָזיקן קורצן דיאַלאָג איז באַוויזן די מאַפּאָלע־שטימונג בא די רע־וואָליוציאָנערע סאָלדאַטן און זייער ווידערשטאַנד דעם פּאַטריאָטיזם פֿון די באַלע־בּאַטישע עלעמענטן אין דער אַרמיי. מיט אַזעלכע דעטאַלן ווײַזט ברעגמאַן די סאָ־ציאַלע דיפֿערענציאַציע אין דער אַרמיי און צעקלאַפּט דערמיט די רעמאַרקישע אי־דעאַליזאַציע פֿונעם פֿראָנט, ווי א אומגעבונג פֿאַר סאָלידאַרער איינהייט פֿון דער „סאָלדאַטישער מישפּאָכע".

ביכלאַל געלינגט ברעגמאַנען אויסנוצן דעם דיאַלאָג און געשפּרעך דאַן, ווען ער האָט צו טאָן מיט סאָלדאַטן. דידאָזיקע פֿאָרם נוצט ער אויס מיט דערפֿאָלג צו אויפֿ־דעקן שטימונגען אין דער אַרמיי און צו באַווײַזן די סאָציאַלע באַפֿאַרבונג און די שטימונגען פֿון באַזונדערע גרופּן סאָלדאַטן.

„איך פֿאַרפֿיר א געשפּרעך מיט אַבראַמאָוון וועגן קלאַסן־צעטיילונג, וועגן די גרויסע פּער־ספּעקטיוון פֿון „קומענדיקע" שלאַכטן, און איך איבערצײַג זיך, אַז אַבראַמאָוו איז נאָך אַלעמען א קליינבירגער.

— די מילכאָמע דאַרף מען פֿאַרענדיקן מיט זיג, ווײַל אַז ניט וועט זיך די גאַנצע לאַסט פֿון קאָנטריבוציע, דער שאָדן, וואָס די מילכאָמע האָט אָנגעמאַכט, לייגן אַף די פֿאָלקס־מאַסן...

איך „זאָגדיר": — וואָס מיינסטו, אַבראַמאָוו, אַז אויב מיר וועלן פֿאַרשפּילן די קריג, וועט בלײַבן ווי עס איז. ווי עס איז געווען?

אַבראַמאָוו דרייט זײַנע וואָנצעס, פֿאַרויכערט און זאָגט:

— קיין פּאָליטיקער בין איך קיינמאָל ניט געווען, נאָר מײַן מיינונג איז אַזאַ: דאָס, וואָס מע האָט אין פֿינפֿטן יאָר צוגעזאָגט און ניט אויסגעפֿילט, וועט מען מינאַסטאַם איצטער אָפּגעבן דערווײַלע איז דאָס גענוג. אונדזער פֿויער איז נאָך א רויער מאַטעריאַל".

אַבראַמאָוו איז דאָ טיפּיש געגעבן (כאָטש אומזיסט פֿאַרנעמט זיך ברעגמאַן מיט צושפּילען אים זײַן מישפּאָכע־פּאַספּאָרט, — דאָס, וואָס אַבראַמאָוו איז פֿאַקטיש געווען א זון פֿון אַן אַלטן אַרבעטער איז דאַווקע ניט טיפּיש פֿאַרן מענשעוויק). ערגער איז מיט גוטערמאַנען, אין וועמעס נאָמען עס גייט די דערציילונג. ברעגמאַנען פֿעלט דאָ פֿאַרבן, ער מאָביליזירט ניט דערבײַ זײַן דיכטערישע פֿאַנטאַזיע, עס פֿעלט די פּאַסיקע לעקסיק.

געלונגען באַקומט זיך בא ברעגמאַנען, ווען ער גיט א שמועס פֿון 2 אַרטילע־ריסטן אַף דערזעלבער טעמע, און ער אַליין שטייט אָן דער זײַט: דער אַרטילעריסט זיאַלאָוו רעט מיט זײַן כאַווער לירעאָוו וועגן דער מילכאָמע און פֿאַרגלײַכט זי מיט די געשעענישן אַף כאָדינקע:

„מע האָט געהייסן זיך קלײַבן אַם כאָדינקע. זיך פּרייען מיטן קייסער. איז מען געגאַנגען און מען איז צעשטיקט געוואָרן. איצטער הייסט מען גיין אַף מילכאָמע, גייען מיר און לייגן די קעפּ. אַף דערוף זײַנען מיר דאָך רוסן. מע שיקט, גייען מיר.

לירעאָוו איז ניט אײַנשטימיק מיט דעם פֿאַרגלײַך.

— דאָ פֿאַלט אַף דיר אָן דער סוינע, מוז מען דאָך גיין זיך פֿאַרטיידיקן, אָבער דאָרטן, דענסטמאָל?

— מיילע, די גאַנצע וועלט פֿאַרנעמט איך זיך ניט צו רעמאָנטירן (לערגען).

— ווער איז אַף דיר אָנגעפֿאַלן? ווּעלכער דײַטש וואָלט געקומען צו דיר און שיסן דיך? מאַמזיירים! — טופֿעט ער מיטן געפּראָרענעם שטיוול אָן טראָטואַר — ווער האָט דאָס אײַך אויסגע־לערנט צו לײַגן אַזוי גלאַט?

— איז ווי איז דײַן מיינונג. מיר לויפֿן אַלע אַליין מילכאָמע האַלטן?

— מע שיקט אונדז... עמעצן לוינט דער אייסעק"...

אזא דיַאלאָג באווײַזט דעם ווּקס פונ פּאָליטישער רײַפקײַט אונ אקטיװקײַט אונ גיט דעם מאסאָװנ סאָלדאט מיט זײַנע מאפּאָלע-שטימונגענ. באם שילדערנ מענטשנ פונ דער מאסע איז ברעגמאנ מער אינדערהיים מיט זיינע קינסטלערישע מיטלענ, װי באם שילדערנ די אָרגאניזירטע רעװאָליוציאָנערנ, כאָטש ער שטרענגט זיכ זייער אָנ צו געבנ דאװקע די בעסטע באָלשעװיקעס, אונ אימ גיט זיכ בא אלע שטרוּיכ־לונגענ אײַנ צו אָנדײַטנ, אז דער קערנ פונ רעװאָליוציאָנערנ ברוגז שטעקט אינ די סטעפּאנטשוקס אונ סערגייעװס.

דער רעװאָליוציאָנערער אָנברויז אינ די מאסנ, דער סטיכישער דראנג, איז באװיזנ בא ברעגמאנענ אינ אסאכ סצענעס: בא דער קיכ, אינ שפּײַז־געצעלט, אינ שמועסנ צװישנ סאָלדאטנ א. א. װ. א. ד. ג. דידאָזיקע סיטואציעס זײַנענ אסאכ איבערצײַגנדיקער אינעמ בוכ, װי א ריי לירישע אונ אװטאָביאָגראפישע מאָמענטנ. באמ מאָלנ די סאָלדאטישע מאסע געלינגט ברעגמאנענ בעסער זיכ אָנהאלטנ אָנ דעמ סאָציאלנ פּאָדעמ אונ געדענקענ, אז מילכאָמע איז ניט קיינ פּראָבלעמ פונ אינדיװי־דועלע סענטימענטנ. אָבער בייסנ שילדערנ אייגענע איבערלעבונגענ פארגעסט אָפט נאָכ ברעגמאנ די געזעלשאפטלעכע שארפקײַט פונ דער פּראָבלעמ, װאָס ער שטעלט, אונ דערקײַקלט זיכ צו מאכנ דערפונ בלויז א קלײנינקע פּערזענלעכע טראגעדיע.

5

פונ די אופקומענדיקע רײַפּ־װערנדיקע אינ דער מילכאָמע מאסאָװיקעס־רעװאָליו־ציאָנערנ איז ברעגמאנענ געלונגענ שטארק פארשטריכירנ אינ זײַנ אומופהערלעכנ װוּקס דעמ אָרעמפּויערישנ סאָלדאט קאלאור. דאָ האָט ברעגמאנ שטארק ארויסגע־װיזנ קינסטלערישנ טאלאנט, גוטנ װיסנ פונעמ מענטשנ־מאטעריאל, ריכטיקנ באגריפ פאר אָפּצייכענענ אנטװיקלונג־שטופּעס, געפיל פונ מאָס. קאלאור איז דאָ אינעמ בוכ די גאנצע צײַט, ער איז גענומענ פונעמ ערשטנ מאָמענט פונ מאָביליזאציע. קאלאור קומט אינגאנצנ א סאָציאל־אינדעפּערענטער, ער האָט אינ דאָרפ געװוּסט בלויז פונ זײַנ װירטשאפט אונ היימ, די מילכאָמע האָט אימ ארויסגעשלעפּט פונ דער װײַסרוסישער פּראָװינצ, אונ געװאָרפנ אינ א גרויסנ סאָציאלנ קאָנפליקט. ברעג־מאנ באװײַזט, װי די שארפע װינטנ פונ קלאסנ־קאמפ שלײפנ אויס פונ קאלאורנ א מענטשנ, װאָס נאָכ איינ שטויס—אונ ער װעט װערנ א רעװאָליוציאָנערער סאָל־דאט, אנ אקטיװער אָנטיילנעמער פונ דער רעװאָליוציע, כאָטש אינעמ ערשטנ מאָ־מענט איז ער פארפלעקט מיט פּליאמעס פונ פּויערישנ פארנעפּלטנ באנעמענ די רעװאָליוציע.

„ — װעט ניט אופרײַסנ אינ לאנד, װעט אפנ פראָנט זײַנ רויק,—זאָגט אװטאָריטעטיש סערגייעװ.

— אונ איכ זאָג—מישט זיכ ארײַנ קאלאור,—אז דעמ רוסישנ מוזשיק דארפ מענ אונטער־הייבנ, דערציילנ אימ פּראָסט אונ פּאָשעט אלע זײַנע „װיגאָרעס", אונ דו האָסט אימ פארנ בעסטנ בונטאר. ער איז א מײַסטער אפ צינדנ גיטער, װעלדער...

— נאָכ דײַנ מיינונג—זאָגט סטעפּאנטשוק—װענדט זיכ אינגאנצנ אָנ די פּויערימ אלייננ?

— געװיס. די פּויערימ קאָנענ אָנהייבנ צינדנ די מאיאָנטקעס, פארכאפּנ די ערד, װעט שוינ װערנ א שטיק סומאטאָכע..."

אַף דעם עטאַפּ פֿון רײַף װערן, אַף װעלכן עס געפֿינט זיך קאַלאָור, גיט ברעג-מאַן ריכטיק דעם דראַנג צו אַ „סומאַטאָכע” און בונטאַרישקײַט באַם רעװאָליוציאָניזירטן פּויער. קאַלאָורס פּויערישע באַגרענעצטקײַט מאָלט אים אויס אַ פּויערישע רעװאָליוציע, װאָס דער קאַמף פֿאַר ערד איז איר אײנציקער ציל.

אַזוי פֿירט ברעגמאַן אַרויס דעם װוּקס פֿון די מאַסאָװיקעס, זײער װעג צו דער רעװאָליוציע.

ברעגמאַן האָט נאָך ניט אױפֿגעהױבן זיך צו באַװײַזן אין זײַן גאַנצער פֿולקײַט דעם אַװאַנגאַרד פֿון דער רעװאָליוציע, אַף װיפֿל ער האָט פֿאַר זיך נאָך ניט די פֿולע פֿאָרשטעלונג װעגן דער ראָל פֿון דעם אַװאַנגאַרד. אַרבעטנדיק אין אַ געװיסער מאָס אַפֿן דאָזיקן מאַטעריאַל, האָט ער בלויז געװיס אַ ריכטיקע טענדענץ, און אין די װײַטערדיקע ביכער װעט ברעגמאַן דאַרפֿן גײן אַף דער ליניע פֿון גרעסטן װידערשטאַנד און געבן טאַקע אָט די דאָזיקע רעװאָליוציאָנערן אין זײער גאַנצער גרײס בײַסן בירגער-קריג, אין קאַמף קעגן קערענשטשינע, אין די שלאַכטן פֿאַר אָקטיאַבער-רעװאָליוציע. ברעגמאַן האָט טאַלאַנט, צו זײַן קינסטלערישער אידײע גײט ער צו ערנסט. דאָס זאָגט צו זײער אַסאַך, ניט געקוקט אַף דעם שלײער פֿון צעװײכטן ראָמאַנטיזם און סענטימענטאַליזם, אַף די נאַטוראַליסטישע שילדערונגען, װאָס זײַנען דאָ אין די צװײ אָפּגעדרוקטע ביכער.

★

ברעגמאַן דער שרײַבער איז אַ פּראָדוקט פֿון אונדזער אָקטיאַבער-רעװאָליוציע. זײַן טאַלאַנט װאָלט ניט אַנטפּלעקט געװאָרן אין די באַדינגונגען פֿון בורזשואַזער עקספּלואַטאַציע. אַן אַרבעטער פֿון קלײנװײַז אויף, אַ סאָלדאַט אין דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע, אַ פּאַרטיזאַן אין בירגער-קריג, האָט אים די אָקטיאַבער-רעװאָליוציע געעפֿנט אַ װעג צו דער רײַכער פּראָלעטאַרישער קולטור און אים געעפֿנט די מעגלעכקײַט צו רעאַליזירן זײַן לעבנס-שטאָף אין דער װאָרט-קונסט. און שוין האָט ער געגעבן 2 ביכער, גרויסע ביכער סײַ אין פֿאַרנעם, סײַ לויטן אינהאַלט. די ביכער זײַנען געשריבן מיט גרויסן טאַלאַנט, ניט געקוקט אַף דעם, װאָס עס זײַנען דאָ אַן אַ שיר סטיליסטישע האַמעטנע פֿעלערן, פֿעלערן אין געבוי.

ברעגמאַן דאַרף זײַן אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל פֿון מילכאָמע און אָנװוּקס פֿון רעװאָליוציע איבערשמעלצן און פֿורעמען אינעם פֿלאַם פֿון מאַרקסיזם-לעניניזם און פֿון דער א י צ ט י ק ע ר רעװ. פּראַקטיק פֿון די אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אַף דער צװישנפֿעלקערלעכער אַרענע. אַ בוך װעגן דער ג ע װ ע ז ע נ ע ר מילכאָמע און רעװאָליוציע מוז דינען קעגן דער ק ו מ ע נ ד י ק ע ר מילכאָמע און פֿ א ר דעם פֿאָרשטײענדיקן רעװאָליוציאָנערן בירגער-קריג. צו דעם דאַרף זײַן געװענדעט ברעגמאַנס גאַנג אין די װײַטערדיקע ביכער... דאַן װעט די הויכע מאָס פֿון קינסטלערישער װירקונג, װאָס קומט איצט אין ברעגמאַנס ביכער אין אַ גרויסער מאָס פֿון דעם װײטיק פֿאַר מענטשנס אומקום, אָן דער געהעריקער קלאַסן-באַציִקונג, באַשײַנט װערן מיט אַ קרעפֿטיקער פּערספּעקטיװ, װאָס באַװאָפֿנט און מאָביליזירט, װאָס װײַזט װי עס װערן ר ע א ל י ז י ר ט די אויסגערײַפֿטע אין דער מילכאָמע רעװאָליוציאָנערע קרעפֿטן.

יול, 1932

רעאביליטאציע פון פאָליטישן פעליעטאָן.

(האָראָדאָקער (דאָלגאָפאָלסקי). „מיט מײַן פען אין האנט“. מינסק. 1932).

1

צ. דאָלגאָפאָלסקי (האָראָדאָקער) איז געקומען אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור מיט פּראָזע, דראמאטורגיע און מיטן פעליעטאָן אין גראמען. עס איז אָבער קלאָר, אז זײַן „סטיכיע“, זײַן אייגנארטיקײַט, איז צווישן די אלע קונסט־פאָרמעס בוילעטער אויסגעדריקט אין די פעליעטאָנען. דאָס, וואָס דאָלגאָפאָלסקי איז געווען זייער פרוכט־באר דאווקע אף פּראָזע און דראמאטורגיע און ניט אפן פעליעטאָן, באווײַזט בלויז, אז ניט אלעמאָל גיט זיך אײַן דעם שרײַבער באצײַטנס באשטימען זײַן אייגענעם אָרט אין דער ליטעראטור און באצײַטנס אויסוויילן דעם ריכטיקן געווער, וואָס אנטשפּרעכט זײַן אָרט אין דעם שלאכט... דערמיט מיסטאָמע דאַרף מען דערקלערן דעם פאקט, וואָס ערשט נאָך א גאנצער סעריע ביכער אין פּראָזע און דראמע האָט דאָלגאָפאָלסקי אָפּגעדרוקט, ניט אָן דערמונטערונג פונדערזײַט, א ביכל פעליעטאָנען.

דאָלגאָפאָלסקי האָט דעביוטירט אין דער סאָוועטישער ליטעראטור מיט דעם ראָמאן „בא געעפנטע טויערן“. אין אים איז ניט גענוגנדיק אופגעדעקט די געזעלשאפטלעכע באדײַטנדיקײַט פון דער טעמע, עס איז דאָרט נאטוראליסטיש פיקסירט דער ערשטער פעריאָד פון אונזער רעוואָליוציע. די ערשטע זיגן פונעם באָלשעוויזם און די ברייטע שיכטן ארבעטער און ארבעטנדיקע זײַנען אין דעם בוך באוויזן ניט מיט דער געהעריקער פולקײַט, ניט מיט דעם גענוגנדיקן טראָפּ אף דאָס צענטראלע, ניט דערהייבן און פאראלגעמיינערט פונעם שטאנדפּונקט פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. ווי אן ערשטער בוך, וואָס האָט אופגעדעקט, זאָל זײַן ניט גענוגנדיק, דעם פּאָנים פון דעם בונדיש־קרעמעריש־ציאָניסטישן קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן בלאָק, וואָס האָט גלײַכצײַטיק דערמיט געגעבן שטריכן צו א צייכענונג פון א קעמפער־באָלשעוויק,— ווי אזא איז „בא געעפנטע טויערן“ אומזיסט פארשוויגן געוואָרן.

נאָך „בא געעפנטע טויערן“, איז, אויב ניט רעכענען קלענערע זאכן (שטייגער־פעליעטאָנען), דאָלגאָפאָלסקי ארויסגעטראָטן מיט דער פּיעסע „מאשינעס־גערانגל“ און נאָך שפּעטער—מיט דער זאמלונג „אף סאָוועטישער ערד“. אויב מען זאָל אין

קורצנ וועלנ אָפּשאצנ דיביידע ווערק אונ פארגלײַכנ זיי מיט דעם ערשטנ בוכ פונ אווטער, דארפ מענ זאָגנ, אז דאָלגאָפּאָלסקי ענדערט אינ די לעצטע צוויי ביכער די טעמאטיק. ער גייט איבער פונ בירגער־קריג צו בויונג—צו אינדוסטריאַליזאציע אונ קאָלעקטיוויזאציע, ער גייט איבער גלײַכצײַטיק דערמיט צו א נײַעמ טיפּאזש. אָבער ער בלײַבט אינ א גרויסער מאָס אפ דעמ פריערדיקנ אידעאָלאָגישנ ניוואָ, ער בלײַבט נאָכ אלצ אינ דידאָזיקע ווערק אינ דער ספערע פונ נאטוראַליסטישער, עמפּיריסטישער שילדערונג. פאר „מאשינעס־גערוּאנגל", לעמאָשל, האָט מענ כ' דאָלגאָפּאָלסקין שטארק געזידלט, ווענ מענ האָט געזענ די פּיעסע אינ דער פאָרשטעלונג פונעמ יידישנ מעלוכע־טעאטער. פארוואָס געזידלט? דערפאר, ווײַל אינ איר איז דאָס פארבײַטנ טיפּישע דערשײַנונגענ פונ אונדזער לעבנ מיט צופעליקע איינצל־פאקטנ אָפּט אויסגעוואָקסנ צו בוילעטער פּאָליטישע פארקריפּלונג: עס איז אזוי געשילדערט די לאגע, אז עס ווערט געפירט אנ אקציע צו ארויסוואַרפנ עלטערע ארבעטער פונ סאָוועטישע אונטערנעמונגענ. פאר דאָלגאָפּאָלסקען איז דאָס סוביעקטיוו געווענ א מינ אומשולדיקער שילדערנ פונ א פאקט, וואָס האָט געהאט אנ אָרט; פאר דעמ צושויער איז דאָס אָבער געווענ א פאראלגעמיינערטער שפּיגל פונ דער לאגע אינ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. דער פּראָטעסט קעגנ אזא שילדערונג איז געווענ א גערעכטער. דאָס זעלבע—„אפ סאָוועטישער ערד". דאָרט ווערט, לעמאָשל, אינ איינ דערציילונג געשילדערט וויאזוי פונ א געוועזענעמ כאזנ (אָדער מעלאמעד? לערער?) ווערט א האָרעפּאשניק, אדאנק דער לענינישער נאצפּאָליטיק. דער לעזער נעמט אופ אזא דערציילונג, ווי א טיפּיזירטע פארקערפּערונג פונ דער פּארטייפּאָליטיק בענעגייע די יידישע ארבעטנדיקע מאסנ, אונ ער פּראָטעסטירט, ער פּראָטעסטירט מיט רעכט, ווײַל אויב וו־עס־איז האָט זיכ אויכ א געוועזענער כאזנ, ציִ א העברעישער מעלאמעד ארײַנגערוקט אינ א קאָלווירט, הייסט עס ניט, אז דורכ אימ קענ מענ ווײַזנ דעמ פּראָצעס פונ היילפּ דער יידישער אָרעמקײַט. דער שרײַבער האָט געדארפט ווײַזנ די לענינישע נאצפּאָליטיק, אונ באווײַזנ האָט ער זי־פאקטיש ווי אזא, וואָס דינט צוהילפּ דעמ אָפּאָרטוניזמ, דעמ פרידלעכנ ארײַנוואקסנ פונעמ קלעריקאַלנ עלעמענט אינ סאָציאַליזמ.

אינ די דערמאָנטע ווערק האָט דאָלגאָפּאָלסקי זיכ נאָכ ניט באוויזנ ווי אזא, וואָס דעקט אופ פונ עכט־פּראָלעטארישנ שטאנדפּונקט די קלאסנ־קאמפנ, דעמ פּראָצעס אונ די טענדענצנ פונעמ לעבנ אינעמ לאנד פונ סאָציאַליזמ, כאָטש ער האָט אינ זיי געוויזנ, אז ער שטרעבט דאָס צו טאָנ. דער ארבעטער,—דער פעסטער, דרייסטער, אומגעוואקלטער מיטגליד פונעמ העגעמאָנישנ קלאס בא אונדז אינ לאנד פונ פּראָלעטארישער דיקטאטור, איז בא אימ ניטאָ, עס איז דאָ דער קליינבירגער, דער אייגנטימערהאָרעפּאשניק, דער האָרעפּאשניק־אינטעליגענט, דער אָפּגעשטאנענער עקיסטישער ארבעטער, דער אופגעריכטער אָרעמאנ, דער נעכטיקער געוועזענער גוויר אונ קלעריקאַל, איבער וועלכנ מע דערלויבט זיכ לײַכט א שמייכל טאָנ אונ אימ אוועקמאכנ מיט דער האנט... די אידייִשע טענדענצ אינ אזעלכע ווערק, ווי „בא געעפנטע טויערנ", „מאשינעסגעראנגל" אונ „אפ סאָוועטישער ערד" איז ניט טיפ אונ לײַדנשאפטלעכ, זי דערגרונטעוועט זיכ ניט צו די טיפסטע איבערברוכנ, וואָס עס מאכט די אָקטיאבער־רעוואָלוציע אינ די געזעלשאפטלעכע באציִונגענ. זי פירט ניט ווי געהער צו זײַנ צו די

פונדאמענטנ אונ וואָרצלענ פונ די קלאסנ־שלאכטנ; די אידיישע טענדענצ פונ די אויסגערעכנטע ווערק נייגט זיכ מערער אָפּ צו זײַנ אנ אופקלערערישע: די פּאָזיטיווע פיגורנ זײַנענ מער סענטימענטאל־אימפּרעסיאָניסטיש, ווי רעאליסטיש־עמעסדיקע, ארויסגעבראכטע פונ דעמ ברויזנדיקנ רעוואָלוציאָנערנ לעבנ אונ קאמפּ אינ די סאָוועטישע באדינגונגענ.

2

די פּראָלעטארישע רעוואָלוציע, בייס וועלכער עס פאלט די הערשאפט פונ די עקספּלואטאטערישע קלאסנ, עפנט פאר די שרײַבער, וואָס שטרעבנ זיכ באפרײַענ פונ דער בורזשואזער אונ קליינבירגערלעכער אידעאָלאָגיע, די מאקסימאלע מעגלעכקײַט צו שטעלנ זיכ אפנ וועג פונ פּראָלעטארישער ליטעראטור. אָבער דער אקט פונ רעוואָלוציע אליינ פאר זיכ שטויסט נאָכ ניט ארויס מיט איינ קלאפּ פונעמ באוווסטזײַנ פונ דידאָזיקע שרײַבער די אָנשיכטונג פונ קליינבירגערלעכע איליוזיעס; אויב דער שרײַבער, וואָס איז געווענ אונטערנ דרוק פונ בורזשואזע פארורטיילנ, האָט ארײַנ־טרעטנדיק אינ דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע דערפילט איר עכט־באפרײַערישנ אָטעמ, איז עס נאָכ ניט שטענדיק די רעאליזאציע פונ ראדיקאלנ, אלזײַטיקנ רעוואָלוציאָנערנ איבערבּרוכ אינ אלע זײַנע אָנשויונגענ, שטאנדפּונקטנ, געשמאקנ, נייגונגענ, געוווינהײַטנ. אויסוואָרצלענ רעשטנ פונ בורזשואזער אידעאָלאָגיע וועלנ מיר נאָכ באדארפנ אינעמ צווייטנ פינפיאָר פונ אויסבויענ דעמ סאָציאליזמ. אידעאָלאָגישע איבערבאוואָפענונג פונ דעמ שרײַבער, וואָס איז געקומענ מיט א שווערער מאסע פונ קליינבירגערלעכע איליוזיעס, קומט ניט פאָר זעלבסטפליסיק, אווטאָמאטיש, — זי איז א רעזולטאט פונ ארבעט, פונ לערע, פונ אָנטייל אינ דעמ פּראָלעטאריאטס קלאסנ־פּראקטיק — אינ דעמ קאמפּ מיט די רעשטנ פונ קאפּיטאליזמ אונ מיט דער קליינבירגערלעכער סטיכיע, אינ דעמ קאמפּ מיט „זיכ”. אונ ווענ עס איז ניטאָ דידאָזיקע ארבעט אינ דער געהעריקער מאָס, קענ זיכ באקומענ, אז דער איבערפּלאנצנ זיכ אפּ א סאָוועטישנ באָדנ — בלײַבט א ריינ אויסערלעכער פאקט, וואָס דעקט צו קליינבירגערלעכע איליוזיעס, אויסערקלאסאָווע פאָרשטעלונגענ אונ אָנשויונגענ.

דעמ כי דאָלגאָפּאָלסקיס פאָריקער עטאפּ פונ שאפנ ווײַזט אָנ שומ סאָפּעק זײַנ שטרעבונג צו דינענ דעמ פּראָלעטאריאט, אָבער ער איז נאָכ ניט דער באוויַז, אז ער האָט זיכ שטארק באוואָפנט מיט לעניניסטישע אָנשויונגענ, כאָטש ער האָט איינער פונ די ערשטע אוועקגעגעבנ זײַנ פּענ דער באָלשעוויסטישער פּרעסע, דער סאָוועטישער טעמע, דעמ אקטועלנ, הײַנטצײַטיקנ מאטעריאל פונ דער רעוואָלוציע.

3

מיט זײַנ ביכל פעליעטאָנענ באקומט דאָלגאָפּאָלסקי דאָס רעכט צו ריידנ וועגנ אידעאָלאָגישנ וווקס. עס פרייט אונדז דעמדאָזיקנ וווקס אָפּצוצייכענענ בא א שרײַבער, וואָס האָט שטענדיק געשטרעבט דינענ דער פּארטיי אונ דעמ לאנד פונ סאָוועטנ.

אינ דעמ ביכל „מיט מײַנ פּענ אינ האנט” איז דאָ פּראָלעטאריש־קעמפערישער אָטעמ, דאָ האָט זיכ דאָלגאָפּאָלסקינ אײַנגעגעבנ: פארייניקנ איראָניע אפנ אדרעס פונעמ

קלאסן־פײַנט, מיט שארפן אויסדריק פון האָפּערדיק־אופריכטיקער מונטערקײַט און גלויבן אין דער שאפונג פון דעם סאָציאַליזם. דערדאָזיקער גרונט־שטריך וועבט דורך אַלע אָפּטיילן, אַלע טעמעס פון דעם ביכל, ער איז באזונדערס שארף אין דעם סאמע געלונגענעם און וואָגיקסטן אָפּטייל פון ביכל, אינעם ערשטן קאַפּיטל „פינפיאָר אין פיר".

מיר נעמען דעם ערשטן פעליעטאָן. זײַן טעמע איז—א דורכרײַס אף דער דובראָוונער טעקסטיל־פאבריק. „דובראָוונער דורכרײַס" קלינגט דאָ אָבער ניט אזוי לאָקאַל, אָפּגעגרענעצט. דאַלגאָפּאָלסקין געלינגט דאָ צו ט י פּ י ז י ר ן, צו נעמען דובראָווער „טעריטאָריע" ווי א צירקל פון קלאסן־קאמף. ער דעקט אוף דעם געזיכט פון קלאסן־סוינע, ווי ע ר ז ע ט א ו י ס א י צ ט. ער ווײַזט דעם אָפּאָרטוניסט, זײַן העלפער.

דער קלאסן־סוינע—
ער שפּאצירט אלעמאָל א ציכטיקער, א רייַנער,
ער איז ניט פויל
ארײַנרוקן דעם ארבעטער א לעפל סאָם אין מויל.
„זאָל נייב מײַן שאָס
„פון ארבעטער, פון באלעבאָס,
„נאָך בעסער איז פון קאָמוניסטן..
א ווערטעלע געכאפּט—
כא-כא־כא־כא־כא־כא
„אָפּאָר־טו־ניסטן".

דאָ איז געוויזן, וואָס עס איז דער א י צ ט י ק ע ר מאנעווער פון קלאסן־סוינע, ווי ער קליידס זיך איבער, דורך וועמען ער ארבעט.

די גאנצע קאָמבינאציע פונעם שטאָפּ אין דעמדאָזיקן פעליעטאָן, ווו עס ווערט אײַנגעמאָנטאַזשירט א בריוו פון ארבעטער וועגן דורכרײַס, „קאָמענטארן" (אויסטײַטשונגען) פונעם שרײַבער, אויסצוגן פון קלאסן־פײַנטלעכער קאָרעספּאָנדענץ, פארמאָלונגען פון דער קלייַנבירגערלעכער ארומרינגלונג און פון אירע רעשטן אף דער פאבריק, ארײַנגעזעצטע געלונגענע שטיקער, וואָס באווײַזן דעם מאטעריעל־שטייגערישן וווקס פון לאנד:

איך קען דיך, מאָרדכע, אָנזאָגן א בסורע־טויווע,
מע קלאפּט ארום די רייפן
אין אסטראכאן אף פרישע פעסער פיש—
דו וועסט ארײַנעסן געוויס.
די פיש, די פיש פארשטייען,
די פיש, די פיש זיי גייען
און נעמען אפן פישישן בוקסיר
די קאָלעקטיווע אָקסן פון טיביר."

דאָס אַלץ דעקט אוף דעם אָפּאָרטוניזם, ווי דעם אָנשפּאר פון קלאסן־פײַנט. דאַלגאָפּאָלסקי שטעלט זיך אפן וועג פון קאמף מיטן שטייגערישן אָפּאָרטוניזם, אויב מע קען זיך אזוי אויסדריקן, ד. ה. מיט יענעם מין אָפּאָרטוניזם, וואָס קריכט

צווישן די פינגער, וואָס ווערט געזייט אומבאמערקבאר אפֿן גרונט פֿון בלויזן און שווערקייטן אין דער ארבעט און אינעם שטייגער פֿון פֿאבריק. דער שרייבער שלאָגט אזעלכע שטימונגען:

„מיר שטייען אפֿ דער וואך—.
בא אונדז אין האנט דער שליסל?
און קאָנען מיר ניט—גיבן מיר אביסל
און קאָנען מיר—איז האָבן מיר אסאך"

אין דער ווענדונג־לאָקאל, באגרענעצט מיט דובראָוונע, איז דער פֿעליעטאָן, לויט זיין אלגעמיינעם טאָן, אויסגעוואקסן צו א קינסטלערישער ווערק און האָט אין זיך די קראפֿט פֿון מאָביליזאציע קעגן דורכרייסן.

דיזעלבע שטריכן קען מען מיט גרעסערער, אָדער קלענערער בוילעטקייט גע־פֿינען אין א ריי אנדערע פֿעליעטאָנען פֿון דעמזעלבן ציקל. מיר וועלן זיך אפֿ זיי ניט אָפּשטעלן, זיי אלע זיינען אין גרונט כאראקטעריסטיש מיטן געפֿיל צו דאָס צאפּלדיק־היינטיקע, וואָס דער שרייבער פֿארמאָגט. א שארפֿער שטריך אין אונ־דזער געזעלשאפֿטלעכן לעבן, וואָס האָט זיך געלאָזט פֿילן אין די אָדער יענע שטייגער־מאָמענטן, רופֿט בא דאָלגאָפּאָלסקען ארויס רעאגירונג מיט א פֿעליע־טאָן. זאָל עס זיין די איבערוואנדערונג („קריך אראָפּ פֿון אויוון"), אינדוסטריאליזא־ציע („דער שניידערישער קוימען"), דער אָרטיקער טראנספּאָרט („לייט אונדז א מא־שינע"), אָדער א נייער ווירטשאפֿט־יאָר („דער דריטער"), צו אן אנטירעליגיעזער קאמ־פּאניע,—בא די אלע פֿאלן נעמט כ׳ דאָלגאָפּאָלסקי דעם, צי יענעם שטייגער־מאָמענט און מאכט אים פֿאר אן אויסגאנג־פּונקט. אפֿ די פֿעליעטאָנען, וואָס זיינען גע־שריבן געוואָרן פֿארן לעצטן פּעריאָד, האָט זיך דאָלגאָפּאָלסקען דאווקע איינגעגעבן דעם שטייגער־פֿ א ק ט שטעלן צו דינסט דער ב ר י י ט ע ר ע ר ט ע מ ע און ניט דער־טרונקען ווערן אין אייבצל־פֿאקטן. אין זין פֿון סינטעטישער מעגלעכקייט האָט דאָ דאָלגאָפּאָלסקי דערגרייכט קענטיקע פֿאָרשריטן. א ביישפּיל: דער פֿעליעטאָן „וואָס געזוכט און וואָס געזען", וועלכער איז געשריבן געוואָרן צום אָקטיאבער־יאָנטעוו 1931 י., איז אויסגעבויט אפֿ דעם, וואָס דער אויטער גייט איבער די קראָמען זוכן זאפּאַנקעס צו דער מאנישקע. דאכט זיך, א נישטיקע קלייניקייט? אָבער דאָס איז א טרעפֿלעכער סיוזשעטישער פֿאָן, דער שרייבער וועט דאָ אופֿדעקן אונטער דער פֿאָ־שעטער און האמעטנער, אָפּט נאָך ניט געענדערטער, אויסערלעכער פֿאָרם, רעוואָ־ליוציאָנערע ענדערונגען אין אונדזער לעבן. „אָט גייען מיידלעך־קאלעס אין מאנס־בילשע שטיוולעס, פֿון דאָרף, פֿון טאָרף, געגאָלט דעם נאקן, מיט רויטע באקן, און אָרעם אָנגעטאָן און אונטערן אָרעם—איז לעניניס ווערק און טעאָרעמעס פֿון ביוטאָן". דאָס איז א ליכטיקער פּלאקאט, א צייכענונג פֿון אונדזער וווקס, געגעבן דורך שטייגער־שטריכן. דער גאנצער פּאק בילדער פֿונעם שטאָטישן שטייגער, וואָס ווערט פֿילמירט אינעם דאָזיקן פֿעליעטאָן וועגן זאפּאָנקעס, פֿירט צום אויס־פֿיר, אז אינעם שפּאציר איבער די קראָמען האָט דער שרייבער דערזען „אפֿ יעדער ראָג נעמיגע א פֿאבריק, און איבער סווילאָטש ליגט א נייער בריק, עס יאָגן אי־בער בריק טראמווייען, אין די טראמווייען מענטשן נייע"...

די שטייגער־דעטאַל איז אינ צענטער פונ דעם פעליעטאָנ בא דאָלגאָפּאָלסקינ. זי איז די סיוזשעטישע ראָזשינקע, די קינסטלערישע דעטאַל, וואָס, א באַוויזענע, ווארפט זי אָפּ א שײַנ אפ א גאַנצ ברייטנ שעטעכ אונ באַווײַזט שטריכנ פונ סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונ דער עקאָנאָמיק אונ פונעם מענטשנ. ווענ אינעם פעליעטאָנ „וואָס טוט א מאמע" דערציילט דאָלגאָפּאָלסקי וויאַזוי די אַלטע מוטער גיט אָפּ אפ דער אינדוסטריאַליזאַציע די פּאַרגרייטע טאכריכים צום טאָג פונ טויט, ווערט דאָ קינסטלעריש באַוויזנ אַסאַכ מער ווי דערדאָזיקער שטייגער־פאקט גופע באַטײַט — מיר דערזעענ דעם איבערגעבורט פונ מענטשנ אינ די באַדינגונגענ פונ סאָציאַליסטישע בויונג.

פּאָליטישע אַקטועלקײַט, האַפּערדיקײַט אונ פּראָלעטארישע קריגערישקײַט האָבנ אוועקגעלייגט זייער שטעמפּל אפ דעם בעסטנ טייל לאַנדשוץ־פעליעטאָנענ. אינ פעליעטאָנ „שוצ אונ ווייצ" ווערט דערוויזנ, אַז „פאַרוואָס האָט אונדזער ווייצ די סאָנים אונדזערע אַזוי צורייצט? פאַרוועמענ, פאַרוואָס? ווײַל מיר זײַנענ אפ אונדזער ווייצ א באַלעבאָס". דאָלגאָפּאָלסקי געפינט אויס פאַרשיידענע סיטואַציעס פאַר געלונגענעם טראַקטירנ דידאָזיקע פּראָבלעם.

אינ סאַכאַקל קענ מענ זאָגנ, אַז דאָלגאָפּאָלסקי האָט אינ זײַנע פעליעטאָנענ פונ לעצטנ פעריאָד באַוויזנ מיט דערפאָלג זיכ אײַנשליסנ אינ די קאַמפּנ פונ אונדזער עפּאָכע. אויב אינ די פריערדיקע ווערק זײַנע, ווו עס ווערט געהאַלטנ א קורס אפ א „ברייטערנ לײַוונט", באַקומט זיכ, אַז דער גרויסער מאַטעריאַל ווערט פאַרייניקט אינ נאַטוראַליסטיש־פאָטאָגראַפישע מאַסשטאַבנ, איז דער פעליעטאָנ בא אים געוואָרנ פארנ לעצטנ פעריאָד אַנ אויסדריק פונ געלונגענע זיכ באַנוצנ מיטנ אײנצל־מאָמענט פאַר א ברייטערער פאַראַלגעמיינערונג. די לאַקאָנישע שפּראַכ אינ דעם געגראַמטער שורע שפּילט בא דאָלגאָפּאָלסקי מיט גרעסערער קראַפט, ווי די בערגעלסאָניש־באַיינפלוסטע שפּראַכ אינ זײַנ דערציילונג. „א ווערטל א טרעפער איז טערקישער פעפער, וואָס צופּט אונ וואָס רײַסט אונ וואָס בײַסט" — דאָס איז זייער געלונגענ געזאָגט בא דאָלגאָפּאָלסקינ וועגנ זײַנ אייגענעם פעליעטאָנישנ וואָרט. דערדאָזיקער וואָרט דינט צום בײַסנ אונ אויכ צום דערהייבנ — די צווייטע העלפט טאָר מענ ניט פאַרגעסנ, אונ דאָלגאָפּאָלסקי דאַרפ זי ווײַטער אַנטוויקלענ, ווי ביכלאַל זײַנ פעליעטאָנ.

אינ דעם געביט פונ פּאָליטישנ פעליעטאָנ אינ גראַמענ איז דאָלגאָפּאָלסקי פונ די געציילטע דערווײַל אינ דער ייִדישער ליטעראַטור פונ פסס"ר, אונ אויב ער נוצט אויס די פאַראַנענע אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג אינ דעם געביט, איז עס באַזונדערס פונ דעם רוסישנ פעליעטאָנ פונ דעמיאַנ בעדני, ווי אויכ פונ דעם קרילאָווישנ פעליעטאָנ, פונ דער סאַלטיקאָווישער אַלעגאָריע; דערבײַ געלינגט אים מיט דערפאָלג אויסנוצנ עלעמענטנ פונ דער נאַציאָנאַלער פאָרם, ער נוצט אויס די רײַכקײַטנ פונ דער ייִדישער שפּראַכ, ווייס ווי צו אויסנוצנ העברעיזמענ (כאָטש ערטערווײַז צופיל), פירט אַרײַנ אַסאַכ סאָוועטישע נעאָלאָגיזמענ (נײַע וואָרטבילדונגענ), נעמט אופ די שפּראַכ ווי אַנ עלעמענט, וואָס שפּילט אַנ אונטערגעאָרדנטע ראָל אינ די קלאַסנקאַמפּנ אינ לאַנד. דאָס אַלצ רעדט וועגנ אידעאָלאָגישער אונ קינסטלערישער האָרגעשריטנקײַט.

אין אײניקע דאָלגאָפּאָלסקעס פעליעטאָנען, באַזונדערס אין די פון פאַריקן פעריאָד, פילט זיך א ניטדערארבעטקײַט, ניט גאנצקײַט, אָפגעהאקטקײַט פונעם געדאנק, אומקלאָרקײַט פון דער טעמע, ערטערװײַז אידעאָלאָגישער גליטש.

אין ביכל איז אָפגעדרוקט אזא פעליעטאָן, װי „די שװערע אופגאבע“, אף א שוצטעמע, װו עס איז בולעט, אז דער שרײַבער האָט שלעכט אויסגענוצט א גוטע טעמע. אָנשטאָט װײַזן דעם פאָרצוג פון דער סאָװעטישער דיפלאָמאטיע קעגן דער בורזשואזער דיפלאָמאטישער װעלט דורך אופדעקן דעם קלאסנ־כאראקטער פון צװײ סיסטעמען, מאכט דאָלגאָפּאָלסקי א סאָװעטישע װאריאציע אף קרילאָװס באװוסטן מאָשל װעגן דער „קעסטעלע“ און פירט אויס, אז די בורזשואזע דיפלאָמאטיע שװיצט איבער רעזאָליוציעס, בײס די סאָװעטישע דיפלאָמאטיע װײס קלאָר, אז „צװײ מאָל צװײ איז פיר“. דאָלגאָפּאָלסקעס פעלער קומט דאָ פון לײַכטן צוגאנג צו דער פּראָבלעם. ניט שױן איז די זאך אין דעם, גװאָס דאָ זיצן פײַקע מענטשן, און דאָרטן, אין זשענעװע, זיצן „שװיצערס“? נײן. די זאך איז אין דעם, װאָס אונדזער דיפלאָמאטיע האָט אלס איר קלאסנ־אינטערעס דעם קאמף פאר רעװאָליוציע און קעגן מילכאָמע, און די בורזשואזע דיפלאָמאטיע איז געשטעלט געװאָרן אף פארפלאָנטערן אין די אויגן פון די מאסן די צװישנפעלקערלעכע לאגע, רײצן צו מילכאָמע, זײַן א געװער פון אימפּעריאליסטישער פּאָליטיק. דעם קלאסנ־טאָך פון דער טעמע האָט דאָ דאָלגאָפּאָלסקי ניט אופגעדעקט. דאָסזעלבע איז ניט געלונגען, ניט דעראַרבעט דער פעליעטאָן „װער ביסטו?“—אויך אף א לאנדשוץ־טעמע, כאָטש טעכניש און בילדעריש האָט די צײכענונג געקענט פארעכנט װערן פאר געלונגענע.

★

אונדזער עפּאָכע איז פילפארביק און זי פאָדערט אלע פארבן פונעם רעגנבויגן אין דער קונסט, אין אירע פאָרמען און פארשײדנארטיקע אנטפלעקונגען. לענין האָט ניט אײנמאָל גערעדט װעגן דעם, אז די רעװאָליוציאָנערע שעפערישקײַט פון די מאסן ברענגט ארויס אפן אויבערפלאך שטענדיק נײַע פאָרמעס פונעם רעװאָליוציאָנערן קאמף, אויסגעהויבענע דורך דער דערפארונג און דערפינדערישקײַט פון די מאסן אין פּראָצעס פון קלאסנ־קאמף. אונדזער פארטײ װארפט אָפ די קאָנסערװאטיװע באציִונג צו נײַע פאָרמען, פונקט אזוי װי זי װארפט אָפ די פארכאפּטקײַט מיט פוסטע זוכענישן פון הױלער פאָרם. ניט שױן איז אונדזער עפּאָכע פון סאָציאליזם פארורטײלט צו באַזיצן א קונסט, װאָס האָט א קלענערע מאָס פאָרם־אויסדרוקן װי די בורזשואזע קונסט, אָדער װאָס דארף שװיצן אף אויסקינסטלען פארשײדענע פאָרמעס? דאָס קען בעשום אופן ניט זײַן, און בלויז פארפלאכער פון דעם מין „לעפ“ אָדער „ליטפראָנט“, אָדער בורזשואזע פײַנשמעקער, קענען אזוי טראכטן. אין דער אקטיװער בויונג פונעם סאָציאליסטישן לעבן זײַנען ארײַנגעפירט געװאָרן מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען, װאָס האָבן אין אװאנגארד זײערן א 2,5 מיליאָניקע ארמײ פון קאָמוניסטן; די שעפערישע ארבעט פון די מיליאָנען אין אלע

געביטנ פונ סאָציאַליסטישער בויונג געבוירט נײַע פאָרמענ, בויט איבער אַלטע פאָרמענ דורכ נײַעמ אינהאַלט, אנטפּלעקט אפנ נײַעמ אינהאַלט נײַע פאָרמ־מעגלעכקײַט. יעדער פאָרמ־אנטפּלעקונג, וואָס ווערט אויסגעפּרווט מיט דערפאָלג בא דעמ פלאַמ פונ קלאסנ־קאמפ, האָט דאָס רעכט ארײַנגײנ אינ אונדזער ארסענאַל. דער פעליעטאָנ אינ גראמענ, לעמאָשל, איז איינער פונ יענע פאָרמענ אינ דער קונסט, וואָס ווערט אָפט געריידעפּט אינ די קרײַזנ פונ דער ליטעראַטור; דאָס דערקלערט זיכ מיט פיל טיפערע סיבעס ווי „שרײַבערישער קאפּריז“, אָדער ווי כינע צומ „פּראָזאישנ זשאנר“ אינ דער דיכטונג. אזא באציונג דעקט אופ קאָנסערוואטיווג ווידערשטאנד דעמ פּאָליטיש־אקטועלנ אינהאַלט פונמ פעליעטאָנ אינ גראמענ. קעגנ דעמ דארפ מענ קעמפנ.

דער פּאָליטישער פעליעטאָנ דארפ באקומענ א ברייטערע פארשפּרייטונג. עס פּרווונ זיכ אפ אימ א ריי יונגע שרײַבער,—מענ קענ דערמאָנענ אויסער דאָלגאָפּאָלסקי די כ׳כ באָראָווסקי אונ קארפינאָוויטש אינ דער יידישער ליטעראַטור פונ ווסס״ר. די פּרווונ דארפנ פאָרגעזעצט ווערנ אונ מע דארפ געדענקענ, אז דאָס איז ניט קיינ „נידעריקערע פאָרמ“ אונ אז דער פעליעטאָנ פאָדערט, דאווקע צוליב זײַנ קלאָרקײַט, לאקאָנישקײַט אונ פּאשטעס—א הויכע לענינישע קולטור. אונדזערע כאָרנ האָבנ ניט קיינ גענוגע צאָל פּאָליטישע לידער, פּאָליטישע סאטירעס. אונדזער עסטראַדע איז באזונדערס פארלאָזנ, אינ דער צײַט, ווענ זי קענ זײַנ א גרויסער געווער אינ דער אגיטאַציע אונ פּראָפּאגאנדע פונ פּארטיי. מע דארפ אנטוויקלענ דעמ פּאָליטישנ פעליעטאָנ, אימ דערפירנ צומ ארבעטער־לעזער, אימ אײַנשליסנ אינ רעפּערטואַר פונ כאָר אונ עסטראַדע, ווי אזא, וואָס האָט בירגער־רעכט צווישנ אַלע אנדערע דיכטונג־„זשאנרענ“. מיט דער גרינגשעצונג אינ דעמ געביט דארפ מענ פארענדיקנ.

א ריכטיקע באציונג צומ פעליעטאָנ וועט העלפנ די שרײַבער פונ דעמדאָזיקנ געביט נאָכ קוואַליפיצירטער אפ דעמ ארבעטנ.

כ׳ דאָלגאָפּאָלסקי האָט „מיט זײַנ פענ אינ האנט“ שוינ אָנגעזאמלט א באשטימטע דערפארונג אינ דעמ פעליעטאָנ אונ גראמענ. דאָ האָט ער געלונגענער ווי אינ אנדערע „זשאנרענ“ אנטפּלעקט זײַנ ווּקס פארנ לעצטנ פּעריאָד, אונ דאָס איז, ווי אונדז דוכט, זײַנ ווײַטערדיקער הויפּט־שליאכ. דאָס רעדט ניט, פארשטייט זיכ, קעגנ דעמ, אז דאָלגאָפּאָלסקי זאָל געבנ א געלונגענע דערציילונג אונ פּיעסע, דאָס זאָגט בלויז, אז אינ דער פעליעטאָנ־פאָרמ איז אימ אפ זײַנ איצטיקנ שעפערישנ עטאפּ געלונגענ מיט גרעסערנ דערפאָלג באזיגנ יענע אידעאָלאָגישע געפאר, וואָס ער האָט ניט אינגאנצנ בײַגעקומענ אינ אנדערע „זשאנרענ“ פונ די פריערדיקע ווערק.

מײַ 1932 י.

פאלשער פאטאָס.

(א. וועוויאָרקע. „מאָטיע פלאסט אונ זײַנ פארברעכנ", „פראָליט" נומ. 1, 1932).

אונדזער עפּאָכע גיט גלענצנדיקנ מאטעריאל פארנ קינסטלער צו באווײַזנ אינ דער גאנצער טיפקײַט, אינ דער גאנצער העראָישער גרייס, דעמ העלד פונעמ פינפיאָר. עס איז נייטיק ניט אויסטראכטנ, קאבינעטיש אויסצאצקענ קינסטלעכע פיגורנ אונ זיי אונטערטראָגנ דעמ ארבעטער-לייענער ווי שפּיגלענ פונ קעמפנדיקנ ארבעטער אינ דער בויונג-עפּאָכע, נאָר ריכטיק באווײַזנ דידאָזיקע נײַע מענטשנ אינ זייער קאָנקרעטנ קאמפ, אינ זייער פראָלעטארישער ארומרינגלונג, אינ זייער קלאסנ-פראקטיק.

צי האָט די פארטיי אָנגעוויזנ וויאזוי מענ דארפ צוגייננ צומ העלד פונעמ פינפיאָר? יע, די פארטיי האָט אזעלכע אלגעמיינע אָנווײַזונגענ געגעבנ. דער כ. סטאלינ האָט אונדז פאָרמולירט די לענינישע שטעלונג וועגנ דער באציִונג פונ דעמ באוווסטזיניקנ פראָלעטאריער צו דער סאָציאליסטישער ארבעט, ער האָט אונדז אויפגעדעקט דעמ טאָכ פונ די נײַע קאָמוניסטישע ארבעט-פאָרמענ (סאָצגעוועט אונ שלאָגלערײַ. אינ דער עפּאָכע פונ סאָציאליסטישער רעקאָנסטרוקציע. די דירעקטיוונ פונ דער פארטיי צומ צווייטנ פינפיאָר ווײַזנ דעמ וועג פונעמ ווײַטערדיקנ איבערבויענ דעמ „מענטשנ-מאטעריאל", זיי ווײַזנ דעמ וועג פונ פארניכטנ די קלאסנ דורכ א שארפנ קלאסנ-קאמפ, צו פארניכטנ די רעשטנ פונ קאפּיטאליזמ אינ דער עקאָנאָמיק אונ אינעמ באוווסטזײַנ פונ די מענטשנ, זיי ווײַזנ די דיאלעקטיק פונ דעמ גאנג צו דעמדאָזיקנ היסטאָרישנ וועג-צייכנ. דאָס אונ נאָר דאָס קענ ריכטיק אָריענטירנ אונדזער שרײַבער, ווענ ער גייט באווײַזנ די פאָרגעשריטענע קעמפער פארנ קאָמוניזמ פונ אונדזער לאנד, ווו עס ווערט געבויט דער סאָציאליזמ.

א פאלשע סכעמע פונ א העלד פונעמ פינפיאָר איז אויסגעבויט אינ כ. א. וועוויאָרקעס דערציילונג „מאָטיע פלאסט אונ זײַנ פארברעכנ".

מאָטיע פלאסט איז דער העלד פונ דעדאָזיקער דערציילונג. זײַנ העלדישקײַט איז מאמעש א לעגענדארישע. מאָטיעס קראפט איז ניט אינ קיינ זאכ, אויסער אינ זײַנע „הענט". אונ ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס מאָטיע מעלדעט: „פאסקודנע שווערע הענט

בא מיר, ווי לאָפּעטעס", ווערט אָבער דידאָזיקע „הענט" זײַנע, מאָטיעס, צוגעגעבנ דורכנ אווטער א גרויסע פּאָזיטיווע קראפט, א קראפט, וועלכע א. וועוויאָרקע פּרווט אײַנשליסנ אינ דעמ ענערגיע־שטראָמ פונ דער סאָציאַליסטישער בויונג. מאָטיע איז בלויז „קערפּער, הענט, פיס, געדערימ, הארצנ", אָבער ניט „געהירנ, קאָפּ", אזוי אינטערפּרעטירט וועוויאָרקע זײַנ העלד. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס מאָטיע איז א „גראמעטנער, קאָנ לייענע אונ שרײַבנ", וויל וועוויאָרקע ניט, אז מאָטיע פּלאסט זאָל אויכ האָבנ א קאָפּ אפ די פּלייצעס. וועוויאָרקע וויל אײַנזוענ דעמ כייב פונ דעמ מינ העלד, ווי מאָטיע פּלאסט, דאווקע אינ זײַנ רויִקײַט.

איז, הייסט עס, מאָטיע פּלאסט בלויז פיזישע קראפט, אונ מיט „קאָפּ" איז בא אימ ניט אלצ קעשורע. אזעלכע „קײַלעכדיקע ווערטער" ווי לעמאָשל, „אנטאנט... בלאָקאדע... אינטערווענטנ", „צו וועלכע מע דארפ האָבנ קאָפּ", באגרײַפט מאָטיע ניט. „איכ — זאָגט מאָטיע — האָב באנומענ איינס: אונדזער מאכט איז פונ ארבעטער, די קאפּיטאליסטנ האָבנ מיר געשלאָגנ אונ מיר וועלנ זיי שלאָגנ, בינ איכ יעדער רעגע גרייט צו שלאָגנ. אָט דאָס האָב איכ באנומענ ניט מיטנ קאָפּ, נאָר מיטנ גאנצנ גופּ. אונ אזוי איז עס מיטנ פינפיאָר אינ פיר". וויאזוי אזעלכע ערנסטע קלאסנ־פּראָבלעמעס קענ באנעמענ א רויער מענטש — בלײַבט א סאָד פונ דעמ אווטער.

אלזאָ — וואָס שײַעכ דענקענ איז מאָטיע א לעמעלע. ער פארשטייט אפילע ניט, וואָס אזוינס ס׳איז אינטערווענצ; וואָס שײַעכ „קאָפּ" האָט ער דעריבער ניט וואָס צו „אָפּפּערנ" אפנ מיזבייעכ פונעמ שלאָגלערישנ פּראָלעטאריאט. טאָ ווי־זשע וועט מאָטיע פּלאסט ווערנ א ווירקלעכער העלד פונעמ פינפיאָר? דער אווטער קריגט אנ אויסוועג, דער כעסאָרנ ווערט א מײַלע: וועוויאָרקע וויל שטעלנ צו דינסט דער רעוואָליוציע דאווקע מאָטיעס ווילדע אונ איבערנאטירלעכע פיזישע קראפט. „ניט פאר מײַנ קאָפּ איז אזוינס... נאָר איכ אינגאנצנ, דער גאנצער גופּ מײַנער, האָט פארשטאנענ, אז אונדזער לאנד..., אז, הייסט עס, דער סאָציאַליזמ... מיינ איכ, אז אונדזערע פּראָלעטאריאטנ גייענ באווײַזנ דער גאנצער וועלט, וואָס זיי קאָנענ, זאָלנ פּלאצנ די קאפּיטאליסטנ אונ זענ!... נעמ מיכ, ברודער פּראָלעטאריאט, מײַנ האלדז אונ נאקנ, לײַב אונ לעבנ, הענט אונ פיס".

ניט פארשטאנענ, נאָר דערפילט הייסט עס, דורכ עפּעס א געהיימער קראפט, האָט מאָטיע פּלאסט, אז ער דארפ זיכ גיינ שלאָגנ פארנ פינפיאָר. אונ אפ דעמ אָפּגעבנ, אויב ניט דעמ קאָפּ, איז די „הענט אונ פיס". וואָס זשע האָט אימ דערצו געקענט שטויסנ? „אזוי טאקע האָט מײַנ קאָפּ ניט פאנאנדערגעוויקלט דעמ סטענגע־קנויל מיט די ציפערנ (וועגנ דער בויונג — כ. ד.), נאָר דאָס האָב איכ פארשטאנענ, אז ס׳איז צײַט אוועקצווארפנ מײַנ האמערל, אופהערנ קלאפּנ פּאדעשוועס אפ נעפּמאניכעס שיכלעכ אונ זיכ א לאָז טאָנ בעסער אהינ, ווו מענ בויט דעמ פינפיאָר". עס בלײַבט א גרויסע קאשע, וויאזוי קענ מענ קומענ צו אזעלכע אויספירנ אָנ א קאָפּ! נאָר עפּשער האָט וועוויאָרקע געמיינט צו זאָגנ אינ דידאָזיקע שורעס, אז די „געהיימע שטימ", וואָס האָט א רופּ געטאָנ מאָטיע פּלאסט, ער זאָל גיינ אונטערשפּארנ מיט זײַנ פּלייצע דעמ פינפיאָר, איז זײַנ האָרעפּאשנע אָפּשטאמונג? מיר דערוויסנ זיכ טאקע אינ דערדאָזיקער מאָנאָלאָג־ארטיקער דערציילונג, אז מאָטיע פּלאסט האָט געהאט א טאטנ א שוסטער, א האנטווערקער, אונ אז ער,

כּאָטיע אַליין, האָט מיטן „העמערל געקלאַפּט פּאָדעשוועס אַף נעפּמאַניכעס שיכלעך". עס רעדט זיך, אַלזאָ, וועגן אַ שיכט, וואָס די רעוואָליוציע און אונדזער גרויסע בויונג האָט פאַר אים ווירקלעך אָפּגעעפנט די מעגלעכקייט צו איבערגעבוירן ווערן און זיך איינשליסן אין דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו, וואָס שאַפט די מאַגניטבויען. אָבער, ערשטנס, איז, ווי באַוווסט, ניט דער האַנטווערקער דער פירנ־דיקער קלאַס אין דער רעוואָליוציע, צווייטנס, דאַרף דאָך ביכלאַל זיין עפּעס אַ וועלכער ניט איז סטימול, וואָס זאָל דערפירן אַזעלכע מאַטיעס צו דער שטופע, אַז זיי זאָלן, ווי עס דריקט זיך אויס אַליין מאַטיע, „זיך אַ לאָז טאָן דעם פינפּיאָר אַנטקעגן"! „אָן אַ קאָפּ", אָן אַ וועלכן ניט איז אויסערלעכן שטויס, אָן אַ מאַטע־ריעלן סטימול, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין ווערט מאַטיע געשטויסן „דעם פינפּיאָר אַנטקעגן" — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין היילער פינפּיאָר־אידעאַליזם, וואָס ווערט אַרייגעשפּריצט אָפּגעשטאַנענע, איינגאַנצן רויע האַנטווערקער אין זייער אויסשליסלעכער פאַרכאַפּטקייט מיט גרויסער בויונג?...

„האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן, — זאָגט מאַטיע — אַוועקגעטראָגן דעם פינפּיאָר דער־ווייל מיינע הענט, זאָל ער זיי נעמען און פאַרנוצן זיי, ווו ער דאַרף. איך האָב זיך געגומען אַרומקוקן, — ווו זיי זיינען נייטיקער, דאָרט וועל איך זיי געבן". און מאַטיע הייבט אָן זוכן. ער זעט „ציגל מיט פּעק, שטיינער און זעק". ער זעט לאַמטערנעס און פּ י ל אָ ס אָ פּ י ר ט איבער זיי (ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס וועוו־יאָרקע האָט זיך פאַרגלוסט גיליאָטינירן זיין העלד, אַראָפּנעמען אים דעם קאָפּ)... מאַטיע פלאַסט זוכט „אַ ריכטיק אָרט פאַר זיינע הענט", און, פאַרשטייט זיך, — ער געפינט דעמדאָזיקן אָרט — ער קומט אַף דער גרויסער בויונג. מיר ווייסן ניט ו ו ה י נ, אין וואָסער קאָנקרעטער סיטואַציע פון אונדזער בויונג מאַטיע פלאַסט איז אַריינגעפאַלן. וועוויאָרקע דערציילט אונדז נאָר וועגן „ווענט, ווינקלען, פונדאַמענטן, אייזערנע שטאַבעס, רעלסן" א.ד.ג. עס איז אויסגערעכנט די גאַנצע „אייזנבעטאָן" טערמינאָלאָגיע, אָבער אויסער יעדן רוים: מאַטיע פלאַסט, כאָטש אַ גיליאָטינירטער (אָן אַ „קאָפּ"), פילט שוין אָבער פון אָנהייב אָן דעם טאָך פונעם רויש פון דער בויונג. „דאָס איז אַ געזאַנג אַזאַ. אַזוי זינגט ער, אַזוי רעדט ער — אונדזער פינפּיאָר אין פיר!" ניט קיין פינפּיאָר, נאָר אַן עמעסער „שיר השירים"!.. פונוואַנען קומט צו מאַטיע פלאַסט, דעם ליימענעם גוילעם, אַזאַ מין געפיל פאַר דער „געזאַנג פונעם פינפּיאָר"? וואָס האָט דעם אָפּגעשטאַנענעם מענטשן באַגייסטערט אינעם דאָזיקן געזאַנג? מיר ווייסן ניט, דאָס בלייבט וועוויאָרקעס אַ סאָד און עפּשער ווערט עס דערקלערט דערמיט, וואָס מאַטיע פלאַסט האָט זיך דערפילט (באַגריפן?), אַז ער איז שוין אַן אַרבעטער? מאַטיע פלאַסט זאָגט טאַקע: „איך בין אַן אַרבעטער פון אַרבע־טער־קלאַס און אַז מיין קלאַס בויט אויס גיגאַנטן, בין איך געקומען צולייגן אַ האַנט"... אָבער פריער האָט אונדז וועוויאָרקע דערציילט, אַז זיין העלד האָט נאָר וואָס „גע־קלאַפּט מיטן העמערל" און איז נאָך ניט קיין „אַרבעטער־קלאַס", טאָ וואָס זשע האָט דאָ געווירקט אַף מאַטיע פלאַסט? רעדט עס אַרויס פון אָט דעם רויען מענטשן פּאָשעט אַ סאָציאַליסטישער רוּעך?...

מאַטיע פלאַסט איז פולקאָם דעזאָריענטירט אין דעם פּ ל אַ ן פון סאָציאַליזם, ער איז געקומען אַוועקלייגן אַפּן וואָג־שאָל פון דער ב ו י ו נ ג ב ל ו י ז ז י י ן פּ י ז י ש ע

קראפט. וועוויאָרקע לאָזט דײַנע העלד זיך פארליבן אין זײַן פיזישער קראפט און הייסט אים אויך דאָן, ווען ער באַגרײַפט שוין דעם קויעך פון באוווסטזײַן, פאָרזעצן זײַן „העגט־פילאָסאָפיע". בא אזא אינטערפרעטאציע ווערט שוין מאָטיע פלאסטס פיזישע קראפט א זעלבשטענדיקע זאך פאר זיך. „הענט" און „פלייצע", סטיכיע־אופריי־צונג, אָנסיבעסריקער ענטוזיאזם—שטעלט זיך דאָ אוועק אפן אָרט פון באוווסטזיניקן, צילבאוווסטן, פראָלעטאריש־קלאסאָוון קאמף פאר טעמפּן.

נאָר עפשער וועט קומען צוהילף א וועלכע ניט איז געזעלשאפטלעכע פראָלעטארישע קראפט, וואָס וועט מאָטיען איבערארבעטן? ניין, דאָס זעט מען ניט אין דער דערציילונג. און פונדעסטוועגן פירט וועוויאָרקע מאָטיען ארויס ווי אן ערשטן שלאָגלער, אפילע ווי אן „אויבער"־שלאָגלער, און ניט נאָר ווי א בעסטן שלאָגלער, נאָר ווי איינעם, וואָס האָט דער ערשטער דערזען ווי „פאסקודנע" עס גייט אפ דער בויונג די בעטאָן־מישונג. וועוויאָרקע לייגט ארײַן מאָטיען אין מויל א לאָזונג, וואָס דארף, קלוימערשט, אָריענטירן אינעם קאמף קעגן אלע „פאסקודנע" זאכן אז דער בויונג, מאָטיע פלאסט שרײַט אויס: „ווי הייסט נאָרמעס, אז דער פינפיאָר אין 4 ווארט... אז די פארטיי פאָדערט"... איר פארשטייט? מאָטיע פלאסט ווייס די לאָזונגען פון פארטיי, אז, פע, מען דארף ניט קיין נאָרמעס. נו, מיר, זינדיקע מענטשן, האָבן נאָך ניט געהערט, אז די פארטיי זאָל אָפּוואַרפן נאָרמעס. וועוויאָרקע גיט דאָ ווידער אמאָל ניט קיין ווידערשטאנד דער אנארכיסטישער סטיכיע פון העלד. ווידער ווערט דער כעסאָרן פארוואנדלט אין א מײַלע.

וואָס ווײַטער וואקסט אלץ מער אָן אין דער דערציילונג די גדולע פון מאָטיע פלאסט. ווײַטער ווערט שוין גאָר דערדאָזיקער העלד מעגולגל אין א טיטאנישער פיגור. „הונדערט הענט האָב איך, און יעדע האנט האָט הונדערט פינגער. הונדערט פיס האָב איך, און יעדער פוס קאָן שפרײַזן וווהין און וויפל ער וויל" (?!),— אזוי מעלדעט מאָטיע. פונוואנען שטאמט די הונדערטפיסיקײַט? מאָטיע פלאסט דערקלערט: „דאָס איז געוועסן אין מיר דער קויעך פון פינפיאָר, דער קויעך פון אונדזערע פראָלעטאריאטן". און אָט פארבײַט מאָטיע פלאסט מיט זיך די „פראָלעטאריאטן". מיר זעען ניט אין דער דערציילונג די ארבעטער־מאסן, ניטאָ קיין קאָלעקטיוו, בלויז מאָטיע פלאסט איז דאָ—אָט דער פונעם העמערל געקומענער „הונדערט־הענטיקער" און „הונדערט-פיסיקער". מאָטיע באווײַזט גוורעס. „מײַנע טאטשקעס האָבן זיך געגומען טראָגן „ווי זאוויזרוכעס". די „זאוועררוכעס" האָבן אים אויך ניט באפרידיקט. „צו וואָס דארף מען צו איינע טאטשקע 2 הענט, אז מע קען מיט איין האנט שלעפן איין טאטשקע און מיט דער צווייטער נאָך איינער?". שײַעך צו זאָגן... ווו ליגט דער נעס פון אזעלכע גוורעס? וועוויאָרקע דערקלערט עס מיט זײַנע העלדס ווערטער: „די כאוויירים, וואָס האָבן געארבעט מיט מיר, האָב איך אונטערגעיאָגט, וואָס זײַנען זיי ניט קיין ארבעטער? זיי זײַנען באוווסטזיניקער פון מיר, נאָר צו צוויי טאטשקעס פירן מיט אמאָל האָבן זיי ניט געקענט... זיי האָבן ניט געהאט אזעלכע שווערע לאָפּעטעס־הענט ווי מײַנע". די מאזלבראָכע ליגט, הייסט עס, אין די „לאָפּעטעס־הענט". עס איז טאקע פאראן א לאָזונג פון דער פארטיי פאר דער רעקאָנסטרוקציע־עפּאָכע, דער לאָזונג רעדט וועגן דעם, אז

אין אונדזער עפּאָכע איז די טעכניק דאָס אנטשיידנדיקע, אָבער ווי באַלד, הייסט עס, עס איז דאָ אזא לעגענדארע קראַפט פון „לאָפּעטעס־הענט", פּאַרבײַט דער „סאָציאַ־ליסטישער" שימשען האגיבער דעם קאמף פאר טעכנישער אויסשטאַטונג!..

פאַרשטייט זיך, אז מאָטיע איז ניט געסוקט אף זײַנע „קראַפט"־קאַפּריזן אפילו א קאָלעקטיוויסט, ער ארבעט אין א בריגאַדע. עס וואָלט ניט געשאַדט זען אין דער דערציילונג אויך די בריגאַדע, נאָר מיר זעען זי ניט. מיר הערן מערנישט, אז וויבאלד „אונדזער גיגאַנט (די בויונג — כ. ד.) האָט אַן אפּעטיט פון א הונגעריקער כײַע", וואָס דאַרף „פאַרשלינגען אַסאַך קויעך און אסאך מי" (??!!), ווערט אונדזער מאָדערנער שימשען, וואָס טראָגט דעם נאָמען מאָטיע פלאסט, א באַל־ראַכמאָנעס און נעמט זיך „אונטערשטעלן א פּלייצע" ניט נאָר דעם פינפיאָר ביכלאַל, נאָר אויך די אַלע גאַלאַווינס, מיראָנעווס און ביכלאַל „יונגע שנעקלעך, די קאָמסאָמאָלן און די קאָמסאָמאָלקעס". אָט אזוי פאַרנעמט זיך דער גווילעמישער מאָטיע פלאַסט מיט „אונטערטרײַבן דעם קאָמוניזם" און נאָכדעם, ווען ער גייט שוין אַרײַן ווי עס באַדאַרף צו זײַן אין געשמאַק, הייבט ער אויך אָן „עסן אביסל באַוווּסטזיניקײַט". (אזוי איז בעפּיירעש אָנגעשריבן אין דער דערציילונג — „זאָל מײַן דעמבענער קאָפּ עסן אביסל באַוווּסטזיניקײַט"!). ער הייבט זיך אָן באַטײַליקן אין סאָצגעוועט און ווערט פאַרצייכנט ווי א שלאָגלער

און נאָכדעם קומט די, „כאַווע", ס'הייסט, ליובע. שוין איינמאָל א ליובע. א מיידל מיט אויגן „ווי הינטער זיי ערגעץ אין קאָפּ וואָלט געברענט א לאַמטערנ", און ער, דער גיבערדיקער לעמעלע, ווערט באַרוישט פון אָט די אויגן און דער איקער פון דעם, וואָס „אין אירע אויגן האָט מען דערקענט, אז אין קאָפּ ליגט אַסאַך באַוווּסט־זײַן". ווי איר זעט, איז די „כאַווע" דאָ ניט קיין פאַרפירערישע, ווי עס שרײַבן געוויינטלעך די שרײַבער אין זייערע ביכלעך, נאָר עס איז געגעבן א מיידל ליובע, וואָס האָט „אין קאָפּ אַסאַך באַוווּסטזײַן" און וואָס באַם ליכט פון אירע לאַמטערנ־דיקע אויגן ווערט שוין אפילו דער לעמעלע מאָטיע פלאַסט, א היפּשער מייוון אף „קאָפּ"־זאַכן. די מיידל ליובע האָט מאָטיען אַלץ „דערקלערט", און נאָך אירע רייד האָט ער אַלץ „דערזען". „קוקנדיק אף ליובען — זאָגט מאָטיע — האָב איך נאָך שטאַר־קער דערפילט, אז איך בין אַן ארבעטער פון ארבעטער־קלאַס". אין דער ערשטער ריי אַרויסגעפירט אף דער סצענע אייגן „קויעך", וואָס סטימולירט צו סאָציאַליסטישער בויונג, — דעם קויעך פון „לאָפּעטעס־הענט" און גיליאָטינירטער „רויער קראַפט", — פירט באַלד אַרײַן וועוויאָרקע אין דער שפּיל דעם נײַעם „קויעך", וואָס שטויסט פאָרויס די פאַרווירקלעכונג פונעם פינפיאָר. — די ביאָלאָגישע צוציונג־קראַפט פון דער פרויל, באַפּודערט מיט לאַמטערנדיקן שײַן און „באַוווּסטזײַן". צו וואָס מאַשינעס? באַוווּסטזײַן? קאָלעקטיווער סאָלידארער קאמף פון ארבעטער־שלאָגלער? עס איז גענוג געוועגן מאָטיע פלאַסט זאָל דערזען פאַר זיך ליובען, אז ער זאָל ווידעראַמאָל פאַרדאָפּלען זײַן ענערגיע. דאָס זאָל הייסן: רויע קראַפט געקויפּלט אף ביאָלאָגיע, קויפּלט מאָטיעס קויכעס אף דער בויונג. „מײַנע טאַטשקעס — זאָגט מאָטיע ווען דעם פּעריאָד נאָך דער באַגעגעניש מיט ליובען — זײַנען זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנ־דערגעלאָפן. איך האָב שוין אויסגעטראַכט וויאַזוי צו שלעפּן 3 טאַטשקעס מיטאַמאָל"...

ליובע האָט אפילע מיטגעהאָלפנ, הייסט עס, אז מאָטיע פלאסט זאָל אָנהייבנ „אויסטראכטנ“. אונ ווענ עס ווערנ אופגעדעקט שעדיקער אפ דער גרויסער בוויונג, ווי וועוויאָרקעס העלד ארבעט, הייבט שוינ אָנ „פונקציאָנירנ“ מאָטיעס קאָפ. מאָטיע הייבט זיכ אָנ פארטראכטנ אפ דער שעדיקערײַ, ער הייבט אפילע אָנ צו קריטיקירנ די מעטאָדנ פונ קאמפ מיט שעדיקערײַ, אימ איז ניט געפעלנ, וואָס מ'האָט די שעדיקער ארעסטירט, עס לעבט אינ אימ אופ דער „אומבאוווסטזײַנ“ פונ זײַנע הענט—ער האלט, אז קעגנ שעדיקער דארפ מענ קעמפנ מיטנ פויסט. דער „קאַעס פונ די הענט„, וואָס איז ווידער אופגעוואכט געוואָרנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ ארעסט פונ די שעדיקער, ווערט פונדעסטוועגנ סובלימירט (איבערגעארבעט) פאר די נוצנ פונ דעמ פינפיאָר—פונ אונטער די וווּנדערלעכע הענט פונ דעמ מאָדערנעמ שימשענ האגיבער, מאָטיע פלאסט, הייבנ אָנ פליִענ „70 טאטשקעס א שאָ“. פארשטייט זיכ, אז מאָטיע פלאסט ארבעט ניט צוליב קאָוועד,—זאָל זיכ פאר וועמענ אנדערש די ארבעט זײַנ א זאכ פונ קאָוועד אונ רומ: ווענ מע דערציילט מאָטיענ, אז זײַנ נאָמענ שטייט אפ דער רויטער ברעט, אדרעסירט ער איבער מיט גרויס באשיידנקײַט דעמדאָזיקנ קאָוועד אפ ליובעס נאָמענ, ווײַל, זאָגט ער, „אינ די טאטשקעס איז געלעגנ ל י ו ב ע ס קויעכ“...

דאָ דערנעענטערנ מיר זיכ שוינ צומ פינאל פונ דער דערציילונג, עס הייבט זיכ אָנ דער פארברעכנ: מאָטיע פלאסט קענ ניט באהערשנ זײַנע הענט, ער ברעכט אויס די ביינער איינינקע אָפגעשטאָענע ארבעטער, וואָס ווארפנ אימ אופ פאר שלאָגלערישער ארבעט (עמעס, אפנ סצענע טרעט באלד ארויס דער ווײַבער-שער יויצער-טויוו, ליובע שרײַט אויס פאטעטיש צו מאָטיענ: „די הענט זײַנענ ניט דײַנע, דו האָסט דאָכ זיי אוועקגעגעבנ דעמ סאָציאליזמ“). מאָטיעס הענט בונטעווענ, דער שרײַבער באווײַזט עס בעקיווונ, ווי ער וואָלט זאָגנ: דאָס איז ניט געפערלעכ, מאָרגנ וועלנ דידאָזיקע הענט געבנ נאָכ מער טאטשקעס פארנ פינפיאָר. אונ מיר לייענענ ווענגנ דעמ טאקע אינ דער דערציילונג. מאָטיע פלאסט הייבט אָנ געבנ אזויפיל טאטשקעס, אז דער העלד פונ די 100 פאָר הענט קענ שוינ ניט אויסהאלטנ אונ פאלט צומ בעט... מאָטיע פלאסט ווערט, פארשטייט זיכ, אפילע אפנ בעט ליגנ-דיק אויכ ניט פארגעסנ אָנעמ פינפיאָר—„מײַנע פיס אונ מײַנע הענט—דערציילט מאָטיע וועגנ זײַנ קראנקײַט—האָבנ זיכ געריסנ פונ דער בעט ארויפ צו דער בוויונג“. אינ פיבער זעט מאָטיע, ווי עס קומענ אופ גיגאנטנ פונעמ פינפיאָר. „מײַנ טאטע גרילצט מיטנ קליינעמ העמערל... פונ אונטערנ העמערל פליִענ ארויס גיגאנטנ“. א לעגענ-דארער העלד מיט א לעגענדארנ העמערל!... נאָכדעמ קומט שוינ דער סאָפ: ווענ מאָטיע קערט זיכ אומ נאָכ זײַנ קראנקײַט אפ דער בוויונג, דערזעט ער צוויי נײַסנ, וואָס רודערנ אימ אופ אונ ריידנ קעגנ זײַנ „הענט פילאָסאָפיע“: 1 ניטאָ ליובע, 2. פאראנ א מאשינ. עס האָט זיכ אָפגעטאָנ, הייסט עס, „כאוועס“ אונ עס איז געקו-מענ די „טעכנישע אָנשיקעניש“. ווארפט זיכ מאָטיע א צעטומלטער מיט קלעפ אפ די ארבעטער. אזוי ארומ, קומט ער אפנ באשולדיקונג-באנק, ער ווערט א פאר-ברעכער. נאָר עס איז ניט געפערלעכ: דער שרײַבער, וועלכער שטייט, פארשטייט זיכ, העכער פונ אזעלכע „איינצלנע צופאלנ“, וועט בארעכטיקנ אזעלכע, ווי מאָטיע פלאסט, וועלכער איז טאקע שולדיק, נאָר וועלכער אנערקענט זײַנ שולד, וועלכער

איז א שלאָגלער א.א.וו.א.ד.ג. מאָטיעס פארברעכנ איז גענומענ ווי א קינסטלערישער מיטל נאָכ בוילעטער אימ, דעמ העלד, וועיזנ אינ זיינ גאנצער סימפאטישער פראכט.

אזוי האָט וועוויאָרקע אויסגעדיכטעט א הימנ דעמ גוילעמדיקנ מאָטיע פלאסט אונ אינ אימ פארקערפערט דעמ אופקומענדיקנ העלד פונעמ פינפיאָר. די ראָמאנטיזירונג פונ דער „רויער קראפט" קוקט דאָ ארויס פונ יעדער שורע. די קינסטלער אונ פאלשע דערהייבונג פונ דער „הענט־פילאָסאָפיע" איז דאָ אפ אזויפיל געדיכט, אז וויפל וועוויאָרקע זאָל ניט האָבנ געוואָלט פארדעקנ דאָס אלצ מיט פראָבלעמאטישקייט, פסיכאָלאָגיע א.ד.ג., איז עס אימ ניט געלונגענ אינ דער קלענסטער מאָס. האָט זיכ דעריבער באקומענ, אז אָנשטאָט דעמ העלד פונעמ פינפיאָר, דעמ עמעסנ העלד, וועלכער איז, פארשטייט זיכ, אויכ ניט באפרייט פונ די אָדער יענע שוואכקייטנ אונ קענ באגיינ דעמ אָדער יענעמ איינצלנעמ פעלער קעגנ די אינטערעסנ פונ זיינ קלאס, אָבער קענ דעמדאָזיקנ פעלער באָלשעוויסטיש פאריכטנ—אָנשטאָט דעמדאָזיקנ עמעסנ העלד פונעמ פינפיאָר איז באוויזנ געוואָרנ א סימוואָלישע פיגור, וואָס פארקערפערט מיט זיכ אידעאליזירונג פונ „רויקראפט", א פיגור אינגאנצנ אָפגעריסנ פונ געזעלשאפטלעכער סוויווע, גענומענ, עמעס, אינ צייט,—וויל מענ דארפ פארשטיינ, אז עס האנדלט זיכ אינ דער דערציילונג וועגנ דעמ רעקאָנסטרוקציע־פעריאָד,—אָבער אינ צייט בלויז באדינגלעכ אונ אינגאנצנ ניט אינ רוימ. האָט זיכ באקומענ דעריבער ניט קיינ עמעסע שילדערונג פונ אונדזער העלד, ניט קיינ עכטער פאפאָס, נאָר א שעדלעכער אונ פאלשער פאפאָס, א באגייסטערונג מיט דעמ, קעגנ וואָס מיר קעמפנ אינ אונדזער רעוואָליוציאָנערערווירקלעכקייט, א סימפאטיזירנדיקע שילדערונג פונ דעמ, וואָס קענ דורכ אונדז בעשומ אויפנ ניט בארעכטיקט ווערנ, א סימפאטיזירנדיקע קינסטלערישע אינטערפרעטאציע פונ א „סאָציאַליסטישער מיסיע" פונ הוילער סטיכיישער קראפט אונ אנארכיסטישער אינדיווידואליטעט, — א פולשטנדיק פאלשע אינטערפרעטאציע.

מיר פאָדערנ, אז די ליטעראטור זאָל באווייזנ דעמ עכטנ העלד פונעמ פינפיאָר אונ זאָל איר בילד דורכגליענ מיט דעמ ליכט פונ מארקסיזמ־לעניניזמ, מיר פאָדערנ, אז עס זאָל עמעסדיק באוויזנ ווערנ אונדזער בויונג. דאָס איז ניט געשטאנענ פאר וועוויאָרקעס אויגנ דעמלט, ווענ ער האָט געשריבנ זיינ דערציילונג „מאָטיע פלאסט אונ זיינ פארברעכנ". דעריבער האָט ער דעמ פאפאָס אויסגענוצט אינ א ניט אָנעמבארער פאר דער פראָלעטארישער ליטעראטור ריכטונג. קעגנ דעמ, דארפ מענ שטרענג וואָרענענ: מענ דארפ וואָרענענ פונ איבערטאָנ העלדנ פונ קוילער־געסל אונ ליימענע גוילעמס אינ ספעצ־קליידער פונ ארבעטער־שלאָגלער!

יונ 1932.

שוואַכקײַטן פֿון איבערבויונג.

(וועגן אווראָם קאהאנס „אינזשענערן“. ראָמאַן. 1932)

1

אין בוך „אינזשענערן“ שטרעבט אווראָם קאהאן אריבערגיין אַף אַ נײַער שטופֿע און אָנהייבן ארבעטן אַף אַ נײַעם מאטעריאַל אין אַף אַ נײַער גאַלעריי פֿיגורן. אין די פֿריִערדיקע דערציילונגען האָט ער געזוכט פֿאַר זיך מענטשן צעמאָלענע אין דער רעוואָליוציע־עפּאָכע און ניט געזוכט זייער אויסוועג אין די נײַע רעוואָליוציאָנערע באַדינגונגען. זאָל זײַן, אַז זיי „ברוכשטיקער“ זײַנען אָנגעקליידעט אין סאָוועטישן אָנטאָן, מער פֿאַרמאָדערניזירט, ווי די „מענטשן פֿון אַלקער“ — (קאהאנס ערשטער בוך), אַז זיי האָבן נעהאט אַ באַשטימטע איצטיקע באַפֿאַרבונג, אָבער דער שרײַבער האָט ניט געהאט דעם אויסוועג פֿון דעמדאָזיקן קרײַז. מיט די שטימונגען, וואָס זײַנען אויסגעדריקט אין אָט די ביכער, האָט אַ קלאַסן־נאָענטקײַט דער גײַסט פֿון דער דערציילונג „דער ווילנער גאָען האָט געזוכט“ — אַ דערציילונג וועלכע עס האָבן זיך געאײַלט איבערדרוקן די נאַציאָנאַל־פֿאַשיסטן פֿון וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“ און פֿון וועלכע אווראָם קאהאן האָט זיך שפּעטער אַנטשיידן אָפּגעזאָגט, ווי פֿון אַ ווערק, וואָס איז פֿרעמד דער פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע.

דער בוך „אינזשענערן“ איז אַ רעזולטאַט פֿון דערפֿילן די נויטווענדיקייט צו איבעראָריענטירן זיך, אידעאָלאָגיש זיך איבערבאַוואָפֿענען, זיך איבערבויען. איבעראָריענטאַציע איז ניט קיין זאַך בלויז פֿון טעמע און מאַטעריאַל, אָבער אַטמאָספֿער פֿון אַלקער, לעבן פֿון „ברוכשטיקער“ און זעונגען אין סטיל פֿון „ווילנער גאָען“ — דאָס זײַנען זאַכן, וואָס בילדן פֿאַקטיש פֿון אידיישער אָריענטאַציע. אווראָם קאהאן האָט אין זײַנע ביז איצטיקע ווערק (די איצטיקע) ניט געזוכט די צענטראַלע פֿיגור פֿון אונדזער עפּאָכע — דעם פּראָלעטאַריאַט — און האָט בלויז געפּרוווט באַנעמען קריטיש קליינבירגערלעכע בלאָטע און בורזשואַזע יערידע. די סאָציאַלע מיזערנקייט פֿון יענע דערציילונגען האָט די געשטעלטע פּראָבלעמען אָפּט אַראָפּגעזעצט ביז אַנעקדאָטישקייט. די „קריכנדיקע“ פּערספּעקטיוו, ניט באַהויכט פֿון די קלאַסן־זיגן, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האַלט אַף, האָט ניט געקענט אויפֿהייבן די ווערק, האָט זיי ניט געקענט אָנגליִען מיט אַ שטאַרקער קראַפֿט.

„אינזשענערן“ איז שוין געשריבן מיט א בוילעטער טענדענץ צו א נייער קוואַליטעט. אלס גרונג־שטאָף איז גענומען געוואָרן די פאבריק, די הויפּט־פּראָבלעם, די סטימולירנדיקע אידיי פונעם ווערק איז—קאמף פאר סאָציאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע פונעם לאנד. דער שרייבער האָט זיך גענומען אריינטראכטן אין דעם וועג פון דעם זיגערישן ארבעטער־קלאס, ער האָט גענומען שטודירן די באַציִונגען, וואָס עס שטעלט איין דער ארבעטער־קלאס צו דער טעכנישער אינטעליגענץ. דאָס אלץ איז געוויס גוט. דאָס, וואָס מיר געפינען אין בוך, איז א באווייז פון אן אָנהייב פאר ריכטיק אָריענטירן זיך, אָבער אָט דער אָנהויב איז געמאכט געוואָרן מיט א ריי ערנסטע דורכפאלן, אין וועלכע עס פילן זיך שוואכקייטן פון איבערבויונג.

2

דער בוך „אינזשענערן“ לייענט זיך גוט, אָנציִענדיק און לייכט. דאָס איז א גרויסע מייַלע פאר א בוך. אָבער די פארקניפּונגען אינעם אינהאלט און סיוזשעט פון בוך באַזירן זיך ניט אף טיפער פאראלגעמיינערטער און גוט אויפגעדעקטער ווירקלעכקייט פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן. קאהאן באנוצט אָפט באם באארבעטן זיין מאטעריאל דעם מעטאָד פון דעטעקטיוו־ראָמאן. עס באקומט זיך אפילע גאנץ פארביק, פארשיידנארטיק, נאָר אָן טיפּיזירטער קינסטלערישער פאראלגעמיינערונג.

מע זאָל פרווון אין בוך „אינזשענערן“ באקומען א פולקאָמען ענטפער אף דער פראגע: פארוואָס איז גראַך א ספּעץ־שעדיקער? אָדער: פארוואָס איז געכט אן איבערגעגעבענער סאָוועטישער ספּעציאַליסט?—וועט אף דעם קיין באגרינדעטער ענטפער ניט זיין. עמעס, גראַך,—ווערט אין בוך דערציילט—איז אן אלטער דינער פון דעם קלאס־עקספּלואטאטער. דאָס גלייכן ווערט דערציילט וועגן געכטס רעוואָלוציאָנעצער פארגאנגענהייט. דאָס מוז זיך אָבער פילן אין האנדלונג, אין טאט, און דאָס איז ניטאָ. אויב באם מאָלן גראַכן איז עס קאהאנען כאָטש געוויסערמאסן געלונגען, איז דאָס בא געכט, שעקע און אנדערע אינזשענערן ניט געלונגען.

עס איז קינסטלעריש ניט אויפגעדעקט גראַכס קלאסן־נאטור. קאהאן וויל געפינען די פּסיכאָלאָגישע פּרוזשינעס פון גראַכס שעדיקערייַ. „פון זינט שימע שפּיטאלניק מיט די לאנגע וויִעס איז דירעקטער איז גראַך געוואָרן בייזער, פארבאָרגענער און אויפגערעגטער... זעט אויס, אז די דירעקטערישע פּאָטערשטול, וואָס מע האָט ארויסגעשטויסן פון אונטער אים, טוט אים שטארק באנק. עס בענקט זיך נאָך איר ווייכקייט און געמיטלעכער באקוועמלעכקייט. גראַך געדענקט, אָבער, אז ער איז דער הויפּט־אינזשענער. יעדער שרייפעלע אפּן זאוואָד איז אים גוט באקאנט. און שפּיטאלניק וואָס ווייסט?“. פארוואָס זשע איז גראַך דאווקע א שעדיקער? בלויז, ווייל ער „בענקט נאָך ווייכקייט“? אָבער דידאָזיקע „באקוועמלעכקייט“ האָט ער אויך איצט ווי פריִער—ער איז דאָך דער טעכנישער דירעקטער, פארוואָס זשע איז דער ביזאיצטיקער נייטראלער ספּעץ „אריבערגעוואקסן“ אין א שעדיקער? ווען קאהאן וואָלט זיך ניט געיאָגט נאָך „הוילע“ אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע און וואָלט אויפגעדעקט גראַכס קלאסן־נאטור, זיין אידעאלן־וועלט, זיין באַציִונג צו די פּראָצעסן פון רעקאָנסטרוקציע, וואָלט ער דאן אינדערעמעסן אויפגעדעקט גראַכס נאטור. אָבער דאָס

האָט קאהאַן פאַרקנייטשט. עמעס, ער פירט די דערציילונג אַרום דער עלעקטרע־סטאַנציע, וועלכער עס וויל שעדיקן גראַך, אָבער דערדאָזיקער שטאָפּלעכער עלעמענט איז ניט דורכגעליכטן מיטן קלאַסן־קאַמף. דער איניען מיט דער עלעקטרישער סטאַנציע ווערט בלויז א שטאָף פאַרן סיוזשעט, א צוגאָב צו דער צייכענונג פון גראַכן. באַקומט זיך גראַכס שעדיקערײַ ווי א „היילער" פּסיכאָלאָגישער רעפלעקס. — „גראַכן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער זאַוואָד, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אַזויפיל קויכעס, האָט זיך אויסגעקערט צו אים מיטן פּלייצע, מיט אַלע טויבע ווענט, און אים אָפּגעהערט צו הערן... אָט האָט ער אופּצוגעבן א גראַנדיעזן פּלאַן וועגן מאַשינעס און א נײַעם קאָ־פּ־ס"... אַזוי שרײַבט קאהאַן אַף דער זײַט 35. דאָ זעט גראַך אויס ווי א געטרײַער מענטש צו אונדזער פּראָדוקציע, וויניקסטנס, ווי א מענטש, וואָס איז סוביעקטיוו פאַר סאָציאַליזם, נאָר וועלכן מע האָט מיט עפּעס באַליידיקט. אָבער גראַכן וויל דאָך קאהאַן ווײַזן פון אָנהייב אָן ווי א שעדיקער!

„און טאַקע דערפאַר, וואָס גראַך האָט אַזאַ צוטרוי צו שפּיטאַלניקן און אַזאַ ווירקונג אַף אים, זײַנען אים געוועזן פאַרדראָסיק די לעצטע געשעענישן אַפן זאַוואָד, דער געדאַנק וועגן דער עלעקטראָסטאַנציע, וואָס גיכט האָט זיך נעפּרווווט עטלעכע מאָל אופגעבן ניט אַף קיין אָפּיציעלן אויפן, איז מיטאַמאָל לעבעדיק געוואָרן און האָט געשטאָכן גראַכן, ווו ער האָט זיך געקערט און געוווענדעט. אַז גראַך שרײַט פון לאַנג וועגן צענדליקער נײַע פּלענער און אופטוען, וויל זיך קיינער ניט צוהערן. און דאָ קומט א יונגער, ניטדערפאַרענער אינזשענער און קערט מיטאַמאָל איבער דאָס לעבן אין זאַוואָד".

דאָ איז גראַך שוין געוויזן, ווי א מענטש, וואָס איז גאָט די נעשאָמע שולדיק. דאָ קאָן מען שוין גראַכס שעדיקערײַ פאַרשטיין ווי א רעזולטאַט פון שלעכטער אָנפירונג מיט אים און פון צוזאַמענשטויס מיט יונגע ספּעציאַליסטן. דעם רעזולטאַט נעמט קאהאַן אָן פאַר דעם פאַקטער, ער באַווײַזט ניט, אַז גראַכס נעגאַטיווע באַציונג צו דער אָנפירונג און צו געכטס פּלענער איז א רעזולטאַט פון זײַן קלאַסן־נאַטור.

דעריבער שטעלט קאהאַן אין אייניקע פאַלן גראַכן אין ליכט פון איבערגעגעבקײַט דער פאַבריק.

דאָס איז וועגן גראַכן. און שעקע, דער שעדיקער, וואָס איז געקומען פון אויסלאַנד מיט באַשטימטע אופגאַבן צו אופרײַסן די פּראָדוקציע? „דער אינזשענער (שעקע) קוקט זיך אום צו דער טיר און לייענט פאַר זיך איבער אינדערהויך עטלעפּע ערטער אינעם בריוו. מע דאַרף אים איבערצײַגן, אַז געקומען איז ער אַהער מיט באַשטימטע צוועקן... אַף א רעגע פאַלט אים אײַן: אַן אינזשענער דאַרף שטרעבן צו פאַרשטאַרקן די טעכנישע זײַט פון דער פּראָדוקציע, א ניט איז מען ניט ווערט צו טראָגן דעם הויכן נאָמען אינזשענער. און עפּשער איז נאָר א געדאַנק אויספּוצן דעם זאַוואָד ווי א שפּיגל". ניט שוין זשע אַזוי טראַכט א שעדיקער? קאהאַן האָט דאָ ווידעראַמאָל מיסטאָמע צוליב באַרײַכערן דעם סיוזשעט און שאַפן שפּאַנונג דערלאָזן צודעקן מיט א הומאַניסטישן שלייערל די גראָב־קאָנטררעוואָליוציאָנערע נאַטור פון די ווײַסגוואַרדייִשע אַגענטן. אַזוי ווײַזן דעם אינעווייניקסטן קאַמף אין דעם שעדיקער קען בלויז פאַרטושירן דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון אַזעלכע אַקטיווע קלאַסן־פײַנט.

3

דעטעקטיווישע און עמפּיריסטישע מעטאָדיק, איבערגעווירצט מיט רעשטנ הומאניזמ און אינדיווידועלנ פּסיכאָלאָגיזמ, פארפּלייצט פיל ערטער און צעבערעכט דעמ ווירקלעכנ בילד פונ דער גאלעריי שעדיקער אינעמ בוכ „אינזשענערנ“. דידאַקטישע מאָמענטנ האָבנ זיכ אויכ אָפּגעשפּיגלט אפנ אָפּמאָלנ די פּראָלעטארישע טיפּנ אינ בוכ. שפּיטאלניק—דער דירעקטער פונ פאבריק, באסקינ—סעקרעטאר פונ פּארטיי־קעמערל, גוסטע פאלאנט—טוערנ פונ פאבקאָמ—קיינער פונ זיי איז ניט דערהייבנ צו אנ עכטנ אָנפירער פונ פאבריק. דאָסזעלבע—א ריי ארבעטער. זיי אלע טוענ עפּעס, גייענ ארומ, קומענ אינ צוזאמענשטויס מיט מענטשנ, אָבער זייער טאָנ און שאפנ איז מער איבערגעלאָדנ מיט עפּיזאָדישער און ניט טיפּישער האנדלונג, ווי אָנגעלאָדנ מיט פ א ר ו ר ז א כ ט ע ר נויטווענדיקער טעטיקייט, וואָס זאָל אינדערעמעסנ אנטשפּרעכנ דעמ געגעבענעמ העלד און זיינ פּראָלעטארישע, קלאסנ־פּראקטיק.

אווראָמ קאהאנ פילט די נייטיקייט צו מאָטיווירנ טאטנ און געשעענישנ, אָבער ער פילט עס אויס ניט שטענדיק מיט דערפאָלג. אָט, לעמאָשל, נעמט קאהאנ מאָטיווירנ לעמיי דער מייסטער גראבסקי איז א באהעלפער באמ שעדיקער גראָכ; וואָסזשע טוט ער צוליב דעמ? שרייבט ער אָנ א גאנצנ קאפּיטל, ווו ער גיט דעמ מייסטער גראבסקיס שטוביקנ שטייגער און באווייזט, אז גראבסקי איז צולייגט דורכ שיקרעס און פארקריפּלטע פאמיליענ־באציונגענ. אזא שטייגער קענ טאקע פירנ צו אָפּגעלאָזנקייט, אינדיווידואליזמ, פארביטערטקייט. אָבער לעמיי צו שעדיקעריי? צו אָ ר ג א נ י ז א צ י ע פונ קרעפטנ פאר דער שעדיקעריי? דאָ זיינענ ניט געוויזנ קיינ ריכטיקע סיבעס, פונוואנענ עס שטאמט דאָס וואָס גראבסקי נעענטערט זיכ צו די שעדיקער און ניט צו די באוווּסטזיניקע ארבעטער.

בא די עפּיזאָדישע טיפּנ גיט אמאָל בא קאהאנענ א בליצ אופּ א טיפּישער שטריכ נאָר באלד ווערט ער ווידער פארלאָרנ אינ א יאמ צופעליקייטנ. דער ארבעטער ראָגאל, וועלכער איז פארטונקלט פונ שיקרעס און פונ זיינער א דערפינדערישער אידייגיט יע א פינקל מיט ריכטיקער פּסיכאָלאָגישער צייכענונג פונ א דעקלאסירטנ ארבעטער, וואָס קענ אונטער א באשטימטער ווירקונג באגיינ א פאראט קעגנ זיינ קלאס, אָבער אזעלכע צייכענונגענ האָט קאהאנ, צומ באדויערנ, נאָכ ניט פיל אינעמ בוכ „אינזשענערנ“, און דאָס איז דער רעזולטאט פונ ניט גענוגנדיקנ דורכטראכטנ דעמ טאָכ פונ די טיפּנ און זיכ אָפּט באנוגענענ מיט פ אָ ר מ ע ל נ צונויפּפּאסנ א גוטנ, הײַנטצײַטיקנ מאטעריאל. אָט דער הויפּט־כעסאָרנ האָט אוועקגעלייגט אזא טיפּנ שטעמפּל אפנ בוכ, אז עס ווערט פארקלענערט די פּראָבלעמאטישקייט.

אפּ דער פּאָזיטיווער גאלעריי פונעמ בוכ מוז מענ זיכ באזונדערס אָפּשטעלנ. דער לעזער וועט דאָכ געוויס אינ זיי זוכנ ריכטיקע צייכענונגענ פונ אונדזער פאבריק־פּראָלעטאריאט און פאבריק־אָנפירונג.

4

שפּיטאלניק, אנ ארויסגערוקטער ארבעטער, איז דער דירעקטער פונעמ לעדערזאוואָד. קאהאנ וויל ווייזנ אנ ארויסגערוקטנ ארבעטער א פאבריק־באלעבאָס און ווייזנ ווייזט ער אימ שלעכט. אינ א בוכ, ווו אינ צענטער שטייט די באציונג צומ

ספּעצ, דאַרפ די אָנפירונג אויסגעפּרוּווט ווערנ אפ אָט דעמ באַצירק. ווי זשע זעט אויס די אָנפירונג מיט די ספּעציאַליסטנ אפנ פאַבריק?

שפּיטאַלניק איז גראָדליניק אינ דער באַציִונג צו גראָכנ: אָדער אײַנגאַנצנ אָנפאַרטרויִלעכ צו אימ, אָדער פּלוצימ, שוינ צומ סאָפ פונ בוכ, פאַלנ אימ אַראָפ די פאַרהאַנגענ פונ די אויגנ און ער דערזעט אינ גראָכנ אַ שעדיקער. אינדערעמעסנ איז גראָכ דאָכ ניט מאַסקירט, אויסער אינ זײַנע שעדיקערישע פּלענער, פאַרוואָס זשע איז בא שפּיטאַלניקנ אזא גרענעצלאָזער צוטרוי צו אימ? ניט שוינ זשע זעט ניט שפּיטאַלניק גראָכס בורזשואַזע נאַטור? ניט שוינ זשע קענ אזוי געוויזנ ווערנ אַ פּראָלעטאַרישער דירעקטער?

שפּיטאַלניק, דער אַרבעטער־דירעקטער, שטעלט אײַנ ניט ריכטיק די באַציִונג מיט יונגע סאָוועטישע אינזשענערנ. און דאָכ איז שפּיטאַלניק אינעמ בוכ אַ פּאָזיטיווע פיגור. קאַהאַנ באַשרײַבט אַ שמועס צווישנ שפּיטאַלניקנ און דעמ יונגנ סאָוועטישנ אינזשענער קרעל, אַנ אינזשענער. „וואָס איז פאַרעקאָמענדירט פאַר זייער אַ פּינקטלעכנ אַרבעטער, נאָר אביסל אַ קאַפּריזנ". (זײַט 121):

„ס'איז אָנגעקומענ קרעל. שטענדיק קלאַפּט ער אָנ פונ יענער זײַט טיר. הײַנט איז ער גלײַכ אַרײַנ אָנ אַ קלאַפּ און זיכ אוועקגעזעצט. שפּיטאַלניק האָט טייקעפּ דערפילט קרעלס אופגערעגטקײַט און דעריבער פאָרזיכטיק געזאָגט:

— וועלנ מיר עפּעס טאָנ.

אַ שווײַגעניש.

דערנאָכ האָט זיכ אָנגערופנ קרעל מיט לײַכטנ קאַעס:

— מיר וועלנ הײַנט האָבנ אַ שמועס.

— אַ שאָד אָנ אָוונט—באַדויערט שפּיטאַלניק.

— איר זײַנט מיר און איכ אפ אײַכ ברוגעז—האָט קרעל גענומענ אַרויסווײַזנ זײַנ אומצופרידנקײַט.

...— וועט איר מאַרגנ, בעשאַס מירנ זײַנ אפנ זאַוואָד, מיר זאָגנ וועגנ דעמ.

— איכ קאָנ אײַכ דאָ אויכ זאָגנ.

— דאָ בינ איכ ניט קיינ אַדמיניסטראַטאָר. און איר זײַנט ניט קיינ מיטאַרבעטער".

וועגנ וואָס גייט דאָ די רייד? ס'האַנדלט זיכ וועגנ דעמ, וואָס קרעל איז ניט צופרידנ מיט דער נײַער אַרבעט, אפ וועלכער שפּיטאַלניק האָט אימ באַשטימט. אָנשטאָט טאַקטיש אופקלערנ קרעלנ ווי נייטיק עס איז די נײַע באַשטימונג, רעדט ער מיטנ לאָשנ פונ אולטימאַטומס און מוסער־זאָגערײַ. עס דערגייט דערצו, אז שפּיטאַלניק וואַרפט בייסנ געשפּרעכ קרעלנ אינ פּאָנעמ אַרײַנ דעמ זידל־וואָרט „שקורניק" און אז קרעל שפּאַרט זיכ פאָרט אײַנ, ווערט דער געשפּרעכ פאַרגעזעצט אינ אזא שניט:

„קרעל:

— ס'איז בא אײַכ פאַראַנ גענוג אינזשענערנ און איר קענט זיי שיקנ. איר ווייסט גוט אז איכ פאַרטיידיק אײַכ צווישנ די אינזשענערנ.

שפּיטאַלניק מיט קאַלטבלוטיקײַט:

— ס'איז ראַזגאָוואָר וו פּאָלזו בעדניכ. איר'ט גייג אַהינ, וווהינ איר זײַנט געשיקט און גענוג.

— און אז ניט?

— ווענלב מיר אײַכ אײַנריירנ.

— איר וואַרפט זיכ מיט ספּעצנ.

— ניינ. ס'איז איר וואַרפט זיכ מיט אַרבעט.

— איר זוכט זיכ וואַרעמע ערטערלעכ".

דאָס איז דער איינציקער אָרט אין בוך, ווו עס ווערט ביכלאַל באוויזנ אינ א קאָנקרעטער פאָרמ ווי אזוי שפּיטאלניק פירט אָנ מיט די ספּעציאַליסטנ. באווייזנ אזא אופוו ארפנ יונגע ספּעציאַליסטנ, ווי אָנפירונג אפנ לעניניש אויפנ — איז אינגאנצנ ניט ריכטיק.

עס איז פאלש, ווענ אונזער קינסטלער וועט וועלנ אינ דעמ שאכטינער פּראָצעס אונ אינ דער ראמזינ־דערשיינונג זענ דוכאוויסיקנ ספּעציפישנ פּאראט — מ'ינ טאָר דאָכ ניט פארגעסנ די צווייטע זייט: דאָס, וואָס בא דעמ גאנצנ פּאראט פונ געוויסע גרופּנ בורזשואזע ספּעצנ־שעדיקער, האָט זיכ זיי ניט איינגעגעבנ פירנ נאָכ זיכ דעמ ברייטערנ קרייז אינזשענערנ, טעכניקער אונ מייסטערס, באזונדערס פונ די יונגע קאַדרענ. דידאָזיקע דיפערענציאַציע אינ דער ספּעצישער סוויווע האָט קאהאנ פארזענ. דעריבער פארוורטיילט ער אָנ קיינ שומ גרונט די קרעלס אונ רעאביליטירט די ניט ריכטיקע באציונג צו זיי פונ שפּיטאלניקנ. דאָס איז אינ דערזעלבער צייט, ווענ צו גראָכנ באציט זיכ שפּיטאלניק שוינ צופיל קאָרעקט, ווענ ער פירט איינ בענעגייע גראָכנ אפילע א באשטימטע אווטאָנאָמקייט ווענ גראָכ אליינ פילט, אז „שפּיטאלניק באגייט זיכ מיט אימ זייער העפלעכ, אייצעט זיכ מיט אימ בא יעדער געלעגנהייט". אָט אינ דערזעלבער צייט ווערט קרעל, אדאנק שפּיטאלניקס איניציאַטיוו, נאכער פארוואנדלט אינ א ציל־ברעט פונ זידלערייענ (די סצענע אפנ אָוונט פונ צוזאמענשלוס מיט די ספּעצנ, ווו גראָכ מעלדעט אונטער אפּלאָדיסמענטנ, „אז קרעל איז א „מערזאוועצ").

שפּיטאלניק האָט זיכ, אזוי ארומ, קאהאנענ ניט איינגעגעבנ. באסקינ, דער סעקרעטאר פונ פּארטיי־קעמערל, איז ניט באוויזנ ווי אנ אָנפירער פונ פּארטיי־קאָלעקטיוו. קאהאנ האָט אימ באוויזנ אינ די מאסנ, נאָר ניט אינ דער שפּיצ פונ די מאסנ. דידאָזיקע צווישנבאציונג „אָנפירונג — מאסנ" איז א מינ פּרוור־שטיינ פאר אונדזערע שרייבער, אונ גאנצ אָפט זעט מענ, אז יענע שרייבער, וואָס ווייסנ ווייניק די רעוואָליוציאָנערע קאָנקרעטע פּראקטיק פונ דער פאבריק, קענענ ניט באווייזנ אָט די באציונג אזוי ווי זי איז. די פּארטיי־אָנפירונג אפנ פאבריק איז גוט, ווענ זי פּארייניקט פארבונדנקייט מיט די מאסנ אונ אָנפירונג, פאָרויסגאנג. אונ אזוי דארפ זי געשילדערט ווערנ. בא קאהאנענ זעט באסקינ אויס ווי א סימפּאטישער ארבעטער אונ גוטער מאסאָוויק, אָבער זיינ ספּעציפישער אָרט אינ דער פּראָדוקציע ווי אנ אָרגאניזאטער־קעמפער־אָנפירער איז ניט ארויסגעבראכט, זאָל זיינ כאָטש אפ דער פּראָבלעמ פונ באציונג צו ספּעציאַליסטנ.

פונ דעמ זאוואָדישנ „דרייעק" איז בלויכער (אָדער טונקעלער?) ווי אלע ארויסגעקומענע די צייכענונג פונ גוסטע פּאלאנט. פונ אָנהייב דוכט זיכ, אז די געשטאלט פונ גוסטע פּאלאנט וועט אנטוויקלט ווערנ ווי א קאָלאָריטע, אקטיווע פיגור. אָבער וואָס ווייטער גייט איר „אקטיווקייט" אלצ מער ארויס פונ די ראמענ פונ דעמ פּראָדוקציע־לעבנ, מענ זעט איר ניט אפנ פאבריק מיט די ארבעטער, אינ דעמ רויש פונ בויונג, נאָר... ווי אנ אָביעקט פונ מאנצבילשע גלוסטונגענ... קאהאנ לאָזט זיכ אפנ וועג פונ אויסנוצנ גוסטע פּאלאנטס פרויישקייט אלס מיטל צו אופדעקנ די שעדיקער... אונ כאָטש קאהאנ סטארעט זיכ דאָס מאָטיווירנ, איז אָבער דערדאָזיקער

באמיִען זיך בלויז א באוויַיז, ווי שווער עס איז אים נאָך אויך איצט צעריַיסן מיט א געוויסן מין טראדיציִעס פון דער וואולגארער ליטעראטור.

נעענטער צום עמעס איז קאהאן, ווען ער צייכנט אזעלכע ארבעטער, ווי מולקע בוים, אן ענטוזיאַסט, וואָס „נעמט", ווי מען זאָגט עס, מיטן אינסטינקט און געפיל. אָבער עס איז קלאָר, אז ניט מולקע בוים איז דער באשליסנדיקער מענטש אין די קאמפן פאר סאָציִאַליזם — ס׳ לייזן זיי די שלאָגלער, באוווסטזיניקע בויער, באוועלכע די ארבעט בא אונדז איז שוין געוואָרן א זאך פון קאָוועד און פון רום. עס איז ניט ריכטיק, ווען מען זאָל וועלן אין פאָדערגרונט אוועקשטעלן די אינטואיטיוו־סטיכייִשע קרעפטן (מולקע בוים), אָנשטאָט די באוווסטזיניקע און אָרגאניזירנדיקע קויכעס (שפיטאלניק, באסקין א. אנד.). און אָט אזא פאָרצוג פון מולקע בוים קעגן די פארטייער, שלאָגלער און אָנפירער איז ווידעראמאָל א באוויַיז, אז קאהאן דארף נאָך פיל ארבעטן, קעדיי זיַין ריכטיקע אָריענטאציע אף דער סאָציִאַליסטישער ווירקלעכקייַט זאָל רעאליזירט ווערן אין בלוטפולע בילדער פון אונדזער הייסער צייַט.

★

אווראָם קאהאן האָט זיך גענומען איבערבויען. ער האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע באוויַיזן קינסטלעריש א געוויסן סעקטער פון קלאסן־קאמף אין פעריִאָד פון סאָציִאַליסטישער רעקאָנסטרוקציע. ער האָט געוויזן אין זיַין בוך „אינזשענערן", אז דידאָזיקע אָריענטאציע איז אן ערנסטע און אנטהאלט דעם דראנג צו אָפשטויסן זיך פון די אלטע וועגן. ער האָט געוויזן, אז די פאבריק איז מיט איר פראקטיק געוואָרן דער צענטער פון זיַין אויפמערקזאמקייַט. אָבער דערביַי האָט ער געמאכט זייער ערנסטע פעלערן: וועגן זיי האָבן מיר דעריקער גערעדט. וואָס שייַעך שרייַבערישער טעכניק האָט קאהאן דאָ געגעבן דעם ערשטן צעוויקלטן ווערק, און געוויזן, אז ער קען אויסמאָלן א גרעסערן בילד, מאכן אים שפאנענדיק, דינאמיש פארכאפנדיק (כאָטש, ווי געזאָגט, מיט פינקערטאָנישע מיטלען). אינדיווידועלע „פסיכאָלאָגיזאציע" און הומאניזם פלאָנטערן קאהאנען אָבער נאָך גאנץ היפש.

דידאָזיקע רעשטן שוואכן אָפ אינעם בוך „אינזשענערן" די ענערגישע אָנשטרענגונג, זעצן אראָפ זיַין טאָנוס, מאכן אים אָפט צוצויגן, פארבייַטן אָפט דעם נייטיקן „הויכן גאנג" מיט נאָגנדיקן אימפרעסיִאָניזם, פארבייַטן רעאליסטישע צייכענונג מיט אימפרעסיִאָניסטישע פלעקן. דאָס איז אין לעצטן סאכאקל א רעזולטאט פון שוואכן ארומכאפן אין שייַכן פון מארקסיזם־לעניניזם די סאָציִאַלע דערשייַנונגען, פון ניט גענוגנדיקן דערלערנען אונדזער פראקטיק. איך שטרייַך אונטער „פראקטיק", ווייַל אין א גרויסער מאָס האָט קאהאן געמאכט פעלערן אינעם צייכענען זיַינע אינזשענערן צוליב ניט פולקאָמער קאָנטשאפט און ניט גענוגנדיקן שטודירן דעם ספעציִאַליסט און די פאבריק־אומגעבונג ביכלאל אין זייער קאָנקרעטער געשטאלט. דאָס איז א פראקטישע און קינסטלערישע פראָבלעם. איבער איר מוז מען פלייַסיק ארבעטן און אף איר קאָנטראָלירן די דערוואָרבענע צוגרייטונג...

יונ 1932.

דער ארבעטער-שלאָגלער האָט א וואָרט.

(„שלאָגלער", זאמלבוכ פונ די מינסקער ארבעטער-שלאָגלער, געװאָרפּענע אינ דער ליטעראטור. „שלאָגלערישע טריט": ליטקרײַז אפּנ נאָמענ גאָרקי בא דער סטאלינ־דרוקערײַ).

צוויי זאמלביכער. יעדער פונ זיי האָט זײַנע אייגנארטיקײַטנ, זײַנע מײַלעס אונ שוואכקײַטנ. דער זאמלבוכ „שלאָגלער" פאראייניקט 14 ארבעטער־שרײַבער פונ פארשיידענע אונטערנעמונגענ אונ שטעלט דעמ טראָפּ אפּ א געוויסנ קוואליטאטיוונ קינסטלערישנ אָפּקלײַב. די זאמלונג „שלאָגלערישע טריט" פאראייניקט אונטער איינ שארבלאט 7 אווטערנ, וואָס זײַנענ ארבעטער פונ דער דרוקערײַ אפּנ נאָמענ פונ סטאלינ, מינסק, אונ שטעלט דעמ טראָפּ אפּ אופדעקנ די שעפערישע פרווונ פונ א פאבריק־זאוואָדישנ ליטעראטור־קרײַז. דער ערשטער זאמלבוכ גיט א גרעסערע צאָל שרײַבער, וואָס האָבנ זיכ שוינ געדרוקט אינ דער „גרויסער פרעסע", דער צווייטער—א פארהעלטנסמעסיק גרעסערע צאָל נײַע נעמענ. דער ערשטער גיט א גרעסערע פארשיידנארטיקײַט פונ דער טעמאטיק, דער צווייטער—דעריקער א טעמאטיק, וואָס איז געבונדנ מיטנ פּראָדוציר־לעבנ פונ דער אייגענער אונטערנעמונג.

מיר וועלנ זיכ אָפּשטעלנ אפּ יעדער זאמלונג באזונדער.

1

„אינ צעכ", „אפּ דער געבײַ", „אפּ רישטאָוואניעס", „באמ מאָטאָר", „יוגנט־בריגאדע", „נאָכ א שלאָגלער", „בא דער בעטאָנערקע"—דאָס זײַנענ נעמענ פונ זאכנ געדרוקטע אינ דער זאמלונג „שלאָגלער". ניט צופעליק איז דאָ אזא איינהייטלעכקײַט פונ דער טעמע: דאָס איז אנ אויסדרוק פוו דער אידייע, וואָס שטייט אינ צענטער פונ די וואקסנדיקע ארבעטער־שרײַבער—זייער דראנג „זיפ ארײַנמישנ" מיט דעמ ליטערארישנ שאפנ אינ דעמ פּראָדוקציע־לעבנ. לאָמיר זענ, וואָס עס קענענ שוינ זאָגנ אונדזערע שלאָגלער אפּ דערדאָזיקער טעמע.

רוועע רייזינ עפנט די זאמלונג „שלאָגלער" מיט צוויי גרויסע לידער. מיט א רויִקער פענ צייכנט ער דעמ ארבעט־טאָג אינ צעכ. אונ א ביז גאָר רעאלע, קימאט נאטור־טרײַע צײַכענונג פונ דער ארבעט אינ צעכ,—א שווערע ארבעט,—ווערט בא אימ מיט א גרויסער מאָס פונ אומיטלבארער נאיִוויטעט, אָנגעפילט מיט ארבעט־פרייד.

פאר רווע רייזין איז געוויס נאָך ניט קלאָר די גאַנצע טיפקייט פון דעם כ׳ סטאַלינס דעפיניציע וועגן דער באַגײַסטערטער באַציִונג צו אַרבעט בײַ אונדז אין לאַנד, אָבער פונדעסטוועגן געלינגט אים אופדעקן דעם אין אונדזער לעבנשטייגער שוין אײַנגעוואַקסענעם הויכן פּאַטאָס פאַר יעדער זאַך, וואָס ווערט געטאָן אפן פאַבריק. זײַן פעג טונקט רווע רייזין ניט אין לאַקיר, נאָר ער צייכנט אַ ריכטיק בילד, און עס באַקומט זיך עמעסדיק און פריידיק:

„שוין מיר די האַנט פון שלײַפן און ס׳איז מיט זשאַווער-זאַמדן.
שוין גראָב פאַרשטויבט דער פאַרטעך, אין כ׳שלײַף, און כ׳שלײַף, און שאָב,
אַ שוויִס צעמיש מיט זשאַווער אפ פּאָנעם שוואַרץ-צעפלאַמטן,
עסט די הויט, ווי עסיק, און רינט אפ בלעך אַראָפּ.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
און אַ דריי דעם האַנטפּאַס — אַ שווינדל פון אַ קאַסע,
מיט אַמאָל מיט נאַסן אַ האַנטפּאַס בליצט און בלענדט,
און כ׳בויג זיך צו אַ קוק טאָן, נאָר ס׳טוט אַ קאָל אַ גאַס זיך,
און כ׳טציטער אופ אין צווייען פון פרייד און פון סירענ.״

אויסדריקלעך, פאַרביק, עמאָציאָנעל, אָנגעווענדעט צו באַווײַזן די פרייד מיט אַרבעט — איז דאָ רייזינס פערז. אין דעמזעלבן גײַסט גייט זײַן צווייטע ליד „אפ דער געבײַ״, ווו ער באַווײַזט די אַרבעטער-מיידל אין „בויער-ספּעצ-קאָסטיום״ — אַ נײַע דערשײַנונג, וואָס איז ערשט פאַר די לעצטע יאָרן אופגעקומען אין אונדזער לעבן. דער יונגער רייזין האָט דאָ ניט אויסגעמיטן קיין זיסלעכע סענטימענטאַלקייטן באַם באַווײַזן, ווי די אַרבעטערן איז גינציק דער בויונג, ער האָט דאָ זײַן אומיטלבאַרקייט אָפּט אויסגעביטן אפ אַן אַלטן טראַפאַרעט — אַ מײַסע מיט דעם, ווי אַזוי די מיידל האָט געמאַכט פון איר שיינעם צאָפּ האָר אַ פּענזל פאַר דער אַרבעט...

רייזין איז סימפּאַטיש מיט זײַן נאַיווער עפישקייט, מיט דער פאַרשיידנקאָליריקייט, מיט דער אויסדריקלעכער צייכענונג פון געגנשטאַנדן; מיט דער אינעווייניקסטער רויִקייט, וואָס גייט בײַ אים צוזאַמען מיט אַן ענערגישן הויכן געמיט. דאָס איז סימפּאַטיש ווי אַן אויסדריק פון ערשטע טריט. אָבער פיל פון דעם קען אוועקגעפירט ווערן אָן אַ זײַט, אויב עס זאָל ניט געשטעלט ווערן דער באַדינג פאַר רייזינען — אַרויסגיין פון דער נאַיווער סטאַדיע, אָנהויבן זיך גענויער צוקוקן און גוט זען די סיבעס פון פּראָלעטאַרישער אַרבעטס-פרייד, אָנהייבן גוט פאַרשטיין דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון „אַרבעט״ אין אונדזערע סאָוועטישע באַדינגונגען...

מיט שטורמישן סטיכיישן אָנברויז פון אַרבעט-פרידיקייט איז איבערפילט מאָטע דעכטיאַרס פראַגמענט פון אַ דערציילונג „אפ רישטאָוואַניעס״. דעכטיאַר האָט אַ גוטע אויג, ער זעט גוט מענטשן, ער זעט זאַכן, ער זעט טוונג — דאָס לעצטע אינטערעסירט אים באַזונדערס. דעכטיאַר האָט נאָך ניט די געהעריקע געוויינהײַטן אויסצובויען אַ ליטעראַרישן סיוזשעט, קעדיי אין אים אויסדריקן אַ באַשטימטע אידייע. „אין רישטאָוואַניעס״ איז ניטאָ קיין גאַנצקייט און פּאָענדיקטקייט, אפילע ווי פאַר אַ פראַגמענט. אָבער דעכטיאַר, זעט מען, זוכט ענערגיש דעם וועג צו באַנעמען דאָס, וואָס עס קומט פאַר אפ אונדזערע „רעשטאַוואַניעס״. וואָס איז אַזוינס די סאָציאַליסטישע בויונג? פאַר דעכטיאַרן איז קיין שום ספּק ניט, אַז דאָס איז גליק, פרײַהײַט,

גרויסע פרייד, שעפע. ער האָט ליב דעם געפילדער אפ די רישטאָוואניעס פונ דער בויונג, ער חאָט באזונדערס ליב די רישטאָוואניע־מענטשן. אינ דער ערשטער ריי — די גוטע ארבעטער, קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ; ער האָט ליב די ציגל, דעמ ליימ, די וואפנע אונ די בעטאָנ־מאשינ — אימ בארוישט דער אימפעטדיקער לעבנ אפ די „רישטאוואניעס“. קיינ ספייקעס זייַנענ בא אימ ניטאָ. „אייַזנ־מויער“ איז דער ארבעטער־קאָלעקטיוו, וועלכנ ער זעט, „אייַזנ־מויער“ איז די געבייַ, „אייַזנ־מויער“ איז די ניט־געוואקלטע אינעווייניקסטע זיכערקייַט אינ זיג. די גאנצע דערציילונג גייט בא דעכטיארנ אינ ליכטיקע פארבנ אונ פריידיקע טענער. איבערנ געפילדער פונ די מענטשנ, גערודערייַ פוג די מאטעריאלנ, טראסקערייַ פונ מעכאניזמענ, געשרייענ אפ דער געבייַ, — איבער דעמ אלצ הענגט די אטמאָספער פונ געפאקטער ארבעט, ניט געצווונגענער אָנגעשטרענגטקייט, ליכטיקייַט פונ געמיט, אייַנגעפונדעוועטקייַט, זעלבסט־זיכערקייַט, געמיטלעכער ברייטקייַט, אָט ווי די ברייטקייַט פונ די טירנ, וואָס „כאָטש מיטנ גאנצנ סאָציאליזמ פאָר אריַנ אונ ניט פארטשעפע זיכ.“ מיט וואָס פאר א ברייטער האנט פונ א באלעבאָס עס איז דאָ אוועקגעלייגט געוואָרנ א שטריכ צומ בילד פונ דער סאָציאליסטישער בויונג! בלויז דער טיפער געפיל פונ עמעסער, געזונטער אונ אומגעוואקלטער סאָציאליסטישער שלאָגלערייַ קענ אימפולסירנ אזא געוואגטע „ברייטע“ שורע.

צו האָט מאָטע דעכטיאר שוינ געוויזנ אלע זייַנע קינסטלערישע מעגלעכקייַטנ אונ די געהעריקע אידייִשע פארטיפונג? עס וואָלט געווענ פאלש צו מייַנענ אז יע. דעכטיאר גיט, לעמאָשל, א פרעכטיקע, קימאט סקולפּטאָרישע צייכענונג פונ ארבעטער־טיפנ, אָבער דערבייַ האָט ער נאָכ ניט באוויזנ דערפירנ צו פולקאָמענקייַט די אָדער יענע פיגור. סטיכייִשקייַט פלייצט אימ איבער, דעריבער איז די מאלערישע צייכענונג נאָכ בא אימ ניט פארקרעפטיקט, אייַנגעשטייַפט, אידייִש אָנגעווענדעט אינ דער אנטשפרעכנדיקער מאָס. דעכטיאר איז אָפט אומבאהאָלפנ אינ דער טעכניק, ער בויט נאָכ אָפט שלעכט די פראזע, איז גאָר אָפט ניט עקאָנאָמיש אינ זייַנ מענטשנ־מאטעריאל, צעטיילט ניט אינ דער ריכטיקער פראָפּאָרצ די אופמערקזאמקייַט צווישנ הויפט־טיפאזש אונ די דערבאיִקע פיגורנ, דערלאָזט אסאכ האמעטנע פעלערנ אינ דער שפראכ, פלייצט איבער די דערציילונג מיט ניטכאראקטעריסטישע, בלויז נאטוראליסטיש־פארשריבענע, רוסיציזמענ, כאָטש דעכטיאר האָט דעמ געפיל פאר כאראקטעריסטישער ארבעטער־לעקסיק, פארנ קינסטלערישנ דעטאל, פאר דעמ שארפנ שטריכ, פאר דער שפראכ פונ זייַנ „העלד“.

פארגלייַכנ מיר דעכטיאר מיט רוווע רייזינ, געפינענ מיר באמ ערשטנ די מייַלע פונ גרעסערער פארשיידנארטיקייַט אינ די מענטשנ־כאראקטערנ, וועלכע ער וויס, פונ א מער ברייטנ פארנעמ אינ באגרייַפנ די סאָציאליסטישע ווירקלעכקייַט. דאָס איז בא אלע פעלערנ, וואָס דערכטיאר פארמאָגט. איכ מאכ בעקיוונ אָט דעמ פאראלעל, קעדיי נאָכאמאָל אונטערשטרייַכנ רוווע רייזינס שוואכע ערטער, וועלכע זייַנענ אויכ פאראנ בא אונדערע שלאָגלער.

אפנ דריטנ אָרט אינ דער זאמלונג גייט מיט לידער אידע פינכאסיק, אנ ארבעטערנ פונ א טעקסטיל־פאבריק. אומיטלבאר־אָפנ דעקט אופ די טעקסטיל־ארבעטערנ איר לעבנ־גאנג פאר די לעזער. אָנ כארהאנקעס, אָנ וואלנ, אָנ צוויִעס אונ פארשטעל־

טער גרימאַסע, אָן קאָסמעטיק, ניטאָ קיין קאָקעטעריע,— די אייגנשאַפט פון דער בודזשואַזער פרוי,— ניטאָ קיין צוויִעסדיקע צניִעס. „עפן איך נאָר אוף די אויגן", איז דער ערשטער געדאַנק—וועגן „רוישיקן אָרקעסטער" פון די שטריק-מאַשינעס, דער ערשטער פאַרדראָסיקער נעפּיל איז טאָמער א פאַרשפּעטיקונג אַפן פאַבריק. א נייַער שטייגער, דער שטייגער פון דער אַרבעטער-מיידל, ווערט אָפּגעדעקט פאַר אונדז.

דער קרייַז פון טעמעס איז בא פינכאַסיק ניט קיין ברייטער. די אייגענע פאַבריק, וווּ זי אַרבעט, פאַרכאַפּט איר „אַפ אַלע הונדערט פּראָצענט". די מאַשין, דעם געפיל אירן פון א באַלעבאָס איבערן מאַשין—דאָס צייכנט זי אין דער ליד:

„געהאָרכזאַם זיך דרייען מאַשינקעס געשפּאַנטע,
הענט—ווי בא רייטער—צום אָפּשטעלן גרייט.
אין רויִקן פולס בא דער לייַכטערער אַרבעט
טייַעט זיך טיפע און רויִקע פרייד,
— — — — — — — —
צווייִטע וואַכטע, שפּעטע נאַכט.
אויגן—אופמערקזאַם און וואַך!
שאָ נאָך שאָ און נאָכאַנאַנד
אויגן היטן פאָדעם-גאַנג
הינטער פענצטער—שוואַרצע נאַכט,
אויגן—וואַך
ווי אין א שלאַכט!"

(„באַם מאָטאָר").

פאַראַן שוין אין די אָ שורעס א שטריך פון אייגנאַרטיקן אופריכטיקן אופדעקן אַן אינווייניקסטן געפיל פון באַשיידענעם ליריזם, וואָס שטעלט אין הינטערגרונט דעם אייגענעם „איך" בייסן געבן א סאָציִאַלן מאָטיוו, פון וואָרט-קאַרגשאַפט, אָבער— ניטאָ נאָך קיין רייַכקייַט פון מאָטיוון, פון שפּראַך, די שורע איז אָפט ניט נייַ, איז אָפט אַריבערגעטראָגן פון דער „גרויסער" ליטעראַטור—אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך אין פעריִאָד פון לערנען. לאָמיר טאַקע דאָ שוין פרעגן אין קלאַמערן: אַסאַך איז געטאָן געוואָרן דערפאַר, אַז די כאַווערטע אידע פינכאַסיק זאָל קענען זיך לערנען אַרבעטן אַפ איר שורע און ווייַטער וואַקסן?

אין דעמזעלבן פּראָדוציר-„זשאַנר" גייען מ. קאַפּלאַנס לידער. דאָס בעסטע, וואָס ער האָט אין דער זאַמלונג, איז דאָס ליד „פאַרקעט-מאַשין". ניטאָ נאָך דאָ קיין גרויסע מאָס פון בילדערישקייַט און פּאָעטישער טעכניק, אָבער דאָס ליד איז אָנגעזאַפּט מיט אַקטועלקייַט—עס ווערט דאָ געשטעלט די פּראָבלעם פון באַהערשן מיט דער טעכניק פון פּראָדוקציע. די שורע איז אפילע פּראָזאיִש, אָפט אַריבערגעטראָגן פון עקזיסטירנדיקע ליטעראַרישע ווערק („באַם וואַרשטאַט, באַם הובל, באַם זעג"—דערמאָנט זיך כאַריקן), אָפט אָרעם אין בילדערישן זין („האָט זיך א געדאַנק אין מיר פאַרגאַנוועט, א געדאַנק, וואָס רופט מיך און וועקט"), אָבער זי איז באַנייַט מיט געזונטן געפיל פון דראַנג צו נעמען די פעסטונג פון דער טעכניק.

קאַפּלאַן „קאָנקורירט" מיט זייַנע כאַווייִרים-שלאָגלער אין געביט פון א י ד י י ִ- ש ע ר אונטערגעשטראָכנקייַט. ער פּרעטענדירט אַפ פאַראַלגעמיינערונג אין א גרעסערער מאָס. אין דאָס ליד „אַפ מאַרמערנער הויף פון פאַסאַד", פּרוּווט ער

צוגלײַכ מיט שפּיל אַפ קלאַנג („זינג, זאַנג, זעגנ-קלאַנג") געבנ פאַראַלגעמײנערנ-דיקע שורעס, ווי, לעמאָשל:

„ס'איז הײַנט
דאָס בעסטע גליק
מויערנ אינ פרייד דעמ גרויסנ יאָנטעוו,
עס רוט אַפ אונדז
די קעפּקע פונ פאַבריק
אונ גרייט זײַנעַנ מיר רויטע שליאָמענ אָנטאָנ".

דאָס איז א שריט צו ארומכאַפּנ א גרעסערנ קרײַז, ווי די אַטמאָספער בלויז פונ צעכ. די שורעס זײַנענ מיט געדעכטע פּרעטענזיעס אַפ דיכטערישער פאַרגאַנצט-קײַט, פאַראַנ אפילע א נײַער דרייסטער בילד („די קעפּקע פונ פאַבריק").

קאַפּלאַנ שטייט אָבער פאַר דער געפאַר פונ „פאַרליטעראַטעוועַנ" זײַנ אייגענע שורע אונ פונ אריבערבויגנ אינ דער צווייטער זײַט—פונ וועלנ אריבערשפּרינגענ די קאָנקרעטע טעמע אונ פונ דעמ קאָנקרעטנ שטאָפ, מיטנ קאָנקרעטנ וואָרט-מאַטע-ריאַל, זיכ אָפּנייגנ צו דער סטאַנדאַרטיזירטער „פאַראַלגעמײנערונג" אונ שטאַמפּירטנ וואָרט אונ גראַמ.

צו אָט דעמ גרונט-קערנ, וואָס בילדעט די פּראָדוקציע-טעמאַטיק אינ דער זאַמ-לונג, דאַרפ מענ נאָכ צוגעבנ דעמ אָפּגעדרוקטנ „אָטשערק" אונ עס וועט זײַנ פול דער בילד פונ דער פּראָדוקציר-טעמאַטיק אינ דער זאַמלונג (וועגנ אייניקע שוואַכערע זאַכנ וועט גיינ א רייד שפּעטער). וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ברוקאַשס „אָטשערק"? דאָס איז פּאַשטעס פונ שפּראַכ,—געשריבנ אָנ „ליטעראַטורנע"-צאַצקעס אונ דריידלעכ,—אָריענטאַציע אינ דעמ מאַטעריאַל, מער-ווייניקער ריכטיקער אָפּקלײַב פונ די עלעמענטנ פאַר דער טעמע. ברוקאַש ווײַזט, ווי די שנײַדער פונ וויטעבסק זײַנענ פונ קוסטאַרערײַ געקומענ צומ גיגאַנט „פּאָנ פונ אינדוסטריאַליזאַציע"—א פאַ-בריק, וואָס איז אויסגעשטאַט לויטנ לעצטנ וואָרט פונ טעכניק אונ ציילט אָנ בא 5000 אַרבעטער, ער גיט די „געשיכטע פונ פאַבריק" ביזנ אריבערטרעטנ דעמ שוועל פונ דעמ נײַעמ גיגאַנט. אינ דעמ „אָטשערק" טיילט זיכ אויס דער פאָלגנדיקער בילד:

„מאַרשירנ איבער וויטעבסקער גאַסנ טויזנטער אַרבעטער.
איז גוט אזוי צו גיינ הײַנט צווישנ טויזנטער. דו ביגסט אייגער אונ דו ביגסט אַלע.
באַגריסט הײַנט א קלאַס זײַנ זיג.

א פרישער, ווײַסער, 4-שטאָקיקער קאָרפּוס.

— ווי לאַנג, אז מע האָט דעמ פונדאַמענט פאַרלייגט?

צו דער עפענונג זײַנענ געקומענ אַלע שנײַדער מיט פאָרשטייער פונ די וויטעבסקער אַרבעטער.

ווענ מע האָט געעפנט די טירנ, האָט א מענטשלעכער שטראָמ זיכ קוימ אריינגעריסנ, צו שמאָל זײַנענ די טירנ געווענ.

אונ גייענדיק האָט מענ אָנגעהויבנ צו זינגענ דעמ „אינטערנאַציאָנאַל". מענ האָט זיכ גאָרניט צוזאַמענגערעדט. אייגער האָט אָנגעהויבנ אונ באַלד האָבנ טויזנטער שטימענ אונטערגעכאַפּט".

אינ דעמ עפּיזאָד קענ מענ זענ די גוטע זײַטנ אונ די שוואַכקײַטנ פונ דעמ „אָטשערק". דער סטיכישער „אינטערנאַציאָנאַל"-געזאַנג—דאָס איז דאָס ווענטלעכע אי-

8. וועגנ שרײַבער אונ ווערק.

נעם בילד. אזא דעטאַל דעקט אוף אופגעשטיגענע פרייד, וואָס רײַסט זיך ארויס אין דער העכסטער מינוט בא דער מאכע. נאָר דאָ טאקע איז צו זען, אז אין דער ארבעטער־מאסע זעט נאָך ניט ברוקאש קיין אינדיווי דוומען, קיין מענטשן שילדערט ער ניט, און אזוי אין דעם גאנצן „אָטשערק". אויסער אויסנאמען, ניט איבעריקט געלונגענע. וואָס איז שײַעך שפראך און בילד איז נויטיק אפ א פּאָר ערטער פון דער געבראכטער ציטאטע באווײַזן ברוקאשס שוואכקײַטן. ער שרײַבט: „צו דער דערע־פענונג זײַנען געקומען אלע שנײַדער מיט פאָרשטייער פון די וויטעבסקער ארבע־טער". לויט אזא אויסדרוק קומט אויס, אז די שנײַדער זײַנען נ י ט קיין ארבעטער. דער שרײַבער האָט דאָס גאָרניט געמיינט. נאָר די צעקאַליעטשעטע שפראך האָט דערצו געבראכט. אָדער ער זאָגט: „ווען מע האָט געעפנט די טירן, האָט א מענטשלעכער שטראָם זיך קאָמ ארײַנגעריסן". וואָס הייסט דער מענטשלעכער שטראָם האָט זיך ק א ם ארײַנגעריסן? אפ דעם איז שטראָם, ער זאָל זיך קענען א י נ ט ע נ ס י ו ו ארײַנרײַסן. ברוקאש האָט גע־וואָלט זאָגן, אז דער שטראָם האָט באגעגנט שטערונגען—„צו שמאָל זײַנען די טירן געווען", אָבער צוליב דעם איז גאָרניט נייטיק אָפּשוואכן די קראפט פונעם שטראָם... דאָס זײַנען בײַשפּילן פון „זינד" קעגן שפראך און בילד בא ברוקאשן. אָבער אין אלגעמיין פארמאָגט ער שוין באשטימטע רעסורסן פארן „אָטשערק" און זײַן ערשטער, ארויסטריט איז דער אויסדרוק פון אויסגעוואקסענער קולטור בא די ארבקאָרישע מאסן (פון וועלכע ברוקאש קומט אין דער ליטעראטור).

★

פאראן אין דער זאמלונג „שלאָגלער" א צווייטער טייל זאכן, וואָס גייען ארויס פון די גרענעצן פון פּראָדוציר־טעמאטיק. שוועדיקס בינטל לידער, ראָבקינדס נאָוועלע, לאנגמאנס ליד, כײַע ראַיקס ליד און דערציילונגען א. אנד.— זײַנען ניט שטענדיק דירעקט געבונדן מיט פּראָדוקציע. אפילע שימשעלעוויטשעס סצענישע מיניאַטורקע, וואָס האָט אלס איר טעמע—קאמף פאר פּראָמפינפּלאַן, קעגן ליידיקגייערײַ—האָט צו־טאָן מיט א שטאָפּ פון לעבנשטייגער, וואָס ליגט אויסער דער פאבריק.

ווי דארף מען זיך באציִען צו אזא „אָפּגיין" פון דער פּראָדוציר־טעמאטיק? אפ וויפל אזא „אָפּגיין" פארמאָגט ניט די טענדענץ פון אָפּרײַסן זיך פון פּראָדוקציע, נאָר פון דראנג צו ברייטערע טעמעס, וואָס בינדן זיך אין לעצטן סאכאקל אויך מיטן קאמף אפ דער סאָציאַליסטישער פאבריק—און אזא איז די גרונט־טענדענץ פון די דערמאָנטע זאכן אין דער זאמלונג—איז עס אָן סאָפעק אן אויסדריק פון וווקס און געזונטן גאנג פאָרויס.

אָט, לעמאָשל, שוועדיקס לידער. זיי זײַנען געווידמעט בירעבידזשאַן, גיבן די אָנשטרענגונגען צו באהערשן ניט געריבטע שטאָכים אין סאָוועטנפארבאנד. אין „קאָנטעקס" פון די איצטיקע שלאכטן פאר סאָציאַליזם, ווען מע באדארף „אײַנעמען" און אופדעקן נײַע נאטור־רײַכטימער אין לאנד, איז אזא טעמע ענג פארבונדן מיט אונדזער פּראָדוציר־טעמאטיק. עמעס בא שוועדיקן איז געוויסערמאסן פארנאכלע־סיקט דער פּראָדוציר־פּראָצעס, ער פארכאפּט זיך שטארק מיט נאטור־צייכענונגען, מיט די קלימאטיש־געאָגראפישע אייגנארטיקײַטן פון בירעבידזשאַן, אין אנדערע פאלן—

אפילע מיט א געוויסער עקזאָטיק. שוועדיק נעמט וויניק ס אָ צ ׳ א ל ן שטאָף פאר זײַנע לידער, ער שילדערט קימאט ניט די געזעלשאפטלעכע צוזאמענשטויסן.

א צו געדיכטער נעפל פון פארלאָרנקײַט הענגט איבער דער יונגער כעוורע פון דער „איקאָר־קאָמונע״—דאָ איז פאראן א שטריך פון איבערגעטריבנקײַט—די פאָרגעשריטענע יוגנט, וואָס איז די ערשטע געגאנגען קיין ביראָבידזשאן, האָט ארויסגעוויזן שטאנדהאפטיקײַט און געזונטן געמיט.

שוועדיקס פארנעם, די גאמע פון געפילן, איז אזא, וואָס טיילט אים שטארק אויס פאָזיטיוו אין דער זאמלונג. ער ברענגט ערטערווײַז א נײַעם גראם און נײַעם וואָרט („לענגער ברייטער דער פראָקאָס, גיסט די זון מיט רעגן־בראַנדז״), ער מאכט א געלונגענעם פרווו צו „רעקאָנסטרויִרן“ דעם דובינושקא־מאָטיוו אף דער באזע פון אינדוסטריִאליזאציע („עך, איינס צוויי—בעסער, איינס צוויי־שטארקער! דאָ וועלן שנײַדן די מעסערס און דאָ וועט ארומגיין דער טראקטער״), ער גיט שורעס עמאָציאָנעל שטארקע, פאטעטישע, „פלײַשיקע״, קאָמסאָמאָלישע („זײַנען מיר געקומען מוטיקע און יונגע, דאָ וועט זיך צעוואקסן א מעכטיקע קאָמונע. האָבן מיר געמאָלדן מיט ווילנס מוסקוליארע—דאָ וועלן באזעצן זיך שטאָלצע קאָמונארן״). ער איז פרײַ אין דער שורע און קען די שפראך שטעלן צודינסט פון זײַנע זעונגען, כאָטש עס פילט זיך א שטארקע ווירקונג פון די עלטערע דיכטער.

צו שוועדיקן דארף מען ארויסשטעלן ערנסטע פאָדערונגען, ווײַל ער האָט אָן סאָפעק בוילעטע מעגלעכקײַטן.

וואָס טיילט אויס ראָכקינס נאָוועלע? איר טעמע איז—וועגן איבערגעבורט פון דעם אָפּגעשטאנענעם ארבעטער אין דער סוויווע פון פאבריק. די נאָוועלן זײַנען מיט א באשטימטן „אָפּנייג״ צו פסיכאָלאָגישער צייכענונג. זיי זײַנען געלונגען צוליב זייער קאָנקרעטקײַט, קורצקײַט, רעאליזם—כאָטש דער רעאליזם איז א נאטוראליסטישער, א מין „צייכענונג פון דער נאטור“. די ערשטע פון די געדרוקטע צוויי נאָוועלן באווײַזט דעם איבערברוך צום גוטן פון אן אָפּגעשטאנענעם ארבעטער אפן פאָן פון זיג אין פראָמפינפלאן, די צווייטע—אויך אזא איבערברוך בא א קלעריקאל־באַיינפלוסטן ארבעטער, געוועזענעם קוסטאר, אפן פאָן פון פאָליטישער איבעראָריִענטאציע. ראָכקינס פארצייכענונג איז נאָך פרימיטיוו, אָפּט ניט דערארבעט. ניט שטענדיק איז צו פילן, מיט וואָס ווערט מאָטיווירט דער איבערברוך באם געשילדערטן טיפּ, און דער לעזער דארף אליין דערשאפן. אָבער אפילע בא די אלע פעלערן זײַנען די נאָוועלן אינטערעסאנט, זיי זײַנען אקטועל, קלאָר אָנגעשריבן, און עס איז בעפיירעש א שאָדן, וואָס עס דרוקן זיך ניט אָפטער ראָכקינס אזעלכע פארצייכענונגען פון פאבריק־לעבן. אין די נאָוועלן איז צו זען, אז ראָכקין האָט א גרויסן לעבן־שטאָף און קען אסאך מענטשן פון דער ארבעטער־סוויווע (וואָס מע קען ניט זאָגן וועגן דעם יונגוואלד פון די ארבעטער־שלאָגלער, ווי רוווע רייזין, קאפלאן א. אנד.). זײַנע טעמע נעמט ער פונעם איצט, דערפון ווערט זי אקטואליזירט, ער באנוצט אין א גרויסער מאָס די „נאטורעלע“ שפראך פון דעם שנײַדער. ער שרײַבט לעמאָשל: „דיך וועט מען שוין ניט איבערמאכן, מען מוז דיר איבערניצעווען אף דער לינקער זײַט און גוט אויספרעסן אונטער דער האָפמאנסקער פרעס, דאן וואָלט מען פון דיר ארויסגעטריבן דײַנע טרייפענעם דוך“, אָדער—„ער האָט לעכאטכילע צוגעסטריגעוועט

זײַנ וואָרט אונ דערנאָכ האָט זיכ געשטעפּט ווי פונ אנ עלעקטרע־מאַשינ". אינ דער־
דאָזיקער לעקסיק איז קעדײַ צו פאַרצייכענענ די „אינדוסטריאַליזאַציע" פונ דער
שפּראַכ, פונ דעם גאַנגבאַרנ ווערטל — האָפּמאַנישע פּרעס־מאַשינ אונ עלעקטרע איז
קיינמאָל ביז דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע ניט געווענ אינ דער שנײַדע־
רישער „פאַסטריגע"־שפּראַכ.

רײַע ראַיק איז אויכ אנ ארבעטערנ פונ דער ניי־פאַבריק „אָקטיאַבער" ווי ראָכ־
קינ. — אירע זאַכנ — א דערציילונג אונ א ליד, — פאַלנ ארויס פונ דער פּראָדוציר־
טעמאַטיק. די דערציילונג אירע גיט די איבערוואַנדערונג־טעמע אומגעפּער אינ די
יאָרנ 28—1927, בײַם סאַמע אָנהייב פונ דער פּלאַנמעסיקער ערד־אײַנאָרדענונג. איר
איז געלונגענ געבנ א ריי טיפּישע שטריכנ פונ דעם שטעטלדיקנ האָרעפּאַשנעם
אונ פונ דעם באַלעגופּישנ שיכט אונ באַווײַזנ צוזאַמענשטויסנ צווישנ זיי — באַווײַזנ א
קלאַסנדיפערענצירטנ שטעטל. די הויפּט־מײַלע פינ אזא בילד איז, וואָס די ערד־אײַנאָר־
דענונג פונ יידישע ארבעטנדיקע ווערט געגעבנ, ווי אנ ארענע פונ קלאַסנ־קאַמפּ. די
שפּראַכ איז אינ דעם „אויסצוג" א קרעפטיקע, קורצע, א פאַרביקע מיט א שטאַרקנ
לאָקאַלנ ספּעציפיש־שטעטלדיקנ קאָלאָריט. „שמועל יודע דער קאַצעוו, דער פידזשאַק
פאַרשפּיליעט זיכ נאָר אפנ אויבערשטנ קנעפּל. ווײַל נידעריקער לאָזט ניט דער בויכ" —
אזא צייכענונג רעדט וועגנ באַאָבאַכטונג־פייקײַט, וועגנ זוכנ אינ דעם בילדערישנ
שטריכ זײַנ סאָציאַלנ זינ.

כ־טע ראַיקס ליד „לוקישקי, לוצק, ראַוויטש אונ פּינסק" איז אָנגעלאָדנ מיט
פאָלקסטימלעכער עפּישקײַט. א רויקער טאָנ, פּאָשעטע ווערטער:

„הונגעריקע טעג אונ ארבעטלאָזע וואָכנ,
מ'ווארפט דאָרט אינ טפיסעס — אונדזערע די רויטע.
מ'שלאָגט זיי אונ מענ פּײַניקט, זיי זאָלנ עפּעס זאָגנ.
מ'ווארפט זיי אינ די קאַרצערס, מיט די הענט פאַרדרייטע".

רייד „טענדענציעזע", דורכגעדרונגענע מיט צאָרנ קעגנ די סאָנים פונעם אר־
בעטער־קלאַס. דער איבערגאַנג אינ דער ליד פונ פאָרמעלנ שרעקלעכנ פּײַנ צו קאַמפּ
„פאַר א ליכטיקנ טאָג" איז געגעבנ נאַטירלעכ.

„נאָר שטאַרק זײַנענ קעמפּער, זיי שרעקט ניט קיינ קלעפּ.
זיי האַלטנ אינ הונגער נאָכ העכער די קעפּ,
יעדער אינ האַרצנ א פײַער פאַרמאָגט —
גייט מענ זיכ שלאָגנ פאַר א ליכטיקנ טאָג.

אונ דאָ גלײַכ — דער בילד פונ אונדזער סאָוועטנפאַרבאַנד:

עס קרעפּטיקט אונ מעכטיקט מײַנ ארבעטער־לאַנד,
עס רורערנ טראַקטערנ אפ פעלדישער ברויט;
עס וואַקסט אונ שטײַגט דער קאָלווירטישער ברויט;
אונ מיר באַ דער פּרעס, באַ הייסע מאָטאָרנ
יאָגנ אונ יאָגנ אונ יאָגנ."

אינ לאַנגמאַנס ליד „אופשטאַנד אינ פּאַלעסטינע" איז באַוויזנ די פּאַלעסטינער
„ספּעציפיק". לאַנגמאַנ קענ די סוויווע, וואָס ער באַשרײַבט, זײַנע שורעס

זײַנען ניט קיין עקזאָטישע, דער אראבער איז ניט קיין אויסגעטראכטער אָדער אראָפּגעשריבענער:

„טויט זיי, טויט!
שלעפּט די שטיינער פון די קופּעס,
רײַסט פון טויערן די פּרענטעס,
זעצט די ענגלענדער די שארבנס
אונטער זייער יאָך
ניט שטארבן״.

דער דערוואכטער קלאסן־געפיל פון אראבישן פּויער איז דאָ אויסגעדריקט אין שורעס, וואָס ווײַזן די אייגנארטיקע פאָרמען פון אופשטאנד אין דער פארשקלאַפּטער קאָלאָניע פּאלעסטינע. אידייִש און קאָמפּאָזיציאָנעל פּארקרעפטיקט דאָס ליד דער אקאָרד—די שטילע שורעס וועגן לענינען און מאָסקווע.

שימשעלעוויטשעס מיניאטור־סצענע „א טאָעס נעבעך״... איז אקטועל, לײַכט, אפילע... צו לײַכט אָנגעשריבן. איר סאָציאַלע וואָגיקײַט איז א קנאַפּע. שימשעלעוויטש האָט דעם קאָמישן עלעמענט, דעם אנעקדאָט, צופיל געשטעלט אין צענטער און האָט אָפּגערוקט אָן א זײַט דעם פּאקט גופע, ארום וועלכן ער וועבט זײַן „שפּאס״: דער פּאקט פון ליידיקגייערײַ און דעזאָרגאניזאציע, וואָס עס טראָגן ארײַן די אָפּגעשטאנענע עלעמענטן אפ דער אונטערנעמונג. עס ווערט דעריבער פארפלאכט דער הומאָר־עלעמענט פון דעם „שפּאס״. שימשעלעוויטשן, וועלכער האָט שוין ניט איינמאָל געשריבן אין דראמאטישן זשאנר, דארפן מיר שטעלן גרעסערע פאָדערונגען, ער דארף געדענקען, אז ניט אונדזער בויונג עקזיסטירט צוליב א פעפערדיקן אנעקדאָט, נאָר אז פארקערט—שפּאס דארף אונדז העלפן הייבן די בויונג, ווען ניט, ווערט דער שפּאס אויסגעלושטשעט פון דעם נייטיקן אינהאלט.

★

אייניקע ווערטער וועגן שוואכערע זאכן אין דער זאמלונג. אפ זיי קען מען לערנען וועגן א ריי פעלערן, וואָס זײַנען ביכלאל דאָ אין דער ליטעראטור פון די שלאָגלער.

מע מוז זיך ערשטנס אָפּשטעלן אפ גאראָנס דערציילונגען. גאראָן איז דער איינציקער אין דער זאמלונג, וואָס נעמט א טעמע פון דער שווערער אינדוסטריע—פון דער מעטאלורגיע, אָבער צום באדויערן גיט ער ניט דעם טיפּ פון פאָרגעשריטענעם מעטאליסט, ער ווײַזט ניט אין זײַן דערציילונג, אז ער זאָל שוין האָבן באַגריפן ריכטיק דעם אָרט פון דעם ארבעטער אפ אונדזער סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג. מיר וועלן נעמען גאראָנס דערציילונג „יוגנט־בריגאדע״: די באשרײַבונג פון פאבריק איז דאָ געגעבן ווי אינדוסטריעלער פּייזאזש. די ארבעטער זײַנען ארויסגעפירט, אָבער עס איז ניט צו זען, אז זיי זײַנען דאָ די באלעבאטים. „דער קאָפּ טוט דיר, אין דײַן מאמען, ווײ, צו וואָס?״, „זיי, אין דער מאמען ארײַן, זײַנען קאָמסאָ, קען מען זיי אונטערדרייען״. אזוי ריידן סײַ פּאָזיטיווע, סײַ נעגאטיוו־געצייכנטע ארבעטער. די דערציילונג איז איבערפולט מיט באשרײַבונגען פון די ארבעט־פּראָצעסן און מיט טערמינען, וואָס זײַנען ניט פארשטענדלעך פארן ברייטן לעזער.

„מיטן הענטל פון הייבער האָט ער דעם שפּינדל אָפּגעשטעלט, אָפּגעפירט אַף צו־ריק דעם סופּאָרט, איבערגעדרייט אַף איין פערטל און געלאָזן דעם סאַמאָכאָדי".
אזעלכע ערטער זײַנען דאָ גענוג. קיין פאָרשטעלונג וועגן די ארבעט־פּראָצעסן קען מען דערפון ניט באקומען, עס איז בלויז א מין אינדוסטריעלע עקזאָטיק. דאָסזעל־בע איז מיט פארגלײַכן: „ארויספּײַלן ווערטער מיט א קיוון געשלײַפטע, אויסגע־מאָסטענע, ווי מיט א צירקל און מילימעטראָוועקע", א. ד. ג. די „אינדוסטריאליזי־רונג" פון דעם קינסטלערישן פארגלײַך איז דאָ ניט קיין אָרגאנישע, א ריין מעכא־נישע, צוגעטראכטע.

בא גאראָנען באקומט זיך, אז קאָליע, א קאָמיוגיסט, וואָס איז קוים דרײַ כאָדאָ־שים אַף דער אונטערנעמונג, וועלכער האָט נאָך ניט באהערשט דעם פּרעז, ווערט א בריגאַדיר. דאָס איז ניט באריכטיקט. לויט דער דערציילונג הערשט אַן אנטאגאָניזם שטענדיק צווישן די ארבעטער באַם פּרעז און די „סבאָרשטשיקעס"—צי איז דאָס כאראקטעריסטיש פאר אונדזער אונטערנעמונג? א ראציאָנאליזאטער־דערפינדער זעט אין דער דערציילונג אויס אזוי: ער שטייט באַם מאשין און פּלוצים פארטראכט ער זיך און עס ווערט געבוירן א ראציאָנאליזאטערישע דערפינדונג (סאָף פון דער דער־ציילונג). ניט ריכטיק—אַף ראציאָנאליזאטערישע פּלענער דארף מען ארבעטן פּאר־טיפט און ניט בלויז „זיך פארטראכטן"—„רואַכ־האקוידעש" (הייליקער גײַסט) ווערט דאָ ניט העלפן!

צוליב דעם אַלץ באקומט זיך ניט בא גאראָנען קיין געלונגענער בילד פון דער פאבריק. עס פילט זיך ניט קיין שום אָנפירונג מיט דער ווירטשאפט און מיטן אר־בעטער־לעבן מיצאַד דער פארטיי. דאָ האָבן מיר א שלאָגלער, וואָס מוז נאָך איבער זיך ארבעטן סײַ אידעאָלאָגיש, סײַ פאָרמעל־טעכניש.

אין דעמזעלבן גײַסט דארפן זײַן די באמערקונגען צו ב. רובינס דערציילונג „בא דער בעטאָנערקע". די דערציילונג איז רוי, דעם כ׳ רובין איז נאָך ניט קלאָר, ווי ער וויל טײַטשן זײַנע טיפּן. עס איז בלויז א פּרווו צו פארצייכענען א טיפּ פון א ליידיקגייער און דעזאָרגאניזאטער בא דער בויונג.

די כ׳טע עלקע ספּעקטער האָט געגעבן איר ערשטע ליד „אונדזער זיג". דאָס ליד איז נאָך שמאָל־צעכיש. אַלס ערשטער פּרווו איז דאָס בלויז אן אויסדרוק פון א באשטימטער אָריענטאציע אין דעם פאבריק־לעבן און פון א באשטימטער מעגלעכקײַט צו אנטפּלעקן דעם ענטוזיאזם פון סאָציאליסטישן זיג.

אַף באָטוויניקס ליד „בויער־בריגאַדע" ליגט א בוילעטער שטעמפּל פון „פּארלי־טעראטעוועטקײַט". „עס לעקט שוין די ווײַטן א הארבסטיקער צונג"—אזא צוגע־טראכטער בילד זאָגט גאָרניט. „און ס׳האָבן די הערצער געזופּט זעם ארום"—אויך א פארליטעראטעוועטע שורע. עס זײַנען פאראן אסאך צוגעטראכטע אויסדריקן, אין וועלכע עס ליגט די טענדענץ צו אויסטערלישעס און צו דיכטערישן ווילקלאנג: „קלינגענדיק קלאנגען זיך האָבן צעלאכט". „שימען צעשלעסערט א שפּסענעם מויל" א. ד. ג. געוויס דארף אונדזער שלאָגלער שטרעבן צו באַרײַכערן די שפּראך פון דער דיכטונג און אין דעם ליגט די פּאָזיטיווע טענדענץ, אָבער יעדער מאָל דארף דאָס „נײַע" באטראכט ווערן, צי איז זי אויסגעהאלטן קוידעמקאָל אין מינימום פון שטאנדפּונקט פון פאָשעטער לאָגיק. באַם כאַווער באָטוויניק איז אָט דער פּעלער

אזוי קאָנטיק אויך דערפאר, ווײַל אים פעלט לעבנ־שטאָפ. ער האָט ניט גענוג מאטעריאל, אונ ער סטארעט זיך פארשטאָפּנ די לעכער אפנ כעשבנ פונ געוויסע טעכנישע „טריוקנ“. דאָס קענ ווערנ א גרויסע געפאר. מענ דארפ געדענקענ: ניט דער וואָרט אנ אונ פאר זיך, נאָר דער וואָרט, וואָס פארקערפערט קאמפ פאר סאָציאליזמ, איז אונדזער געווער פונ קונסט!

2

די זאמלונג „שלאָגלערישע טריט“ האָט אײניקע אווטערנ מיט מער אויסגעשפראָכענע ווערק, אײניקע—מיט ערשטע פרוונ. די מער־פולקאָמע זאכנ געהערנ צו ארבעטער־אווטערנ, וואָס האָבנ זיך שוינ פריִער געדרוקט אינ דער פרעסע אונ אפילע אינ באזונדערע אויסגאבעס, די אנדערע זײַנענ שאפונגענ פונ א נײַעמ אקטיוו, וואָס דער ארבעטער־קרײַז פאר ליטעראטור בא דער דרוקערײַ א. נ. סטאלינ האָט ארײַנגעצויגנ אינ דער ליטערארישער טעטיקײַט.

אויך אינ דער זאמלונג „שלאָגלערישע טריט“ שטייט די טעמע פונ פראָדוקציע אינ צענטער. דער גרעסטע טייל דערציילונגענ, בילדלעך, לידער, פעליעטאָנענ—אונ אזעלכע זײַנענ דאָ 13 אינ דער זאמלונג—זײַנענ אפ פראָדוציר־טעמעס אונ דעריקער אפ טעמעס פונ דעמ אייגענעמ פאך—פונ דרוקערײַ־לעבנ.

מיר וועלנ פריִער באטראכטנ די מער־אויסגעשפראָכענע אווטערנ, וואָס גיבנ אגעוו א גרעסערע צאָל געדרוקטע זאכנ. אפנ ערשטנ אָרט גייט ל. קאצאָוויטש מיט דרײַ דערציילונגענ אינ באזונדערע אָפטיילנ פונ דער זאמלונג, נאָך אימ גייט י. קארפינאָוויטש מיט צוויי פעליעטאָנענ אינ גראמענ.

פונ דרײַ דערציילונגענ—„זעצער“, „אינ ליטאָגראפיע“ אונ „גאזנ“—איז ל. קאצאָוויטשנ מער געלונגענ דאווקע „גאזנ“—א דערציילונג, וואָס אָפערירט ניט דירעקט מיט קיינ מאטעריאל פונ דער טיפּאָגראפיע. „גאזנ“ איז אויסגעבויט אינ א פסיכאָלאָגישנ פלאנ אונ איר אידייע איז—באווײַזנ, ווי עס ווערט אינ דער ארבעטער־סוויווע אויסגעלעבט באלעבעסלדיקער סקעפּטיציזמ. דער העלד בערל שפּונט איז נאִיוו איז סאָציאלנ לעבנ. די סאָציאליסטישע ענדערונגענ דערזעט ער ניט מיטאמאָל (דאָס איז גוט באוויזנ אפ בערלס טראכטענישנ וועגנ דעמ נײַעמ פינפשטאָקיקנ מויער). אָבער ער דערזעט זיי פאָרט אונ שטאפלווײַז לעבט ער אויס דעמ באלעבעסלדיקנ אייגנארטיקנ פאציפיזמ.

דאָ האָט זיך קאצאָוויטשנ אינ אלגעמיינ אײַנגעגעבנ דודכטראכטנ אונ אויסבויענ זײַנ דערציילונג. דעמ מענטש, בערל שפּונט, זעט מענ, זײַנע איבערלעבונגענ זײַנענ געגעבנ מאָטיווירט, די פסיכאָלאָגישע רעאקציע—דער איבערברוך—קומט נאָך א גאנצ־קאָמפּליצירטער גאמע פונ איבערלעבונגענ. דאָ פילט זיך באשטימטער קינסטלערישער שוווּנג. די דערציילונג איז באהויכט מיט א לײַכטנ הײַטל פונ הומאָר: אינ דעמ הומאָריסטישנ שמייכל איז דעמ שרײַבערס באציִונג צו די שוואכע זײַטנ פונ זײַנ העלד. ניטאָ קיינ מאכטלאָזע אָנגעשטרענגטקײַט, וואָס טרעפט אָפט אינ ווערק פונ אָנפאנגער, ניטאָ קיינ שווייס. די טעמע איז באגרענעצט לעכאטכילע, אלצ איז קאָנצענטרירט ארומ העלד, אונ ניט געקוקט אפ דער נאטוראליסטישער צייכענונג

פון דעם טיף בערל שפּונט, איז אָבער אינהאַלטלעך ארויסגעקומען א פּאראַלגעמיי־נערטע דערציילונג, און די אידייע פונעם שרײַבער האָט באַקומען איר דערלייזונג: דער באַלעבעסלדיקער ארבעטער, זעען מיר אין דער דערציילונג, קומט דאָך צו דער איבערצײַגונג, אַז די רעאַלע מילכאָמע־געפאַר דערלאָזט ניט קיין סקעפּטיציזם און פּאַדערט פון יעדן ארבעטער אַקטיווע באַציִונג.

אייניקע מײַלעס פון „גאזן" זײַנען אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אויסגעדריקט אין די אַנדערע צוויי דערציילונגען, וועלכע זײַנען געשריבן אַף דירעקטע פּראָדוצירטעמעס. דעם האַלב־באַלעבעסלדיקן ארבעטער, נעכטיקן קוסטאַר אָדער סטאַם קליינעם פּריוואַט־אייגנטימער, קען קאַצאָוויטש און באַווײַזט אים אין א גאַנצער ריי וואַריאַנטן, ער באַמיט זיך אויסניצן די לעקסיק פון דאָזיקן שיכט, ער גיט אים ביכלאַל אַף דעם צענטראַלן אָרט אין דער דערציילונג „זעצער".

אין „זעצער" איז באַוויזן דער קוסטאַרישער, אָפּגעשטאַנענער, צעשטויבטער לויט זײַן פּסיכאָלאָגיע, ארבעטער־קאָלעקטיוו, דער „צעמענט" פונעם פּראָלעטאַריאַט—דער אַקטיוו—איז דאָ ניט באַוויזן מיט בולעטקײַט, די נעגאַטיווע ארבעטער־טיפּן, די באַלעבעסלעך, מאָלט קאַצאָוויטש מיט א טענדענץ צו פארלייקענען, ער גיט זיי ווי אָנמעכטיקע קאַליקעס, אײַנעווייניק־צעפּוילטע, מיט א פאַרדאָרבענעם געפיל פארן סאָציאַלן לעבן. דאָ מאַכט קאַצאָוויטש א פעלער, ווײַל ער ווײַזט ניט דעם וועג פון איבער־געבורט פאַר אָט דעם ארבעטער־שיכט, עס לאָזט זיך פילן א מין אבסאָלוטע פאַר־לייקענונג. אינדערעמעסן איז דאָך אָבער דערדאָזיקער שיכט אַזאַ, וואָס בויט אים איבער און וואַקסט אויס—דאָס האָט אין אַן אַנדער פלאַך דערזען קאַצאָוויטש אין דער דערציילונג „גאזן". די דערציילונג „זעצער" איז בא אים א פּריִערדיקע, ניט פאַרטיפטע שטופע. דערמיט איז צו דערקלערן אויך דאָס, וואָס אַפילע די פּאָזיטיווע אַקטיוו־פאַרטייִשע פיגורן אין דער דערציילונג „זעצער", זײַנען אָדער „טרעפּאַטשעס" (יעלענע), אָדער צעווייכטע און פאַרקלערטע אין זיך (באָרעך), ניט גענוג אײַנגע־שלאָסענע אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

לויט דער דערציילונג „זעצער" קען זיך אויסדוכטן, אַז די ארבעטער פון איצ־טיקן פּעריאָד, זאָל זײַן די מער אָפּגעשטאַנענע, זײַנען דאָסזעלבע, וואָס אין ערשטן פּעריאָד פון צונויפזאַמלען די ארבעטער־מאַסע באַלד נאָכן בירגער־קריג, פון דאַן איז שוין אָבער דורכגעגאַנגען א פּעריאָד פון גרויסן קאַמף. אין וועלכן דער ארבע־טער־קלאַס האָט נאָכאַנאַנד „געביטן זײַן נאַטור", וואַקסנדיק אַלץ מער ווי א בויער, אָנפירער און שעפער פון סאָציאַליזם.

נעמענדיק זײַנע קוסטאַרישע זעצער־העלדן אין אַזאַ קאָנטעקסט פון אבסאָלוטן אָפּלייקענען, האָט שוין קאַצאָוויטש זיך אַראָפּגעלאָזט צו געבן דעם גאַנצן פאַבריק־פּאָן אין אַזאַ פאַרב. די באַציִונגען צווישן די ארבעטער ווײַזט ער דעריקער ווי באַ־ציִונגען פון צוריסנקײַט, קעגנזײַטיקער פאַראַכטונג, פײַנטשאַפט, אָנשטאָט סאָלידאַרי־טעט. דאָס וויל קאַצאָוויטש באַרעכטיקן מיט דער פאַרגאַנגענהײַט, ווען עס איז נאָך געווען א צעשטויבטער זעצער־ארבעטער, ווײַל דעמלט „האָט זיך יעדערע פון די צעברעקלטע דרוקעלעך—שרײַבט ער—געלעבט מיט איר לעבן, זיך געקאָכט אין איר אייגענער זאַפט". דאָ איז ניט ריכטיק באַגריפן געוואָרן די אַטמאָספער פון קאָלעק־טיוויזם אין אונדזער סאָוועטישן ארבעטער־קלאַס. געוויס איז א גרויסע אונטערנע־

מונג א „טעריטאָריע", וואָס שמידט האסטיקער אויס אייניקייט, אָבער עס איז פאראנ דער ברייטערער קרייז פונ אייניקייט—די אלגעמיינע באדינגונגענ אינ אונדזער לאנד—אינ וועלכנ עס איז ב א א ו נ ד ז איינגעשלאָסנ אויכ די קליינע אונטערנעמונג. דאָ בלייבט אנ אונטערשייד פונ דער גרויסער פאבריק, עס איז אָבער אויכ דאָ דאָס, וואָס פ א ר א י י נ י ק ט זיי. דעמ פאבריק־שטייגער קענ מענ ניט מאָלנ אזוי, אז פליאָט־קעס אונ מיָעסע רייד שאפנ דעמ סטיל פונ דאָזיקנ שטייגער. דעריבער באקומט זיכ אינ דער דערציילונג, אז דער אלטער זעצער איז פאראנ אינ זיינ גאנצנ „פראכט" אונ דער נ יי ע ר זעצער איז נאָכ ניטאָ.

איכ קענ געוויער דאָ ניט ריידנ וועגנ „זעצער", כאָטש מענ וואָלט עס באדארפט טאָנ, ווייל די טעמע פונ כ׳ קאצאָוויטש אינ דער דערציילונג אונ די פעלערנ, וואָס זיינענ דאָ דערלאָזנ—נאטוראליזמ, ניט דיאלעקטישער אנאליזירנ די ארבעטער־מאסע אונ שוואכע פאראלגעמיינערונג־קראפט,—איז אינ דער שאפונג פונ ארבעטער־שלאָג־לער אָפט צו באגעגענענ, ווי שוואכקייטנ פונ וווקס. די גרענעצנ פונ ארטיקל דערלויבנ אָבער ניט עס צו טאָנ מיט דער געהעריקער מאָס בייַשפּילנ אונ ארגו־מענטאציע.

א פאָר ווערטער נאָכ וועגנ דער דערציילונג „אינ ליטאָגראפיע". די אטמאָספער פונ דער אונטערנעמונג, די באציִונג פונ שרייבער צו די ארבעטער, די באציִונג צווישנ די ארבעטער—דאָס אלצ איז שוינ דאָ געגעבנ גאָר בא אנ אנדער ליכט ווי אינ „זעצער". דאָ איז קענטיק בא קאצאָוויטשנ א העכערע מאָס פונ באגרייפנ דעמ פראָדוציר־לעבנ אינעמ איצטיקנ פעריאָד פונ סאָצבועוועט אונ שלאָגלעריי. די ארבע־טער זיינענ דאָ באהעפט צווישנ זיכ אפנ יעסאָד פונ פראָדוציר־פראָצעס. איכ וואָלט עפשער געפרוווט באשולדיקנ קאצאָוויטשנ אינ א נאטוראליסטישער צייכענונג פונ די ארבעטער־טיפנ, האָט ער זיכ אָבער פארבראָנירט דערמיט, וואָס ער האָט ביכלאל געגעבנ עמעסע פאמיליעס, באזונדערס פונ הויפט־העלד כעמע גערשאָווסקי, שאפנ־דיק אזוי אדומ א זאכ, וואָס אמאלגאמירט דערציילונג אונ אָטשערק. אפ וואָס מענ מוז אָבער יע אָנווייזנ קאצאָוויטשנ באמ שילדערנ זיינע העלדנ־שלאָגלער איז: א גע־וויסע מאָס ריטאָריק אונ אידעאליזאציע,—זיסע רייד וועגנ דעמ העלד, וואָס פאר־בייט אָפט דאָס באווייזנ ווירקלעכ אונ פארטיפט דעמ ארבעטער־שלאָגלער. „כעמעס פלייצעס זיינענ שוינ עטוואָס טאקע איינגעבויגנ. 48 יאָר ארבעט באמ פרעס אינ אזא איינ־געבויגענעמ צושטאנד האָבנ געלייגט זייער שטעמפל. כעמע פאלט אָבער בא זיכ ניט אראָפּ". אז כעמע פאלט ניט אראָפּ בא זיכ דארפ מענ גלויבנ דעמ אווטער אפ זיינ וואָרט.

קאצאָוויטש ארבעט אפנ וואָרט. ער דארפ ווייטער שטרעבנ צו א מער זאָפטיקנ וואָרט אונ ניט צופיל זיכ איינצאמענ אינ אלטע ליטערארישע קאנאָנענ.

איכ גיי איבער צו י. קארפינאָוויטש, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט אינ דער זאמלונג צווי פעליעטאָנענ.ביידע פעליעטאָנענ זיינענ געווידמעט ארבעטער־העלדנ: דער ער־שטער העלד איז ווירקלעכ ווערט דעמדאָזיקנ נאָמענ, דער צווייטער „העלד" איז גע־נומענ, קעדיי צו ארויסברענגענ אפ דער העלער שיינ דעמ ארונטערגייסערישנ עלע־מענט אינ דער פראָדוקציע.

דער פעליעטאָנ „גוט איז מיט אזעלכענע צו בויענ סאָציאליזמ" איז ניט גענוג בילדעריש,—עס איז ניט ב א ו ו י ז נ דער שלאָגלער כאָרוצ, עס איז בלויז וועגנ אימ

דערציילט. אויכ דער דערציילנ איז אינ נוסעכ פונ א רעוואָליוטיוונ צעטל פונ גוטע מידעס. „נאָר וואָס איז פאר אימ שווער?—זייער שווער צו זאָגנ, אז ווו דאָס סאמע שווערע—דאָרטנ איז ער דאָ“—אזוי הויל ווערט כאראקטעריזירט א בעסטער שלאָגלער. אינ די אויגנ פונ דעמ לייענער געווינט דערדאָזיקער פעליעטאָנ פאר זיינ צווייטער העלפט, ווו עס איז דאָ סיוזשעטישקייט אונ עמאָציאָנעלע פארב (כאָטש ערטערווייס סענטימענטאלע).

„געווענ א דורכרייס אונ ניטאָ,
ווערט גרינגנ אזוי אונ גרינגער,
אונ איר קוקט אָנ כאָרוצנ—
ער ווערט פאר יוגנט יינגער.
צי מיט דער ווערס זאטקע,
צי אפ א „קאָמפאָסט“—
אומעטומ—פאָרויס,
באפעלנדיק אונ פראָסט“.

אָבער דער בילד פונ שלאָגלער, אינ אלע זיינע פארבינדונגענ, אינ זיינ געשלענגלטנ וועג צו רעוואָליוציאָנערנ באוווסטזיינ איז נאָכ ניטאָ.

אינ דעמ פעליעטאָנ „וועגנ איינעמ א בערל“ איז דאָ מער בילדערישקייט אונ מער סיוזשעט. די שורעס זיינענ בעסער אויסגעבויט, אונ די קויל, וואָס איז געווענדעט קעגנ דעמ באלעבעסל, וואָס זיצט אינ דעמ אָפגעשטאנענעמ אונ פארדאָרבענעמ ארבעטער, טרעפט מער וויניקער אינ ציל.

די רעדאקציע פונ בוכ האָט פארנאכלעסיקט איר אויפגאבע באמ אָפדרוקנ כ׳ זייטשיקס פראגמענט „באשע“. עס איז ניט פארשטענדלעכ געוואָרנ פונ די אָפגעדרוקטע בלעטלעכ, וואָס עס וויל זאָגנ דער אווטער מיט זיינ דערציילונג אונ מיט דער סעריע אָנגעמערקטע טיפנ. וואָס אזוינס איז באשע, די הויפט-העלדנ? זי איז א רעוואָליוציאָנערקע? איז עס עפעס ניט שטארק קאָנטיק, זי פירט זיכ אופ ווי סטאמ א יידענע, וואָס דרייט זיכ ארומ קאָמוניסטנ; זאָל זיינ, אז זי איז א מיטפילנדיקע, וואָס העלפט די קאָמוניסטנ? טאָ צו וואָס איז נייטיק איבערגעבנ איר די ארבעט צו גאנווענענ שריפט פונ א דרוק, בייס די באָלשעוויקעס זיינענ נאָכ דאָ אונ זיי קענענ דעמ שריפט נעמענ אָנ דער הילפ פונ דער יידענע באשע!

ווענ דער פראגמענט וואָלט געווענ גוט אויסגערעדאקטירט אונ מער פארפולט מיט פאקטישנ מאטעריאל, ווענ ער וואָלט אָפגערייניקט געוואָרנ פונ די פרעטענזיעס אפ פסיכאָלאָגיזאציע אונ אינ אימ וואָלט מערער אָרט אָפגעגעבנ ווערנ דער צייכענונג פונ די ארבעטער, וואָלטנ מיר דעמלט געקענט ריידנ וועגנ כ׳ זייטשיקס אויסצוג ווי וועגנ א באשטימטנ ביישטייער צו דער געשיכטע פונ פאבריק.

אינ י. אידעלטשיקס דערציילונג „רעקאָנסטרויִרט דאָס ליד“ איז לעכאטכילע אָנגעצייכנט א ליניע צו באווייזנ אנ ארבעט-העלד. אָבער דער אווטער האָט מיסטאָמע ניט פארמאָגט גענוג שטאָפ פאר זיינ טעמע, שטארק געיאָגט נאָכדעמ האָט ער זיכ, זעט אויס, אויכ ניט, האָט זיכ בא אימ צומ סאָפ „אויסגענומענ די פאָדימ“, אונ ער פירט גאָר די דערציילונג אינ די סאמע לעצטע אבזאצנ אריבער אפ א נייער טעמע: די פראָבלעמ פונ ארבעטער-שלאָגלער אינ דער ליטעראטור, אונ ער מאכט

אזוי, אז אינ פינאל ווערט דער אלטער שלאָגלער באגײַסטערט פונ זײַנ נײַעמ באַקאנטנ, דעמ שלאָגלער אינ דער ליטעראטור, אונ ער רופט אויס:

„נו, כאוועד דרוקער, שרײַב! קאָנסטרויר דײַנע לידער, דערצײלונגענ שטעלט זיי אוועק צו דינסט פונ דעמ פראָמפינפלאנ, העלפ ליקווידירנ דעמ דורכרײַס בא אײַכ...“

א. א. וו.

פונ דאנענ נעמט זיכ מיסטאָמע דער נאָמענ צו דער דערצײלונג. דידאָזיקע שורעס זאָגנ דאָכ אָבער גאָרניט!

די דערצײלונג מאכט אנ אײַנדרוק, ווי דער אווטער וואָלט ווירקלעכ איבערדערצײלט א שמועס אינ וואגאָנ. אָבער עס איז ניטאָ קיינ פונקט, אינ וועלכנ דער אווטער צילט. בעסער איז שוינ דער בילדל „געזעלשאפטלעכע דערנערונג“ פונ זעלבנ אווטער—דאָ זײַנענ פאראנ לעבעדיקע שטריכנ, עס פילט זיכ, אז דער אווטער האָט געוויסע באאָבאכטונג־פײיִקײַטנ.

עס בלײַבט נאָכ צו זאָגנ וועגנ דעמ סאמע שוואכסטנ טייל אינ דער זאמלונג—וועגנ די לידער. די לידער האָט שטארק ניט געגאָלטנ. קענטיק, אז די רעדאקציע פונ דער זאמלונג האָט ניט באזונדערס אכט געלייגט אפ פאָעזיע. אלנפאלס איז די דיכטונג אינעמ ליט־קרײַז פונ די „סטאלינצעס“ א „שמאָלער אָרט“.

די זעכצנ־שורעדיקע ליד פונ נ. לאפידוס לאָזט קוימ איבער א וועלכנ עס איז אײַנדרוק; עס גראמענ זיכ „בלומיקע זאנגענ“ מיט „הילכיקע קלאנגענ“ אונ „פאבריק“ מיט „ארבעטער־גליק“; אבסטראקטע אגיטאציע־שורעס: „אינ שטורמישער בויונג וואקסט דער גיגאנט. אהער, בריגאדירנ, לייגט צו אײַער האנט“; „קוזנעצישע“ אולטרא פאטעטיק. פונ אזעלכע טראדיציעס דארפנ מיר וואָרענענ אונדזערע יונגע ארבעטער־דיכטער.

דערזעלביקער לאפידוס פילט זיכ בעסער בא א ק אָ נ ק ר ע ט ע ר טעמע. ווענ ער שרײַבט די קופלעטנ „צעכ נומ. 5“, איז ער אסאכ פרײַער, שפילעוודיקער, קאָנקרעטער, שלאָגעוודיקער, צילגעווענדעט. געלונגענער איז אויכ דעמזעלבנ לאפידוסעס שורע אינ דער ליד „אנ ענטפער אוראָמ רייזינענ“.

דער צייכנ פונ רעדאקציאָנעלער גאכלעסיקײַט ליגט אויכ אפ דער דערינערונג־ליד פונ אבראמאָוו „איכ געדענק“ אונ אפ דער ליד ג. לעווינ „גיי אפ גאס אונ פראָטעסטיר“. די רעדאקציע האָט ערשטנס באדארפט מערער ארבעטנ מיט די דיכטער, אונ צווייטנס האָט זי באדארפט טאקע דאָ, אינ דער זאמלונג, אָפדרוקנ א קאָנסולטאציע אונ געבנ אנ אנאליז פונ אזעלכע לידער, וואָס האָבנ ניט געקענט גע־דרוקט ווערנ, אונ ניט דרוקנ אָנמעכטיקע פרוווּנ. שלאָגלערישע טריט דארפנ דאָכ זײַנ ט ר י ט!

★

עס בעט זיכ אָנ אנ אויספיר וועגנ דער זאמלונג „שלאָגלערישע טריט“, ער באַשטייט אינ פאָלגנדיקעס:

1. א רײַכער מיט פראָדוציר־טעמאטיק, איז די זאמלונג זייער בונט אינ דער קוואליטעט פונ די אָפגעדרוקטע שאפונגענ אונ גיט א שארפ־ניגעריקע פראָדוקציע

פון פּאָעזיע־מאַטעריאַל. די דערציילונג און דער פעליעטאָן, איַינגעשלאָסן די מיניאַ־טור־פאַרצייכענונג אַפּ אַ שטייגערישער פאַבריק־טעמע, האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן, און דאָס איז גוט. צו דער געשיכטע פון פאַבריק איז נאָך, ווי מען זעט עס פון דער זאמלונג, דער קריַיז קוים־קוים צוגעטראָטן. און דאָס איז זייער שטאַרק צו באַדויערן, וויַיל אין דער אַרבעט פון אַ פאַבריק־קריַיז מוז אָט די אויפגאַבע שטיין אין צענטער; דערמיט טאַקע איז געבונדן דאָס, וואָס די „הייסע" פּראַקטיק פון טאָג האָט ניט איבערגעלאָזן קיין דויַיטלעכע שפּורן אַפּ דער זאַמלונג (אויסער 2 מיניאַ־טורן) — דאָס אַלץ, וואָס ווערט דערציילט אַפּ פּראָדוציר־טעמעס, צייכנט ניט אָן קיין עטאַפּן, מאָמענטן, איבערברוכן אין אַ י צ ט י ק ן לעבן פון דער פאַבריק. און דאָס הייסט, אַז דער קריַיז איז נאָך ניט גענוג געוועזן איַינגעשלאָסן אין דער־גאַנצער סיסטעם פון מאַסן־אַרבעט אַפּ דער אונטערנעמונג. דאָס איז דאָך אָבער אַ גרונט־לעכע פאָדערונג, וואָס דרינגט באַזונדערס אַרויס פון דער באַשטימונג פון צ.ק. וועגן איבערבויען די ליטעראַריש־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס.

2. פאַראַנען שוין אַ באַשטימטע ליטעראַריש קינסטלערישע, לעקסישע און טעכ־נישע אָנזאַמלונג בא די אָנטיילנעמער פון דער זאַמלונג, פאַראַן אַ דראַנג צו „פאַר־ברייטערטער" טעמאַטיק, עס בליצן אויף טאַלאַנטפולע פאַרצייכענונגען פון פיגורן און סיטואַציעס, עס איז גענומען געוואָרן „אַפּן צימבל" דער באַלעבעסל, דער אָפּגע־שטאַנענער אַרבעטער. עס איז נאָך אָבער בלייך און הינטערשטעליק די צייכענונג פון דעם שלאָגלער, פון פּאַרטיי־אָנפירונג און פון דעם אַרבעטער־אַקטיוו דער אונטערנעמונג.

3. פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט קען מען לויט דער זאַמלונג מיש־פּעטן, אַז דער ליטקריַיז האָט זיך ניט פאַרגראָבן אין „ליטעראַטור". די רעזאָליוציע פון ביוראָ פון פּאַרטקאָלעקטיוו וועגן דער אַרבעט פון ליטקריַיז, אָפּגעדרוקט צום כאָפּ פון דער זאַמלונג, איז אַ באַוויַיז אַפּ דעם, אַז דער קריַיז האָט זיך ניט איזאָ־לירט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אַפּ דער אונטערנעמונג, נאָר זיך מיט אים פאַרבונדן, אָבער מען מוז אויך אָנוויַיזן, אַז אין דער רעזאָליוציע איז גאָרניט אָפּ־געמערקט, ווי דער קריַיז קעמפט פאַר פּראָמפינפּלאַן און עס איז אין איר אויך ניט געגעבן געוואָרן קיין דירעקטיוו אַפּ וויַיטער אין אָט דער פּלאַך. דאָס איז אַ צענטראַלע פראַגע פאַרן קריַיז, אָן אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף פאַר פּראָמפינפּלאַן, קען דער קריַיז זיַין אין געפאַר פון אַוועקגיין אַפּ סכאָלאַסטישע און „פּאַרליטעראַ־טעוועטע" וועגן.

אַ צייכן פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן וווּקס פון די אַרבעטער־שלאָגלער אין ליטקריַיז פון די סטאַלינצעס איז אויך דער באַריכט „פון דער דיסקו־סיע אַרום אַלבער־אָנס „שאַכטעס".

3

איצט קען מען מאַכן אייניקע אויספירן וועגן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון ביידע שלאָגלער־זאַמלונגען אין וויַיסרוסלאַנד.

1. ווי מע קען עס לייַכט באַמערקן איז שיר איַנגאַנצן ניט פאַרטראָטן אין דער פּראָדוציר־טעמאַטיק פון די אַרבעטער־שלאָגלער די שווערע אינדוסטריע. דאָס דאַרף

מען דערקלערן מיט דער שוואכער מאסן־ארבעט אין יידיש אפ די אונטערנעמונגען פון דער שוועך־אינדוסטריע און קנאפער אכט צו דידאַקטיקע אונטערנעמונגען מיצאד דער געוועזענער יידסעקציע פון „בעלאפּפּ".

אפילע פון דער לייכטער אינדוסטריע פּרעוואלירט (וועגט אריבער) די „רישטאַ־וואניע",—די הויז־בויונג, אָבער די פּראָדוציר־טעמאטיק, און א מער פּאנאנדערגע־ארבעטער קאָלעקטיוו־געשאפענער בילד פון אן אונטערנעמונג אין דער לײַכטער אינדוסטריע איז געגעבן בלויז אין דער זאמלונג פון די סטאלינצעס.

אזא לאגע איז גיט נאָרמאל. עס איז נייטיק די בויער־טעמע, אָבער מען קען ניט בלײַבן בא דעם קליינעם קרײַז ארבעטער־שלאָגלער פון דער בוי־און לײַכטער אינ־דוסטריע ביכלאל.

2. אין גרונט גיט נאָכ דער טיפּאוש פון די אָפּגעדרוקטע שלאָגלערישע שאפונ־גען בלויז ערשטע צייכענונגען פון דעם העלד פון דער פּראָדוקציע, פון דער שלאָג־בריגאדע, פון דער פּארטיייִשער אָנפירונג. דער אָפּגעשטאנענער ארבעטער, קאמף מיט קליינבירגערלעכע רעשטנ,—דאָס שטייט אין צענטער פון דעם גרעסטן טייל שאַ־פונגען. דאָס איז נייטיק, אָבער עס איז דערבײַ פּאראן די געפאר צו שאפן אן איינזײַטיקן בילד פון אונדזער סאָציאליסטישער אונטערנעמונג, ווען די „צענטראלע פיגור"—דער שלאָגלער, די פּארטיי־אָנפירונג,—איז ניט ארויסגעפירט ווי עס באדארף צו זײַן.

3. די אָפּגעדרוקטע שאפונגען ווײַזן, אז די ארבעטער־שלאָגלער אין דער ליטע־ראטור לערנען מיט דערפאָלג בא דעם עלטערן דאָר יידישע סאָוועטישע שרײַבער, עס איז אויך צו זען עלעמענטן פון לערע בא די קלאסיקער פון דער יידישער לי־טעראטור און בא בערגלסאָנען. דערדאָזיקער לערנען גייט דעריקער איבער דער ליניע פון פאָרם, טעכניק, געבוי. וואָס שײַעכ מאטעריאל און אינהאלט פאלט אינ־גאנצן ארויס פון זייער אויג די שטעטל־פּראָבלעם, זיי זײַנען פרײַ פון יעסעניניִשער יערידע. אָבער גלייכצײַטיק דערמיט זײַנען זיי ניט פרײַ פון סטיכייִשקײַט, עס איז נאָכ אין גרעסטן טייל פאלן ניטאָ קיין אויסגעקריסטאליזירטער קוק אפ לעבנס־דער־שײַנונגען, עס איז דאָ צעכישע שמאָלקײַט און עלעמענטן פון נ א י וו ע ר פּארפלאָ־כונג, וואָס קומט ניט פון א וווּלגארן צוגאנג, נאָר פון שוואכער צוגעגרייטקײַט. דערצו מוז מען צוגעבן דעם פאקט, וואָס עס איז נאָכ ניט גענוג דער קרײַז עלטערע אר־בעטער צווישנ די געקומענע אין דער ליטעראטור־שלאָגלער, דער שיכט ארבעטער, וועלכער דארף ברענגען אין דער ליטעראטור א גרויסע פּראָלעטארישע לעבנס־דער־פארונג, באָלשעוויסטישע טראדיציעס.

דאָס זײַנען גרונט־שטריכן. דערפון דרינגען ארויס א ריי דערציִערישע און שע־פערישע אופגאבן. עס איז קוידעמקאָל קלאָר, אז מען טאָר ניט פאַרנאכלעסיקן דעם צופלוס פון ארבעטער־שלאָגלער אין דער ליטעראטור. די באשטימונג פון צ ק. אל.ק.פּ.(ב) וועגן איבערבויען די ליטעראריש־קינסטלערישע אָרגאניזאציעס פאָדערט מערער אכט צום טאלאנטפולן שלאָגלער, מערער סטימולן פאר זײַן שאפן, מערער אופמערקזאמקײַט צום ארבעטער־קרײַז אפ דער אונטערנעמונג, מערער אכט דער טעכנישער און אידייִשער לערע פון די שרײַבערישע ארבעטער־קאדרען, מערער סיסטעמאטישע ארבעט פון די סאָוועטישע שרײַבער אין די ארבעטער־קרײַזן און

מיט די ארבעטער־שרײַבער אפֿ דער אונטערנעמונג, מערער דרוק מעגלעכקײַטן פֿאַר די ארבעטער־שלאָגלער אינ דער ליטעראַטור.

די צוויי יידישע זאמלביכער, וואָס זײַנען דערשינען אינ ווײַסרוסלאַנד, רופֿן זיך איבער מיט פֿיל ענלעכע ביכער אונ זאמלונגען אינ דער רוסישער, ווײַסרוסישער ליטעראַטור אונ ליטעראַטורן פֿונ אנדערע נאציאָנאַליטעטן אינ פֿ.ס.ס.ר. אינ אוקראַינע זײַנען שוינ אַרויס זאמלונגען אונ זעלבשטענדיקע ווערק פֿונ יידישע שרײַבער ארבעטער־שלאָגלער (דער פֿארשפּרייטונג־אפּאַראַט פֿונ אונדזערע פֿארלאַגן ארבעט אזוי „גלענצנד", אז דידאָזיקע ביכער קענ מענ מיט די גרעסטע באַמיִונגען ניט קריגן אינ מינסק, די פֿארלאַגן האָבן זיך דערטראַכט אינ זייער געשעפֿט־אינטערעס דערצו, אז זיי שיקן ניט שוינ קיינ רעצענזיע־עקזעמפּליאַר אינ די רעדאקציעס פֿונ צײַטונגען אונ זשורנאַלן!) צוזאַמען מיטן קענטיקן וווּקס פֿונ דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור גייט דער גרויסער אָנוווּקס פֿונ נײַע קויכעס, וואָס קומען פֿונ דער פֿאַבריק, שאַכטע, רישטאַוואַניע. עס איז א גלענצנדיקער פֿאַקטער פֿונ אונדזער צײַט. מענ דאַרפֿ דורכ פֿארשטאַרקטער אָרגאַניזאַציע אונ אָנפֿירונג מיטהעלפֿן אלץ מער אונ מער אָפּעפֿענען די שעפֿערישע מעגלעכקײַטן פֿאַר די טאַלאַנטן, וואָס זײַנען דאָ אינ דעמ ארבעטער־קלאַס, אונ מענ דאַרפֿ דערבײַ געדענקען, אז וואָס שײַעכ דער יידישער ליטעראַטור, איז נאָכ גאָרניט געטאָן געוואָרן צו מיטהעלפֿן אויסהאָדעווען די קאַדרען שרײַבער אונ קינסטלער פֿונ די ק אָ ל ו י ר ט י ש ־ ס אָ ו י ר ט י ש ע שלאָגלער־רייען.

אונ וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק: מענ מוז אויסזוכן די פֿאָרמען אונ מעטאָדן פֿונ פּאַרטיפּערטן לערנען, אזא לערנען, וואָס זאָל אינ טעכנישן אונ באַזונדערס אינ מאַרקסיסטיש־לענינישן זינ סיסטעמאַטיש אופֿהייבן די נײַע קאַדרען ארבעטער־שרײַבער אפֿ א העכערער שטופֿע.

„קיינ איינ הערשנדיקער קלאַס איז זיך ניט באַגאַנגען אָן זײַנער אן אייגענער אינטעליגענץ. ניטאָ קיינ שום גרונט צו צווייפֿלען אינ דעמ, אז דער ארבעטער־קלאַס ‎ונ פֿסס'ר וועט זיך אויכ ניט קענען באַגיינ אָן זײַנ איינענער פּראָדוציר־טעכנישער אינטעליגענץ". דידאָזיקע אָנווײַזונג פֿונ כ' סטאַלינ צו אויסשמידן אנ אייגענע אינטעליגענץ פֿאַר דער אינדוסטרי־ע איז אויכ א דירעקטיוו פֿאַר דער ליטעראַטור אונ קונסט. ארבעטן אונ ארבעטן פֿאַר דער זאַכ פֿונ באַשאַפֿן די ליטעראַטור־קאַדרען פֿונ די ארבעטער־שלאָגלער, געבנדיק גלײַכצײַטיק א ווידערשטאַנד די פּרוּוונ צו קעגנשטעלן די שלאָגלער־קאַדרען קעגנ די פֿאַראַנענע סאָוועטישע שרײַבער־קאַדרען, באַקעמפֿנדיק סײַ פּראָלעטבאַרימערײַ אינ דער ליטעראַטור אונ סײַ דאָס ניט־דערשאַצן דעמ קינסטלער, וואָס גייט פֿונ די רייען פֿונ ארבעטער־שלאָגלער!

יול 1932 י.

אינהאלט

	זייט
פיר טעזיסן וועגן „קײלעכדיקע וואָכן"	3
דאָוויד בערגעלסאָנס נײַער דערפֿאָלג	10
„פּלאַקאַטן אַף בראָנזע"	18
וועגן מ. קולבאַקס שאַפֿן	25
אַקסעלראָדס נײַער גאַנג	40
אַפֿן וועג צו באָלשעוויסטישער פּאַרטייִשקײַט	47
אַ פּרוּוו צו קינסטלעריש דעמאַסקירן דעם ייִדישן שאָוויניזם	53
אין שפּיגל פֿון רעוואָלוציאָנערער אויסרײַסונג	73
רעאַביליטאַציע פֿון פּאָליטישן פּעליעטאָן	87
פֿאַלשער פּאַטאָס	95
שוואַכקײַטן פֿון איבערבויונג	102
דער אַרבעטער-שלאָגלער האָט אַ וואָרט	109